## שכה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר עֵקֶב י"ח אָב ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ פָאלְגְסְט מִיר נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', וויפִיל מָאל הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ צוּבְרֶעכְן דִי שְׁטוּבֶּער פוּן אִינְגֶעלַייט כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל זַיין מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן רס"ד) מֶען דַארְף אַ וַוייבּ זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין, וָוארוּם זֵי מִיטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, צַעַר עִיבּוּר וְכוּ', צַעַר לֵידָה וְכוּ', צַעַר גִידוּל וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן דִי וַוייבּ.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגוּפוֹ, וְהַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִירְקָן, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה') "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; דָאס הֵייסְט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט לֶערְנֶען אַנְדֶערְשׁ פְּשַׁט, אַ וַוייבּ דַארְף מֶען לִיבּ הָאבְּן, אוּן מְכַבֵּד זַיין, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט קִינְדֶער וַואקְסְן זֵיי אוֹיף, אוֹיף הֶפְקֵר, אַזוֹי וְוִי חַיוֹת אִין וַואלְד.

**אַ** מַאן דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן כָּבוֹד פוּן זַיין וַוייבּ וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית י"ב) "וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ" וְהַיְינוּ דְּאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ, (אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן עֶנְקֶערֶע וַוייבּ, וָואס אִין דֶעם זְכוּת וֶועט עֶטְץ וֶוערְן רַייךְ)؛ אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ; אִיז וְוִי קֶענֶען קוּמֶען אַפָּאר צוּדְרֵייטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי רוּפְן זִיךְ פִּירֶער'ס וָואס זֶענֶען נִישְׁט מֶער וְוִי פַּארְפִירֶער'ס אוּן זָאגְן אַנְדֶערְשׁ וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּן וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט? אַ בְּרֶסְלְבֶר חָסִיד הֵייסְט נָאר דֶער וָואס עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם אוֹיבּ עֶר פָאלְגְט נִישְׁט הָאט עֶר קַיין שׁוּם שַׁייכוּת נִישְׁט צוּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז פוּן וואוּ הָאסְטוּ גֶענוּמֶען דַיינֶע פַארְקְרִימְטֶע וֶועגְן וְכוּ' נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען וְכוּ' נָאר שְׁלָאפְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיף אַ בַּאנְק אִין שׁוּהל וְכוּ', וֶוער הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַזֶעלְכֶע פַארְקְרִימְטֶע וֶועגְן? דִי אוּמְוֶועגְן הָאט גָאר קַיין שׁוּם שַׁייכוּת נִישְׁט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיסֶער זִינְד מְצַעֵר זַיין אַ וַוייבּ, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה.

**אִיךְ** הָאף אַז דו וֶועסְט מִיר שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ פָּאלְגְן, אִיךְ זָאג גָארנִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע זַאכְן, אִיךְ חַזֶר נָאר אִיבֶּער דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, אוּן וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן.

**אִיךְ** הָאף דו וֶועסְט זִיךְ אָפְּטְשֶׁעפֶּען אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל פוּן דִי זֶעלְבְּסְט גֶעקְרוֹינְטֶע פִירֶערְס, וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מֶער ווִי פַּארְפִירֶערְ'ס, הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז יֶעדֶער קְרֶעצִיגֶער אִינְגֶערְמַאן וְכוּ' וָואס עֶר הָאט אוּנְטֶער זִיךְ אַפָּאר מֶענְטְשְׁן, רֶעדְט עֶר זִיךְ אַיין אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ מַנְהִיג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן אַ תַּאֲוָה צוּ זַיין מַנְהִיגִים, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פִירְן ווִי קֶענֶען זֵיי פִירְן אַ אַנְדֶערֶע? דֶער שְׁנַיידֶערְ'ס זוּהְן וָואס אִיז אַלֵיין פָּגוּם וְכוּ', אָדֶער דֶעם שִׁיסְטֶערְ'ס זוּהְן וָואס הָאט אַלֵיין נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וֶועט דִיךְ לֶערְנֶען אַן הַנְהָגָה אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם? דו כַּאפְּסְט גָארנִישְׁט ווִי מֶען פַּארְפִירְט דִיךְ!! אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט צוּ אַן אַנְדֶערְן מִיט עֲבוֹדוֹת פוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ', דֶער הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט עֶר אַלֵיין אַוֶועקְגֶעטְרִיבְּן פוּן זִיךְ, ווִי סְ'אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת.

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט דִיךְ אָפּ פוּן דֶעם וְכוּ', אוּן לֶערְנְט מִיט דִיךְ פַאלְשֶׁע לִימוּדִים אַז אַ מַאן דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג צוּ אַ פְּרוּי וְכוּ', אוּן עֶר דַארְף אִיר נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן אַלֶעס וְכוּ', זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ,

וָוארוּם עֶר אִיז אַ שָׁלִיחַ פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּ צוּבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּב וְכוּ' וְכוּ', וְעָלָיו הָרַאֲיָה וֶוען דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן וְכוּ' וֶועט יֶענֶער נִישְׁט וֶועלְן אֲפִילוּ רֶעדְן מִיט דִיר וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם פָּאלְג מִיר, גֵיי אַוֶועק פוּן דִי זֶעלְבְּסְט גֶעקְרוֹינְטֶע פַּארְפִירֶערְס, וּבִפְרַט וָואס דִי לֶעצְטֶע יָארְן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן מַנְהִיגִים וְכוּ', אוּן זֵיי זָאגְן דֵיעוֹת אִין רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אוּן מֶענְטְשְׁן קוּקֶען אוֹיף זֵיי אַזוֹי וִוי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ בָּאק וְכוּ', אוּן אָךְ אוּן וֵויי אִיז דֶער וָואס עֶר וַואגְט זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף זֵיי וְכוּ' וְכוּ', קֵיינֶעם פַּאלְט נִישְׁט אַיין אַז אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן אִין אַ קִיבּוּץ וְכוּ' אִיז אַ סָפֵק מַמְזֵר וְכוּ' אָדֶער אַ וַודַאי מַמְזֵר וְכוּ', וָוארוּם דִי טְמֵאִים וּמְטוּמָאִים אוּן דִי פּוֹשְׁעִים אִין דִי קִיבּוּצִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אַ אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶער לֶעבְּן וְכוּ', שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלָּךְ שֶׁלִּי וְכוּ' (וְדֵי לְחַכִּימָא), בִּיסְטוּ דָאךְ אַ סָפֵק מַמְזֵר אָדֶער אַ וַודַאי מַמְזֵר וָואס דוּ בִּיסְט אֲפִילוּ נִישְׁט רָאוּי לָבֹא בְּקָהָל וְכוּ', אוּן וִוי וֶוערְסְטוּ שׁוֹין הַיינְט אַ מַנְהִיג אוּן דוּ זָאגְסְט שׁוֹין דֵיעוֹת אוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ?

[**אֱמֶת** אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן סְ'אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער זָאלְסְט זַיין אַ מַכִּיר אֶת מְקוֹמְךָ אוּן זִיץ אִין דַיין ד' אַמוֹת אוּן טוּה תְּשׁוּבָה דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אָבֶּער וֶוער מִיר נִישְׁט קַיין מַנְהִיג וְכוּ'].

**אִיךְ** הָאף אַז דִי וֶוערְטֶער וֶועט אַרַיינְגֵיין בַּיי דִיר אִין הַארְצְן, אוּן אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל וֶועסְטוּ מִיךְ שׁוֹין פָּאלְגְן, אוֹיבּ נִישְׁט, טוּה מִיר אַ טוֹבָה קוּם נִישְׁט מֶער צוּ מִיר, אוּן

פַארְדְרֵיי מִיר נִישְׁט דֶעם קָאפּ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיךְ זָאג דִיר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ, אוּן אִיר הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף הֶעלְפְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דָאס וַוייבּ וֶועט דִיךְ נִישְׁט זַיין אַ מִתְנַגֵד צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, פַארְקֶערְט זִי וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אוּן זִי וֶועט דִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַ גַאנְצְן רֶענְצְל מִיט כָּל טוּב.

**צוּלִיבּ** אֵיין מְשׁוּגֶענֶעם וְכוּ׳, צוּלִיבּ אֵיין פַארְקְרִימְטְן פַארְפִירֶער וְכוּ׳, דַארְפְן אַלֶע אִינְגֶעלַייט לַיידְן, בְּשַׁעַת זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, זֵיי וֵוייסְן פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן נִישְׁט צוּ זָאגְן, אָבֶּער אִינְדְרוֹיסְן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אַז דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלְבֶ׳ר חֲסִידִים, דָאס אִיז סְתַם אֲסַפְסוּף וְכוּ׳, וָואס עַבְדָא בְּהֶפְקֵירָא נִיחָא לֵיהּ וְכוּ׳, אַ אֶמֶתֶ׳ר בְּרֶסְלְבֶ׳ר חָסִיד פִירְט זִיךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיף, עֶר הַאלְט דִי שְׁטוּבּ זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶר אִיז מְכַבֵּד זַיין וַוייבּ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (דְבָרִים ד׳) ״רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמוֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ וּפֶן יָסוּרוּ מִלְבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶיךָ וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ״ אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ר״ט) אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּהְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז זַיין זַאךְ זָאל זִיךְ צִיעֶן, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן

חֵלֶק ב׳ סִימָן ז׳ וְסִימָן ס״ח) אַז דִי תַּלְמִידִים זָאלְן מַאכְן אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי מִדּוֹר דּוֹר, מֶען זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן זַיינֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן קצ״ז) ״אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן צְווִישְׁן אַייךְ״.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אַ בְּרֶסְלְבֶ׳ר חָסִיד אִיז נָאר דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן עֶר אִיז מְקַיֵּים זַיינֶע וֶוערְטֶער, וָוארוּם זָאנְס נַארְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר נַארְט יֶענֶעם.

**אִיךְ** הָאף אַז דִי וֶוערְטֶער וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דַיין הַארְץ, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דַיין וַוייבּ, וָואס זִי אִיז אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל פַאר דִיר, אוּן בִּזְכוּת דָאס שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ, וֶועט דָארְטְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה יז.) אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן; אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ״ל (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט׳ הֲלָכָה ח׳) אִי אֶפְשָׁר לְאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה, וְאִי אֶפְשָׁר לְאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ, אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵיהֶן בְּלֹא שְׁכִינָה.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד, אוּן עֶר זָאל דִיר אוֹיפְמַאכְן דִי אוֹיגְן, אוּן זָאלְסְט זֶעהְן וָואוּ דֶער אֱמֶת אִיז.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# שכו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר עֵקֶב י"ח אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן דָאס גֶעבְּן צְדָקָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, אַזוֹי ווי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְּן אוּן דוּ בִּיסְט פַארְמֶעגְלִיךְ, זָאלְסְטוּ זֶעהְן גֶעבְּן פַאר יֶעדְן אָרֶעמַאן וָואס עֶר קוּמְט צוּ דַיין טִיר אַ שֵׁיינֶע נְדָבָה, מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן אַן אָרֶעמַאן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער "גֵיי זָאג טַאטִי אִיז נִישְׁט דָא" אָדֶער "גֵיי זָאג מַאמִי אִיז נִישְׁט דָא" וָוארוּם אוֹיבּ מֶען זָאגְט אַזוֹי אִיז חָלִילָה וְחַס וֶועט דַארְטְן שׁוֹין קַיין טַאטֶע נִישְׁט זַיין אָדֶער אַ מַאמֶע וֶועט נִישְׁט זַיין, מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן פַאר אַ אָרֶעמַאן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ל"ד סִימָן ט') הֶעָנִי הַזֶּה עוֹמֵד עַל פִּתְחֲךָ וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד עַל יְמִינוֹ דִכְתִיב (תְּהִלִּים ק"ט) "כִּי יַעֲמוֹד לִימִין אֶבְיוֹן", אִם נָתַתָּ לוֹ דַע מִי שֶׁעוֹמֵד עַל יְמִינוֹ וְנוֹתֵן לְךָ שְׂכָרְךָ, וְאִם לֹא נָתַתָּ לוֹ דַע מִי שֶׁעוֹמֵד עַל יְמִינוֹ פּוֹרֵעַ מִמְךָ דִכְתִיב (שָׁם) "לְהוֹשִׁיעַ מִשּׁוֹפְטֵי נַפְשׁוֹ".

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן קַיין אָרֶעמַאן פוּן דַיין שְׁטוּבּ אָן גָארְנִישְׁט, גֶעבּ אִים עֶפֶּעס,

און זַיי אִים מְפַיֵּיס וְכוּ', אָבֶּער טְרַייבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶּועק, וואוּ שְׁטֵייט אַז אֵיינֶעם דַארְף מֶען גֶעבְּן הוּנְדֶערְט דָאלְלֶער און נַיין און נַיינְצִיג אָרֶעמֶעלַייט אַוֶּועקְטְרַייבְּן? הָאסְט נָאר אַ הוּנְדֶערְטֶער, צוּטֵייל עֶס פַאר הוּנְדֶערְט אָרֶעמֶעלַייט.

מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶּועקְשִׁיקְן אַ אָרֶעמַאן, און מִכָּל שֶׁכֵּן מְבַזֶּה זַיין אַ אָרֶעמַאן, וָוארוּם אַ אָרֶעמַאן אִיז דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס גֶעשַׁאנְק, און עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (וַיֵּרָא קד.) בְּשַׁעֲתָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִים לֵיהּ לְבַר נַשׁ, מְשַׁדֵּר לֵיהּ דוֹרוֹנָא, וּמַאן אִיהוּ, מִסְכְּנָא, בְּגִין דְיִזְכֵּי בֵיהּ, וְכֵיוָן דְזָכֵי בֵיהּ אִיהוּ אַמְשִׁיךְ עֲלֵיהּ חַד חוּטָא דְחֶסֶד דְאִתְמַשֵּׁךְ מִסְטַר יְמִינָא, וּפָרִישׂ אֲרֵישֵׁיהּ וְרָשִׁים לֵיהּ, בְּגִין דְכַד יֵיתֵי דִינָא לְעָלְמָא הַהוּא מְחַבְּלָא יִזְדְהַר בֵּיהּ, וְזָקִיף עֵינוֹי וְחָמָא לְהַהוּא רְשִׁימוּ, כְּדֵין אִסְתַּלַק מִנֵיהּ וְאִזְדְהַר בֵּיהּ, בְּגִינֵי כַּךְ אַקְדִים לֵיהּ קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּמָה דְיִזְכֵּי; וֶועמֶען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט לִיבּ שִׁיקְט עֶר אִים אַ מַתָּנָה אַ אָרֶעמַאן, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶעלְפְט אַ אָרֶעמַאן אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ חוּט שֶׁל חֶסֶד, און עֶס וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן דֶער חֶסֶד וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, און וֶוען עֶס קוּמְט חָלִילָה וְחַס אַ דִין אוֹיף דֶער וֶועלְט, און דֶער מַלְאָךְ הַמַשְׁחִית זֶעהְט אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן דֶעם צֵייכְן פוּן חֶסֶד וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, טְרָאגְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן אִים, און עֶר טְשֶׁעפֶּעט אִים נִישְׁט.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן אִיד וָואס עֶר קוּמְט צוּ דַיין טִיר, צְדָקָה. און מֶען

טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַװעקְשִׁיקְן אָן גָארְנִישְׁט, און דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא מִשְׁפָּטִים) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נַפְשׁוֹ שֶׁל עָנִי הָיְתָה מְפַרְכֶּסֶת לָצֵאת מִן הָרָעָב וְנָתַתָּ לוֹ פַּרְנָסָה וְהֶחְיֵיתָ אוֹתוֹ חַיֶּיךָ שֶׁאֲנִי מַחֲזִיר לְךָ נֶפֶשׁ תַּחַת נֶפֶשׁ לְמָחָר בִּנְךָ אוֹ בִתְּךָ בָּאִין לִידֵי חוֹלִי וְלִידֵי מִיתָה וְאֶזְכּוֹר אֲנִי לָהֶם אֶת הַמִּצְוָה שֶׁעָשִׂיתָ עִם הֶעָנִי וּמַצִּיל אֲנִי אוֹתָם מִן הַמִּיתָה הֲוֵי (מִשְׁלֵי י"ט) "וּגְמוּלוֹ יְשַׁלֶּם לוֹ" שֶׁאֲנִי מְשַׁלֵּם לְךָ נֶפֶשׁ תַּחַת נֶפֶשׁ; אַז װאוּיל אִיז דֶעם אִיד װָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים גֶעשֶׁענְקְט מִיט עֲשִׁירוּת און עֶר טֵיילְט צְדָקָה פַאר יֶעדְן אָרֶעמַאן.

זְוִיסְן דַארְפְסְטוּ װיסְן, הָאסְט טַאקֶע אַ שֵׁיינֶעם הויז, אָדֶער אַ שֵׁיינֶעם פַּאלַאץ מִיט פוּפְצְן צִימֶערְן וְכוּ', הָאסְט שֵׁיינֶע טֵייעֶרֶע מֶעבִּיל וְכוּ', הָאסְט אַ װִינְטֶער שְׁטוּב אִין פְלַארִידֶע, אַ זוּמְמֶער שְׁטוּב אִין דִי בֶּערְג וְכוּ', הָאסְט צְוֵויי קַארְ'ס וְכוּ', נוּץ דָאס גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, עֶס זָאל דִיר װאוּיל בַּאקוּמֶען, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיר דָאס גֶעגֶעבְּן נוּץ עֶס, אָבֶּער פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן אָרֶעמֶעלַייט װָאס זַיי זֶענֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס צוּבְּרָאכֶענֶע כֵּלִים, און װיסְן דַארְפְסְטוּ װִיסְן אַז דֶעם שֵׁיינֶעם הויז וְכוּ', און דִי שֵׁיינֶע מֶעבִּיל וְכוּ', און דִי קַארְ'ס וְכוּ', װֶעסְטוּ דָא אִיבֶּערְלָאזְן וְכוּ', װָאס װֶעט דִיךְ בַּאגְלֵייטְן? נָאר דִי צְדָקָה װָאס דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אַזוֹי װִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נ"ח) "וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ".

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן װָאס הֵייסְט הֶעלְפְן אַן אָרֶעמַאן, װָארוּם װֶען אַ מֶענְטְשׁ װָאלְט גֶעװִיסְט װִי

חָשׁוּב אוּן טַייעֶר עֶר אִיז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוען עֶר הֶעלְפְט אַ אָרֶעמַאן, וָואלְט עֶר גֶעטַאנְצְט פַּאר שִׂמְחָה וֶוען ס'קוּמְט צוּ אִים אַ אָרֶעמַאן, אוּן עֶר וָואלְט אִים נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט אַז דוּ מוּזְט אַוֶועקְגֶעבְּן דַיין פַארְמֶעגְן וְכוּ', אָבֶער וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן אַ אָרֶעמַאן אָן גָארְנִישְׁט, עֶפֶּעס גֶעב אִים, אוּן דוּ זָאלְסְט אִים זַייעֶר מְכַבֵּד זַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ בַּאשִׁיצְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# שכז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר עֵקֶב י"ט אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זַייעֶר אַז דוּ בִּיסְט אַ מַגִּיד שִׁיעוּר פַאר גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים, וָואס דָאס אִיז פוּן אֵיין זַייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער אַחְרָיוּת, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זְכוּת, דֶער זְכוּת אִיז אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי בָּחוּרִים הַתְמָדַת הַתּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָא אִין דֶעם אַ גֶעוַואלְדִיגֶער

אַחְרַיוּת, מֶען דַארְף אַ בָּחוּר אוּיסְלֶערְנֶען וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ בֵּיימְל אִיז יוּנְג קֶען מֶען דָאס בֵּייגְן וְויאַזוֹי מֶען וִויל.

**אַ** בָּחוּר דַארְף מֶען אוּיסְלֶערְנֶען מִדַת הַצְנִיעוּת וְכוּ', וָוארוּם כָּל זְמַן עֶר וֶועט הָאבְּן בּוּשָׁה וֶועט עֶר נִישְׁט זִינְדִיגְן, וְוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים כ.) כָּל אָדָם הַמִתְבַּיֵישׁ לֹא בִּמְהֵרָה הוּא חוֹטֵא; עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר וְוי דוּ לָאזְט דִי בָּחוּרִים גְלַייךְ וְוי זֵיי שְׁטֵייעֶן אוּיף מִיט דִי פִּזְשַׁאמֶעס לוֹיפְן אִין מִקְוֶה, קוֹדֶם אִיז דָאס אַ שְׁטִיק וֶועג פוּן בָּאנְגֶעלאוּ בִּיז צוּ דִי מִקְוֶה, אוּן עֶס וואוֹינֶען דָאךְ דָארְטְן מִשְׁפָּחוֹת, דַארְף דָאךְ אַ בָּחוּר זִיךְ שֶׁעמֶען אַזוֹי אַרוּיסְצוּגֵיין אִינְדְרוֹיסְן וְכוּ', וואוּ אִיז דִי צְנִיעוּת? אוּן צְוֵוייטְנְ'ס מֶען לֶערְנְט אוּיס דִי בָּחוּרִים צוּ זַיין פוֹיל וְכוּ', אִיךְ הָאבּ אַ מִקְוֶה אִין דֶעם זֶעלְבְּן בִּנְיָן וואוּ דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֵוייסְן זֵיי אַז מֶען שְׁטֵייט אוּיף דַארְף מֶען זִיךְ אָנְטוּהְן אַלֶע קְלֵיידֶער וְכוּ', אוּן זֵיי לוֹיפְן אַרָאפּ אִין מִקְוֶה מִיט דִי קְלֵיידֶער וְכוּ', דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין מִדַת הַזְרִיזוּת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הַיינְט אָן זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ, הֵן סְ'אִיז קַיין צְנִיעוּת נִישְׁט, סְ'וואוֹינֶען דָאךְ דָארְטְן מִשְׁפָּחוֹת וְכוּ', אוּן הֵן מֶען לֶערְנְט זֵיי אוּיס צוּ זַיין פוֹיל.

**בָּחוּרִים** מוּז מֶען אוּיסְלֶערְנֶען מִדַת הַזְרִיזוּת, אוּן וֶוען מֶען הָאט דִי מִדָה, הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶע גוּטֶע מִדוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת עַצְלוּת סִימָן ב') עַל

יְדֵי זְרִיזוּת מֵסִיר אֶת הַשֵּׁינָה וּמְחַיֶּה אֶת הַמּוֹחִין; אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן הַיינְט אָן אוֹיף דֶעם.

**זָאלְסְט** אַרֵיינְשַׁיינֶען אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# שכה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר עֵקֶב י"ט אָב ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט אוֹיף פִּדְיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַמְתִּיק זַיין פוּן דִיר דִי דִינִים דוּרְךְ פֶּלֶא עֶלְיוֹן.

מֶען דַארְף דָן זַיין יֶעגֶעם לְכַף זְכוּת, מֶען טָאר נִישְׁט נִישְׁטֶערְן אִין יֶעגֶעם'ס צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ', סְ'אִיז נִישְׁט דַיין גֶעשֶׁעפְט וָואס אִיז גֶעוֶועזְן וְכוּ', זִי הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם שִׁידוּךְ, מִן הַסְתָּם אִיז גֶעוֶועזְן אִין דֶעם אַ סִיבָּה וְכוּ', אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין גִיסְן זַאלְץ אוֹיף יֶעגֶעם'ס וואוּנְדְן, בִּכְלַל דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט זַיין נַייגֶערִיג וָואס טוּהְט זִיךְ בַּיי יֶעגֶעם וְכוּ', וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (יִתְרוֹ עה:) מַאן דְאוּדְנוֹי רַבְרְבִין טִפְּשָׁא בְּלִבֵּיהּ וְשִׁגְעוֹנָא בְּרוּחֵיהּ; וֶוער סְ'הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן אִיז אַ טִיפֶּשׁ אוּן אַ מְשׁוּגֶענֶער

וְכוּ', וָואס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אָנְגֵיין וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם? דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַחְלָה בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי ווילְן שְׁטֶענְדִיג ווִיסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם וְכוּ', זָארְג בֶּעסֶער וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי דִיר, אוּן זֶעה צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ פַארְרֶעכְטְן, אָבֶּער לָאז אָפּ יֶענֶעם.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ מֵיין וְכוּ' וְכוּ'.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# שכט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר עֵקֶב י"ט אָב ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה וָואס מֶען גֶעבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ זַיי פְרֵיילִיךְ, נָאר דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְווֹת, צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" דָארְטְן אִיז נָאר שִׂמְחָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, מִיט דֶעם ווַייזְט עֶר אַז דָאס הַארְץ

זַיינֶע אִיז לוּיטֶער, אָן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר מֵיינְט דָאס עֶרְנְסְט, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס אַ אִיד דַארְף דֶערְגְרֵייכְן, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְווֹת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דָארְטְן בַּיי אִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה לד סִימָן ח') לִמְדָךְ תּוֹרָה דֶרֶךְ אֶרֶץ שֶׁכְּשֶׁיְהֵא הָאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה, יְהֵא עוֹשֶׂה אוֹתָהּ בְּלֵב שָׂמֵחַ; וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה זָאל עֶר עֶס טוּהְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער שִׂמְחָה.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט דָאס דֶער הָאֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִים וִיטַאל זַ"ל אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת בִּיז גִילוּי אֵלִיָהוּ הַנָבִיא וְכוּ' אוּן מְגַלֶה זַיין אַזֶעלְכֶע פָארְבָּאָרְגֶענֶע גִילוּיִים וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְווֹת מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שִׂמְחָה, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוִוינְט דֶער לַאטֶערִי גָאר אַ פַאנְטַאסְטִישְׁן סוּמֶע גֶעלְט, וָואס דֶעמָאלְט אִיז עֶר דָאךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי שִׂמְחָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי מְקַיֵים זַיין אֵיין מִצְוָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילִיךְ בַּיי מְקַיֵים זַיין יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע מִצְוָה. אוֹיךְ הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט מִיט גָאר גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן עֶר הָאט מַזְהִיר גֶעוֶוען זַיין תַּלְמִיד אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, זָאלְסְט וִויסְן אַז אוֹיבּ מֶען דַאוֶוענְט טְרוֹיעֶרִיג אִיז

דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר דִי נְשָׁמָה וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה סִימָן ע') עַל יְדֵי שִׂמְחָה תָּבֹא תְפִילָּתְךָ בְּהֵיכַל מֶלֶךְ; אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן פ"א) תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה הִיא עֲרֵיבָה וּמְתוּקָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ טוּהְן אַלֶעם אִין דֶער וֶועלְט נָאר זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן מִיט דֶעם בִּיסְטוּ מְגַלֶּה אַז דוּ מֵיינְסְט עֶס עֶרְנְסְט צוּ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער** הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אַייזִיקְ'ל פוּן קָאמַארְנָא זי"ע זָאגְט אַז דִי וֶועלְט מֵיינְט אַז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז דֶער וָואס זִיצְט בֵּין תַּנּוּר לְכִירַיִם אוּן צֶען קַבִּין מָרָה שְׁחוֹרָה הֶערְשְׁט אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', דֶער נַאר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט אִים אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי זִיךְ, וָוארוּם עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן פַארְקֶערְט שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## שֶׁל

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר עֵקֶב י"ט אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן אִיךְ בִּין זִיךְ נוֹהֵג יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶס קוּמְט חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אִיז בַּיי יֶעדְן שִׁיעוּר וָואס

אִיךְ לֶערְן בָּרַבִּים בִּין אִיךְ מְפַרְסֵם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) דָאס מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ גְרוֹיסְן פֶּלֶא אוּן אַ ווָאוּנְדֶער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן זֵיי גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט אָנְזָאגְן פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם גָאר מַיין זַאךְ אִיז נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים אוּן פָאלְגְט אִים אוּן אִיז מְקוּרָב צוּ אִים, זָאל עֶר זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אִים אִין אוּמַאן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

**אִיבֶּערְדֶעם** פִיר אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַלֶע יָארְן פוּן זִינְט מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן,
דָאס הֵייסְט פוּן זִינְט דִי מַאכְט פוּן דִי קָאמֶענִיסְטְן אִיז צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרֶעקֶלְט גֶעוָוארְן וְכוּ' אוּן עֶס אִיז אָפְן אַלֶע גְרֶענִיצְן אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען שׁוֹין פָארְן אוּמְגֶעשְׁטֶערְט, אִיז פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב פַארְפֶעל אִיךְ נִישְׁט קַיין אֵיין שִׁיעוּר וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען דֶעם עוֹלָם אַז מֶען זָאל קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר בְּרֶענְגְט, דָאס פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דָאס לֶעבְּט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה דוּ אוֹיכֶעט מְעוֹרֵר זַיין דַיינֶע חֲבֵרִים אוּן בַּאקַאנְטֶע, אוּן דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וְכוּ' וְכוּ'

זָאלְן אוֹיכֶעט מִיטְקוּמֶען מִיט אוּנְז אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן אַזוֹי ווִי סְ'אִיז יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ שֵׁיינֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִיקִים" אִיז אַ מִצְוָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס מֵפִיץ צוּ זַיין, אוּן צוּשְׁפְּרֵייטְן פַאר וֶועמֶען מֶען קֶען נָאר.

**זְוִיסְן** זָאלְסְטוּ וִויסְן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָּארְט מֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין אוּמַאן, אָבֶער מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקֶר פוּן דֶעם אָדֶער פוּן יֶענֶעם וְכוּ', עֶס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָא אַסַאךְ עֶרְלֵיי מִנְיָנִים, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל גֵיין דַאוֶוענֶען וואוּ עֶס גְלִיסְט אִים, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז זַיין מִנְיָן אִיז הֶעכֶער ווִי דֶער צְוֵוייטֶער וְכוּ', סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וְכוּ', מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן דָארְטְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, אוּן זִיצְן אַסַאךְ בַּיים צִיוּן, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר וְכוּ', אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְן, נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקֶר פוּן דֶעם גְרוּפֶּע וְכוּ' אָדֶער פוּן יֶענֶע גְרוּפֶּע וְכוּ', וָואס דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן מוֹחִין דְקַטְנוּת, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ מֹחַ ווִי אַ קְלֵיין נִיסֶעלֶע וְכוּ' דֶער רֶעדְט אַזוֹי, בַּיי אוּנְז אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וְכוּ', מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן נִישְׁט בַּייסְן זִיךְ אוּן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן.

**אִיךְ** דַאנְק דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶעהְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט נָאךְ פַאר צְוָואנְצִיג יָאר שְׁנַת תש"ן, וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז סְ'וֶועט נָאךְ זַיין מִנְיָנִים פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי חֲסִידוּתֶ'ער, אוּן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי לִיטְווִישֶׁע וְכוּ', אוּן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי סְפַרְדִישֶׁע וְכוּ', אוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן מִיר וְכוּ', אַזוֹי ווִי מֶען הָאט גֶעלַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדְרִיקְט דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר "פְּעוּלַת הַצַדִיק" וָואס אִיז גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן שְׁנַת תשל"ח, אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער סֵפֶר אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צֵייט וָואס דֶער צִיוּן וֶועט זַיין אָפֶען פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, הָאבְּן דִי לֵצִים גֶעמַאכְט פוּן דֶעם לֵיצָנוּת וְכוּ', אוּן פְלֶעגְן מִיר שְׁטֶעכְן שְׁטֶענְדִיג וְכוּ', וואוּ אִיז אָפֶען? וְכוּ', וֶוען אִיז אָפֶען? וְכוּ', סְתָם צוּ רֶעדְן? אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט זֶעהְט מֶען דֶעם אֱמֶת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען מַאכְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער הִתְעוֹרְרוּת אַז אַיֶעדֶער זָאל קֶענֶען פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואסֶערֶע חָסִיד עֶר אִיז, אוּן פוּן וואוּ עֶר בַּאלַאנְגְט וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ נְשָׁמָה כְּלָלִיוּת, אוּן עֶר אִיז שַׁיָיךְ פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) דָאס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שֵׂכֶל פְּרָטִי, אוּן דֶער צַדִיק הָאֱמֶת אִיז אַ שֵׂכֶל כְּלָלִי, אוּן אַלֶע שִׂכְלִיוּת פְּרָטִיִים דַארְפְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען

אויף ראֹש הַשָּׁנָה צום שֵׂכֶל הַכּולֵל, און דָאס בְּרֶענְגְט אַ גְרויסֶע שִׂמְחָה, בְּסוד (מִשְׁלֵי י"ג) "אור צַדִּיקִים יִשְׂמַח", וֶוען אַלֶע נְפָשׁות קומֶען זִיךְ צונוֹיף בַּיים צַדִיק, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַ גְרויסֶע שִׂמְחָה אִין אַלֶע עולָמות.

**אַז** וואויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אִידְן זָאלְן קומֶען אויף ראֹש הַשָּׁנָה צום הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מִיט דֶעם אַיילְט עֶר צוּ דִי גְאוּלָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# שלא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר עֵקֶב כ' אָב ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וואוּנְדֶער זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ קֶענְסְט מִיךְ שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ'.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַ סִימָן אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּ אַן אֶמֶת'ְן צַדִּיק אִיז אוֹיבּ עֶס פַּאלְט אַרוֹיף אוֹיף אִים אַ שִׁפְלוּת, עֶר וֶוערְט גֶעוָואר אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, און אַזוֹי זָאגְט אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ז) אַז דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף

גַּדְלוּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, און דֶער עִיקָר אִיז עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף זִיךְ וואו עֶר הַאלְט מִיט זַיינֶע מִדּוֹת וָואס זֵיי קוּמֶען פוּן דִי ד׳ יְסוֹדוֹת, אֵשׁ רוּחַ מַיִם עָפָר, אוֹיב עֶר הָאט דָאס שׁוֹין מְזַכֵּךְ גֶעוֶוען וְכוּ׳.

**קוּמְט** אוֹיס אַז אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אִין זִיךְ יֵשׁוּת און גֵיאוּת און וויל נָאךְ עֶפֶּעס וֶוערְן בָּזֶה הָעוֹלָם וְכוּ׳ אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נָאךְ זֵייעֶר זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם אֱמֶת׳ן צַדִּיק, און עֶר לֶעבְּט אִין אַ דִמְיוֹן און אִין אַ טָעוּת וְכוּ׳, און עֶר אִיז נָאךְ פִיל מִיט כְּפִירוֹת און אֶפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ׳, וָוארוּם וֶוער עֶס הָאט אִין זִיךְ אַריינְגֶענוּמֶען פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעם פַאלְט שׁוֹין נִישְׁט אַיין צוּ וֶועלְן עֶפֶּעס אַ גַדְלוּת וְכוּ׳, וָוארוּם ווִי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְהֵייבְּן מִיט גַסוּת און יֵשׁוּת וְכוּ׳, וֶוען עֶר וַוייסְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא? קוּמְט אוֹיס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל יָא גֵיאוּת און יֵשׁוּת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת גַּאֲוָה סִימָן י״ג) עַל יְדֵי גַּאֲוָה נוֹפֵל מֵאֱמוּנָתוֹ; וָוארוּם דָאס אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, ווִידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן י״א) גֵּיאוּת וְנִיאוּף תְּלוּיִים זֶה בָּזֶה; אֵיינֶער אִיז אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט נִיאוּף, עֶר וויל זַיין עֶפֶּעס אוֹיף דִי וֶועלְט וְכוּ׳, אַ מַנְהִיג וְכוּ׳, אַ רָב, אַ רֶבִּי, אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וְכוּ׳, וְכוּ׳. אֵיינֶער וָואס אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער

דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין זַיין גֶעדַאנְק אַז אַלְסְדִינְג וָואס עֶר זֶעהְט אוּן וָואס עֶר הֶערְט אוּן וָואס עֶר שְׁפִּירְט אִיז אֱלֹקוּת, גֶעטְלִיכְקֵייט, דֶער דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט הָאבְּן, עֶר גְלִיסְט נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, וָוארוּם אַלֶעס אִיז בַּיי אִים אַ גְרוֹיסֶע לֵיצָנוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**עֶס** אִיז אַ בּוּשָׁה אוּן אַ חֶרְפָּה אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ רָצוֹן צוּ זַיין עֶפֶּעס אוֹיף דֶער וֶועלְט וְכוּ', דָאס וַוייזְט דָאס זַיין נְשָׁמָה אִיז מוֹרָא'דִיג פָּגוּם וְכוּ', אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג בֶּענְקְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בֶּענְקֶענִישׁ, אוּן זַיין גְרֵייט יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אוֹיסְגֵיין פַאר אִים וְכוּ', אוֹיב עֶר ווִיל אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז עֶר גֶעגְלִיכְנְט צוּ אַ חַיָה וָואס עֶר עֶסְט מִיסְט שָׁאלֶעכְץ אוּן אָפְּפַאל וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אִיד ווִיל נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִיז גְרֵייט יֶעדֶע מִינוּט אוֹיסְגֵיין פַאר אִים, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיין זַאךְ ווִיל עֶר, אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן זִיךְ פַאר אִים יִתְבָּרַךְ, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט עֶר אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הַאלְט דֶערְבַּיי, אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען צוּקוּמֶען נָאר אַז מֶען אִיז בֶּאֱמֶת מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי עֶר הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַזוֹיפִיל אֱמֶת אִין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ וְכוּ', דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן זִיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן מְקָרֵב

זַיין זֵיי צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶער נִישְׁט דָאס דֶער גַאנְצֶער קָאפּ זָאל גֵיין אוֹיף יֵשׁוּת מִיט גֵיאוּת, וָואס דָאס וַוייזְט אַז עֶר אִיז לֵיידֶער אַ בַּעַל מוּם, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת גַּאֲוָה סִימָן כ"ג) יָהִיר - בַּעַל מוּם הוּא; דָאס הֵייסְט אַ שְׁטָאלְצֶער פַּארֶעךְ אִיז אַ בַּעַל מוּם.

אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגֶע וָואךְ**

## שלב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר עֵקֶב כ' אָב ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ מוּז מָארְגְן אַוֶועקְפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף צֶען טֶעג, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל מִיר גֶעבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אִיךְ זָאל קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס מִיר הָאבְּן דָארְטְן פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים וָואס זֵיי וִוילְן נָאר חָרוּב מַאכְן אוּנְזֶער קְהִילָה וָואס אִיז פַאר זֵיי אַזוֹי וִוי אַ דָארְן אִין דִי אוֹיגְן, וָוארוּם אִין יַבְנְאֵל דָארְטְן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי טוּמְאַת הַצִיוֹנוּת וְכוּ', אוּן דָארְטְן דַיְיקָא הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קְהִילָה קְדוֹשָׁה, פוּן אִיבֶּער דְרֵיי

הונְדערְט און פופְצִיג מִשְׁפָּחות, און וִויפִיל דִירות מֶען זָאל נָאר נִישְׁט בּויעֶן קומֶען אַריין נָאךְ מִשְׁפָּחות, וָואס דַאנְקֶען גָאט אַלֶע זֶענֶען חַסִידִישֶׁע אִידְן, נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט גֵייעֶן מִיט שְׁטְרַיימְל בֶּעקֶעטְשֶׁע און וַוייסֶע זָאקְן, וָואס דָאס אִיז אַ זֶעלְטֶענֶע זַאךְ אַז סְפַרְדִישֶׁע אִידְן זָאלְן גֵיין מִיט אַ חַסִידִישֶׁע לְבוּשׁ, און דִי פְרויעֶן גֵייעֶן רוב אָפְּגֶעשָׁארְן וָואס דָאס אִיז אויבֶּעט אַ וויילְד חִידוּשׁ, וְעַל כּוּלָם הָאבְּן מִיר אויפְגֶעשְׁטֶעלְט דָארְטְן מוסְדות, נורְסֶערִי, קִינְדֶערְגַארְטְן, תַּלְמוּד תּוֹרָה פַאר אִינְגְלֶעךְ, אַ שוּלֶע פַאר מֵיידְלֶעךְ, אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה, אַ יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, אַ כּוֹלֵל לְהוֹרָאָה וָואס פופְצִיג אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען דִי הוֹרָאָה, און אויסֶערְדֶעם אַ כּוֹלֵל פַאר אִינְגֶעלַייט, און בַּיינַאכְט אַ כּוֹלֵל פַאר בַּעֲלֵי בַּתִּים.

**אויךְ** הָאבְּן מִיר אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל וָואס יֶעדְן פַארְנַאכְטְס טֵיילְט מֶען אויס צְווִישְׁן זֶעקְס און זִיבְּן הונְדֶערְט פָּארְצְיָאנֶען וַוארִימֶע עֶסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, און נָאךְ מוסְדות פון צְדָקָה וָחֶסֶד וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, מִיר הָאבְּן אַ אֵייגֶענֶע בֵּית הוֹרָאָה מִיט פִיר מוֹרֵי הוֹרָאָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, און לֹא בְּחִינָם דָאס דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים ווילְן אונְז נָאר זֶעהְן אִינְדְרויסְן וְכוּ׳, און זֵיי טוּעֶן אונְז אָפּ אַלֶע צָרוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אָבֶּער דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הִיט אונְז אָפּ בִּזְכוּת דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** מוז אִיךְ פָארְן צום ווינְצִיגְסְטֶנ׳ס אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דו זָאלְסְט

מִיךְ מוֹחֵל זַיין וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה, וָוארוּם אִיךְ וֶועל נִישְׁט דָא זַיין.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען גְרִינְג חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַסאַךְ נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען זַיין אוֹיף דֶעם בְּרִית, אוֹיכֶעט וֶועגְן דֶעם טַעַם, אִיךְ וֶועל נִישְׁט דָא זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגֶע וָואךְ**

## שלג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר עֵקֶב כ' אָב ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וָואלְט דִיךְ גֶעדַארְפְט עֶנְטְפֶערְן בְּאַרִיכוּת, אָבֶּער פָּשׁוּט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן קוּרְץ.

**דֶער** יְסוֹד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שִׂמְחָה, אַז מֶען הָאט שִׂמְחָה הָאט מֶען אַלֶעס, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, אוּן מִיט וָואס דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן? מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מִיר הָאבְּן, יֶעדֶער אִיד אִיז פִיל מִיט מִצְווֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק

ט׳ הֲלָכָה ה׳) תָּנֵי בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר אֵין לְךָ אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה מֵאָה מִצְווֹת בְּכָל יוֹם. קוֹרֵא אֶת שְׁמַע וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ וְאוֹכֵל אֶת פִּתּוֹ וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ וּמִתְפַּלֵּל שְׁלֹשָׁה פְּעָמִים שֶׁל שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה וְחוֹזֵר וְעוֹשֶׂה שְׁאָר מִצְווֹת וּמְבָרֵךְ עֲלֵיהֶן. וְכֵן הָיָה רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר אֵין לְךָ אָדָם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין הַמִּצְווֹת מַקִּיפוֹת אוֹתוֹ. תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ מִילָה בִּבְשָׂרוֹ אַרְבַּע צִיצִיּוֹת בְּטַלִּיתוֹ מַקִּיפִין אוֹתוֹ. הוּא שֶׁדָּוִד אָמַר (תְּהִלִּים קי״ט) ״שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ״. וְכֵן הוּא אוֹמֵר (תְּהִלִּים ל״ד) ״חוֹנֶה מַלְאַךְ ה׳ סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם״.

**אַז** וואויל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א׳) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלוֹקָיו; וָוארוּם וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס וַוייזְט אַז עֶר הָאט אַ רֵיין הַארְץ, אוּן זַיין כַּוָונָה אִיז נָאר צוּ טוּהְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים׳ס רָצוֹן.

**אִיבֶּערְדֶעם** פְרֵיי זִיךְ מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי גוּטְ׳ס וָואס עֶר הָאט הֶעלְפְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל הָאבְּן נָאךְ גוּטְ׳ס.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגֶע וָואךְ**

# שלד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר עֵקֶב כ׳ אָב ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט דוּ זָאלְסְט זִיךְ חַבֶר׳ן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וְכוּ׳, אֲפִילוּ זֵיי זָאגְן זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה וְכוּ׳, אָבֶער כָּל זְמַן זֵיי לָאזְן נִישְׁט אָפּ דִי שְׁמוּצִיגֶע אוּן עֶקְלְדִיגֶע טֶעגְץ וְכוּ׳ נָאכְמַאכְנְדִיג דִי בִּילִיגֶע גוֹיִם וְכוּ׳, זֶענֶען זֵיי פּוּנְקְט ווִי אֵיינֶער טוֹבֶל׳ט זִיךְ אוּן הַאלְט אַ שֶׁרֶץ אִין זַיין הַאנְט ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יַלְקוּט מִשְׁלֵי פֶּרֶק כח רֶמֶז תתקס״א) שָׁנוּ רַבּוֹתֵינוּ אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲבֵירוֹת וּמִתְוַדֶּה וְאֵינוֹ חוֹזֵר לְמַה הוּא דוֹמֶה, לְאָדָם שֶׁטּוֹבֵל וְשֶׁרֶץ בְּיָדוֹ שֶׁאֲפִילוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה בְּיָדוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ וְטָבַל בְּאַרְבָּעִים סְאָה מִיָּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי כ״ח) וּמוֹדֶה וְעוֹזֵב יְרוּחָם.

דַארְפְסְט וויסְן דֶעם אֱמֶת, בִּיז יֶעצְט בִּיסְטוּ אַרוּמְגֶעקְרָאכְן אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ׳, אוּן דוּ הָאסְט צַאמְגֶעקוּקְט אַלֶע שְׁמוּץ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין וְכוּ׳, אוּן דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין דַיין נְשָׁמָה וְכוּ׳, וָואס דָאס אַלֵיין פַּיינִיגְט דִיךְ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ד׳) דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער דָאס שְׁלֶעכְטְץ וָואס עֶר

הָאט גֶעטוּהְן, און דָאס אִיז זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל"ד) "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה" וֶוער טוּט טוֹיטְן דֶעם רָשָׁע? וֶוער פַּייְנִיגְט דֶעם רָשָׁע? דָאס שְׁלֶעכְטְץ וָואס עֶר הָאט אַלֵיין גֶעטוּהְן, און דִי עֵצָה צוּ דֶעם אִיז ווִידוּי דְבָרִים, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וְכוּ' וְכוּ', און דוּרְכְדֶעם גֵייעֶן אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע צִירוּפִים פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ כְּלִי עֶס זָאל לַייכְטְן אִין אִים דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט** גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם הָאט גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ח) "מְכַסֶּה פְשָׁעָיו לֹא יַצְלִיחַ וּמוֹדֶה וְעֹזֵב יְרֻחָם" אוֹיבּ אֵיינֶער טוּט פַארְהוֹילְן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַצְלָחָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג:) כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵירָה אַחַת בָּעוֹלָם הַזֶה וְכוּ' קְשׁוּרָה בּוֹ כְּכֶלֶב; אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן און עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַ גְרָאבֶּע עֲבֵירָה, אִיז דָאס צוּ אִים צוּגֶעבִּינְדֶען אַזוֹי ווִי אַ הוּנְט, און ס'לוֹיפְט פַאר אִים וְכוּ', און דִי בּוּשׁוֹת און חֶרְפּוֹת וָואס עֶר הָאט קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ עֶר אִיז מוֹדֶה וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, און עֶר אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ עֶר וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּהְן דִי שְׁמוּץ וְכוּ', און עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אִינְגַאנְצְן.

**אָבֶער** תְּשׁוּבָה דַארְף זַיין מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, נִישְׁט זָאגְן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה וְכוּ', און עֶר טַאנְצְט נָאךְ דִי גוֹיאִישֶׁע עֶקְלְדִיגֶע טֶענְץ וָואס עֶר הָאט צַאמְגֶעקוּקְט אִין אַלֶע גֶעמֵיינֶע נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶע עֶרְטֶער וְכוּ', וָוארוּם אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (תַּעֲנִית ט"ז.) **אָדָם שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ עֲבֵירָה וּמִתְוַדֶּה וְאֵינוֹ חוֹזֵר בָּהּ לְמָה הוּא דוֹמֶה לְאָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ שֶׁאֲפִילוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סְאָה מִיָּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה.**

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, דוּ זָאלְסְט בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען טַאנְצְט דִי עֶקְלְדִיגֶע טֶענְץ וְכוּ', אֲפִילוּ זֵיי ווילְן זָאגְן אַז מִיט דֶעם זֶענֶען זֵיי מַחֲזִיר לְמוּטָב בָּחוּרִים וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע גֶעלֶעכְטֶער פוּן דֶעם וְכוּ' וְכוּ', תְּשׁוּבָה אִיז דֶער טַייטְשׁ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי שְׁמוּץ וָואס עֶר הָאט צַאמְגֶעזֶעהְן וְכוּ', און וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן וְכוּ', אָבֶער נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין צוּ דֶעם אַלְטְן, מִיט דֶעם אִיז מֶען נִישְׁט מְקָרֵב וְכוּ', נָאר אַדְרַבָּה פַארְקֶערְט מֶען דֶערְמַאנְט דִי שְׁמוּץ וָואס מֶען הָאט גֶעזֶעהְן און גֶעטוּהְן וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט בְּשׁוּם פָּנִים נִישְׁט גֵיין צוּ אַזֶעלְכֶע פַארְזַאמְלוּנְגֶען וואוּ מֶען טַאנְצְט און מֶען זִינְגְט און מֶען שְׁפְּרִינְגְט עֶקְלְהַאפְטִיגֶע טֶענְץ און נִיגוּנִים, זֵיי זֶענֶען חוֹטְאִים וּמַחְטִיאִים אֶת הָרַבִּים, און אוֹיךְ וַוייזְן זֵיי דֶעם גִיפְט וָואס עֶס לִיגְט אִין זֵיי.

**לֶעצְטֶנְ'ס** אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁלֶעכְטֶע מָאדֶע מֶען בְּרֶענְגְט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר מַאכְט נָאךְ אַלֶע גוֹיאִישֶׁע טֶענְץ, אוּן אַלֶע גוֹיאִישֶׁע נִיגוּנִים וְכוּ', כְּלוֹמֶר'שְׁט מַחֲזִיר זַיין בָּחוּרִים לְמוּטָב, אַז אָךְ אוּן וַויי אוֹיף אַזַא אוֹיפְן מַחֲזִיר זַיין בָּחוּרִים לְמוּטָב, נִישְׁט נָאר מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מַחֲזִיר לְמוּטָב, נָאר זֵיי בְּרֶענְגְן אַרַיין אַ קַאלְטְקֵייט אִין דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּקְן דָאס צוּ, תְּמִימוּת'דִיגֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ וָואס זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל דָאס נִישְׁט גֶעזֶעהְן, אוּן יֶעצְט דַארְפְן זֵיי דָאס זֶעהְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵיי, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם (מִשְׁלֵי ה') "וְעַתָּה בָנִים שִׁמְעוּ לִי וְאַל תָּסוּרוּ מֵאִמְרֵי פִי: הַרְחֵק מֵעָלֶיהָ דַרְכֶּךָ וְאַל תִּקְרַב אֶל פֶּתַח בֵּיתָהּ" ווי דִי חֲזַ"ל (עֲבוֹדָה זָרָה י"ז.) דַרְשֶׁענֶען אוֹיף דֶעם אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מִינוּת אוּן נִיאוּף וְכוּ' עַיֵין שָׁם. וָוארוּם אַז מֶען גֵייט נָאךְ אַזֶעלְכֶע פַארְקְרִימְטֶע דְרָכִים, דָאס וַוייזְט אַז מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט נִישְׁט פוּן מִינוּת אוּן נִישְׁט פוּן נִיאוּף, אִיבֶּערְדֶעם יֶעדֶער בָּחוּר וָואס עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהְן זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע גוֹיאִישֶׁע טֶענְץ, אוּן גוֹיאִישֶׁע מוּזִיק וְכוּ', אוֹיף אַזַא אוֹיפְן טוּט מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה, נָאר מֶען פַאלְט אַרַיין טִיפֶער אִין בְּלָאטֶע.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַזֶעלְכֶע צוּזַאמְקוּמֶען, וָוארוּם דָאס פְּלַאץ אִיז עֶקְלְדִיג, אוּן דָארְטְן רוּהְט דִי סִטְרָא אַחְרָא אַלֵיין, אוּן לֵיידֶער אִיז דָא אַסַאךְ פְּלֶעצֶער וָואס מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם

כְּלוֹמֶר'שְׁט מַחֲזִיר לְמוּטָב זַיין בָּחוּרִים וְכוּ', און מֶען וַוארְפְט זַיי נָאךְ אַריין טִיפֶער אִין בְּלָאטֶע ווִי זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען, און אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ בְּמִצְווֹת, עֶר זָאגְט דֶעם בָּחוּר קוּם צוּ אַ מְלַוֶה מַלְכָּה וְכוּ', קוּם צוּ אַ צוּזַאמְקוּם וְכוּ', וָואס לִכְאוֹרָה אִיז דָאס דָאךְ אַ מִצְוָה, אָבֶער דָארְטְן אִיז פַארְשְׁטֶעקְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין, וָוארוּם אִין אַ פְלַאץ וואוּ מֶען טַאנְצְט גוֹיאִישֶׁע טֶענְץ, און מֶען וַוארְפְט זִיךְ דֶעם גוּף ווִי אַ שֶׁ"ד וְכוּ' דָארְטְן אִיז דָאס אָרְט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, ווִי דִי בַּת מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן שֵׁנִי לְמֶלֶךְ, אַז זִי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין דֶער אָרְט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע (עַיֵין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה א'), און דָארְטְן אִיז אוֹיבְּעט גֶעוֶוען אַ בַּאל מִיט טֶענְץ און זִינְגֶערַיי וְכוּ', אָבֶער דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי אָרְט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, עַיֵין שָׁם.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶפְנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן און לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְבְּלֶענְט דִי אוֹיגְן, און פַארְפִירְט תְמִימוּת'דִיגֶע בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט פָארְן רֹאשׁ הַשָׁנָה אִין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ גֶעוָואר וֶוערְן וָואס הֵייסְט אֱמֶת'ע תְשׁוּבָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְטִיגֶע וָואךְ**

# שלה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ג' אֱלוּל ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**גֶעבִּטְן** דַאנֶערְשְׁטָאג בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְחַזֵק זַיין אוּנְזֶער קְהִילָה אִין יַבְנְאֵל.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אַז עֶס הַאלְטְן אִין אֵיין אַרַיינְקוּמֶען נֵייעֶ מִשְׁפָּחוֹת, אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם פוּן דִירוֹת, וָוארוּם וֶוען מֶען זָאל הָאבְּן גֶענוּג דִירוֹת, וִויפִיל דִירוֹת מֶען זָאל נָאר נִישְׁט בּוֹיעֶן דַארְפְן אוּן זָאל זִיךְ אוֹיסְלֵיידִינְגְן, קוּמֶען אַרַיין פְרוּמֶע מִשְׁפָּחוֹת, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַן עִיר וְאֵם בְּיִשְׂרָאֵל, יֶעצְט דֶעם זוּמֶער וֶוען מֶען פָארְט אַרוֹיס אוֹיף וַואקַאצְיֶע אִיז גֶעוֶוען בְּלִי עַיִן הָרַע שַׁאצְנְדִיג קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזֶענְט בַּאזוּכֶערְס אָן אַ גוּזְמָא, וָוארוּם פוּן אַלֶע דֶערְפְלֶעךְ אַרוּם אוּן אַרוּם פוּן דָאס גְרוֹיסֶע שְׁטָאט טְבֶרְיָה אִיז מֶען דָא גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען בַּיי אוּנְז, וָוארוּם בַּיי אוּנְז אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע מִקְוֶה, מִיט דְרֵיי בּוֹרוֹת לִטְבִילָה, אוּן עֶס אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן וָתִיקִין בִּיז אֵיינְס צְוֵויי אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט, אַ מִנְיָן נָאךְ אַ מִנְיָן, הֵן שַׁחֲרִית הֵן מִנְחָה הֵן מַעֲרִיב, דָאס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז אִין אַ פַארְשְׁטִיפְּטְן יִשׁוּב וִוי יַבְנְאֵל וואו דָארְטְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל

הַדַת דִי צְוַויי הֵיילִיגֶע עֵדוֹת, דִי תֵּימָנֶ׳ער אוּן דִי טוּנִיסֶ׳ער, אוּן דָארְטְן דַיְיקָא זָאל אוּיפְוַואכְּקְסְן אִידִישְׁקַייט אַז עֶס זָאל זַיין אַ מִנְיָן נָאךְ אַ מִנְיָן אַזוֹי וְוי אִין יְרוּשָׁלַיִם אִין דִי שְׁטִיבְּלֶעךְ, אָדֶער אִין בְּנֵי בְּרַק בַּיי אִיצְקָאוִויטְשׁ, אוּן אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי שׁוֹמְרֵי שַׁבָּת, אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע שׁוּלְן וואוּ סְ׳אִיז דָא אַ מִנְיָן נָאךְ אַ מִנְיָן; עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן, מֶען אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אִיבֶּערָאל, אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע קִידוּשׁ הַשֵׁם פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַז מֶען זֶעהְט וָואס מֶען קֶען אוּיפְטוּהְן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת מִיט כִּיסוּפִין.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שִׁבְחֵי הָאֲרִ״י, דָאס דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רַבִּי חַיִים וִויטַאל זַ״ל, ״הַיינְטִיגֶע צַייטְן מִיט מִיעוּט פְּעוּלוֹת קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן רַבִּי עֲקִיבָא״, אִיז מְקוּבָּל אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל הָאט גֶעזָאגְט ״מִיט מִיעוּט פְּעוּלוֹת אָבֶּער מִיט אַסַאךְ רְצוֹנוֹת״, דָאס הֵייסְט אוּיב דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט רְצוֹנוֹת קֶען עֶר קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין דֶער וֶועלְט, וָוארוּם דֶער עִיקֶר אִיז דֶער רָצוֹן, מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רָצוֹן אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט רְצוֹנוֹת, וֶועלְן, אוּן נָאכְאַמָאל וֶועלְן, וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקֶר דֶער רָצוֹן, אוּיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן, וֶועט עֶר מוֹצִיא זַיין מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל וָואס עֶר וִויל.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט צְוַויי הֵיילִיגֶע מְחוּתָּנִים, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִיק פוּן חַמֶעלְנִיק זִי״ע אוּן

אײנֶער איז גֶעװֶען דֶער צַדִיק פוּן װָאלְטְשִׁיסְק זי"ע, הָאט מֶען דֶערְצײלְט אַמָאל פַארְן הײלִיגְן רֶבִּי'ן אַז דֶער צַדִיק פוּן װָאלְטְשִׁיסְק זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט פֶערְצִיג יָאר רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים צוּ פָארְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער זִיךְ בַּאזֶעצְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, װִי דֶער צַדִיק פוּן חַמֶעלְנִיק זי"ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעלַאכְט, "װָאס הֵייסְט רְצוֹנוֹת פוּן פֶערְצִיג יָאר? מֶען נֶעמְט גֶעלְט אוּן מֶען פָארְט אוֹיב מֶען װִיל...", װֶען מֶען הָאט דָאס אִיבֶּערְדֶערְצײלְט פַארְן הײלִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "װֶעט אִיר זֶעהְן, דָאס דֶער צַדִיק פוּן װָאלְטְשִׁיסְק זי"ע װֶעט פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר װֶעט זִיךְ דָארְטְן בַּאזֶעצְן, אוּן דֶער צַדִיק פוּן חַמֶעלְנִיק זי"ע װֶעט נִישְׁט פָארְן!", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעװֶען אַז דֶער צַדִיק פוּן װָאלְטְשִׁיסְק זי"ע אִיז סוֹף יָמָיו גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מְקוֹם מְנוּחָתוֹ אִיז אִין צְפַת אִין אַלְטְן בֵּית הַחַיִים אִין אַ מְעָרָה, דָארְטְן לִיגְט זַײן גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער מִרְיָם ע"ה.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִים װָאס אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֲפִילוּ מֶען לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם רָצוֹן. מֶען דַארְף זַײן שְׁטַארְק אִין רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים, װָארוּם װֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים קֶען עֶר קוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, װִי דֶער הײלִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו) אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער רָצוֹן, אוּן אַרוֹיסְרֶעדְן פוּן מוֹיל

די רְצוֹנוֹת; און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז מַאֲרִיךְ אִין דֶעם עִנְיָן (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת אוּמְנִין הֲלָכָה ד') דָאס גְרוֹיסְקֵייט וָואס אַ אִיד זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת און זַיינֶע כִּיסוּפִין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן מִיט די רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִין.

און דָאס הָאבְּן מִיר בַּאווִיזְן אִין יַבְנְאֵל, און אַזֶעלְכֶע רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִין הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דָארְטְן אַזַא הֵיילִיגֶע קְהִילָה, און וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער וָואס מִיר הָאבְּן דָארְטְן דֶערְגְרֵייכְט, אַז אַזַא אָנְלוֹיפֶענִישׁ פוּן אַזוֹיפִיל אִידְן כֵּן יִרְבּוּ זָאלְן אַ גַאנְצְן זוּמֶער קוּמֶען דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג פוּן וָתִיקִין בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אַ מִנְיָן נָאךְ אַ מִנְיָן אִין אַ פַארְשְׁטִיפְטְן פְּלַאץ וָואס מֶען הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוְוּסְט אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף די מַאפֶּע, דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶער.

אַוַודַאי און אַוַודַאי הָאבְּן מִיר נָאךְ מוֹרָא'דִיגֶע צָרוֹת פוּן דֶעם שְׁטְרָאף וְכוּ' וָואס עֶר הַאלְט אִין אֵיין מַסֶרְן פַאר די מַלְכוּת הָרִשְׁעָה וְכוּ', און מֶען טוּט אוּנְז אָן גְרוֹיסֶע צָרוֹת, בִּפְרַט אוֹיף די תַּלְמוּד תּוֹרָה און די מֵיידְל שׁוּלֶע וואוּ ס'לֶערְנֶען שׁוֹין דָארְטְן אִיבֶּער זִיבְּן הוּנְדֶערְט קִינְדֶער כֵּן יִרְבּוּ.

יֶעצְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן די זְמַן הַלִימוּדִים וָואס אוֹיף דֶעם אַלֵיין הָאט מֶען אוּנְז גֶעמַסֶרְט, וֵוייל לוֹיט זֵייעֶרֶע גֶעזֶעצְן טָאר מֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן

פַּאר לְמִסְפָּרָם וְכוּ׳; אוּן אוּנְז הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שׁוֹין צוּ לֶערְנֶען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, הָאט מֶען אוּנְז גֶעמַסֶרְט, אָבֶּער מִיר קוּקְן נִישְׁט אוֹיף דֶעם.

**אוּן** עֶס אִיז צוּ בַּאוואוּנְדֶערְן ווִי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶועןַ עַל הַדַת אַזוֹיפִיל אִידְן זָאלְן לֶערְנֶען אִיבֶּער זִיבְּן הוּנְדֶערְט קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן מֶען הֶערְט אַרוֹיס פוּן דִי קְלַאסְן דִי קוֹל תּוֹרָה, דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶער; אוּן דָאס אַלֶעס הָאבְּן מִיר בַּאווִיזְן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִין.

**דָאס** אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר כְּדֵי זָאלְסְט ווִיסְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ רָצוֹן אוּן פוּן כִּיסוּפִין, בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אָבֶּער עֶר בֶּענְקְט אוּן בֶּענְקְט אוּן בֶּענְקְט, עֶר ווִיל נִישְׁט נָאכְלָאזְן, ווֶעט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיסְפִירְן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ פַאל נִישְׁט אַרָאפּ פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, ווֶעסְטוּ גֶעהָאלְפְן ווֶערְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# שלו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ג' אֱלוּל ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן דָאס בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶען צְוַויי יְסוֹדוֹת עִיקָרִים אִין אִידִישְׁקֵייט: אֵיינְס, רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ה) וֶוען אַ אִיד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דֶערְצֵיילְט אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז עֶר גוֹרֵם אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים אִין הִימְל וָואס עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיף אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים, דָאס הֵייסְט אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ נְשָׁמָה אַרָאפְּגֶעקוּמֶען בָּזֶה הָעוֹלָם אוֹיסְצוּפִירְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁלִיחוּת, אֵיינֶער אִיז נִישְׁט גְלַייךְ צוּם צְווייטְן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.) שֶׁאֵין דַעֲתָם דּוֹמֶה זֶה לָזֶה וְאֵין פַּרְצוּפֵיהֶן דּוֹמִים זֶה לָזֶה; קוּמְט אוֹיס אַז אַ יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אִיבֶּערְדֶעם גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַזֶעלְכֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ אוֹיף יֶענֶעם, וָואס דָאס אִיז זַיין נִסָּיוֹן, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר גוֹרֵם אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים וָואס עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיף אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים, דָאס הֵייסְט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס

עֶר גֵייט אִיבֶּער אַזוֹיפִיל אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס אוֹיף אַן אַנְדֶערְן גֵייט נִשְׁט אִיבֶּער דִי אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר גוֹרֵם אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים וָואס קַיין אַנְדֶערֶע קֶען דָאס נִשְׁט בַּאוַוייזְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ אִיד זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן פַאר אִים, אוּן דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לָשׁוֹן "הִתְבּוֹדְדוּת".

אוּן דִי צְווייטֶע זַאךְ, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אַ דְגוּשׁ אִיז לֶערְנֶען "שׁוּלְחָן עָרוּךְ", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ח) אַז יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַן הֲלָכָה אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וָוארוּם דוּרְךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ וֵוייסְט מֶען דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָא אַסַאךְ אַסַאךְ שְׁבָחִים אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) אַז כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

אוּן וָואס אִיז טַאקֶע דֶעם עִנְיָן אַז פוּן אֵיין זַייט וִויל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הִתְבּוֹדְדוּת רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל מֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז פָּשׁוּט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן

צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶער גַאנְצֶער קָאפּ זַיינֶער אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר רֶעדְט אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, קֶען עֶר חָלִילָה וְחַס פַארְקְרִיכְן, אַזוֹי וְוִי אַנְדֶערֶע זֶענֶען פַארְקְרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ב) אַז אֱלִישָׁע אַחֵר אִיז פַארְקְרָאכְן נָאר וַוייל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא הוֹיכֶע דַרְגָא, מֵילֶא אִיז עֶר פַארְבְּלֶענְדֶעט גֶעוָוארְן פוּן אֶלֹקוּת; וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ קֶען קוּמֶען צוּ גָאר הוֹיכֶע דַרְגוֹת אִין הַשָׂגוֹת אֶלֹקוּת, אוּן דַיְיקָא דָארְטְן קֶען עֶר אַדוּרְךְ פַאלְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** מוּז מֶען לֶערְנֶען אוֹיכֶעט שׁוּלְחָן עָרוּךְ, כְּדֵי מְקַיֵים זַיין לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, סְ'אִיז נִישְׁט גֶענוּג וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן רֶעדְט פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר דַארְף מְקַיֵים זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעשְׁטֶעלְט דֶער נְקוּדָה אוֹיף לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

**וָוארוּם** אַזוֹי וְוִי אוֹיל מוּז הָאבְּן אַ קְנֵייטְל, אוּן כְּדֵי עֶס זָאל בְּרֶענֶען אוּן לַייכְטְן מוּז זַיין צוּזַאמֶען דֶער קְנֵייטְל מִיטְן אוֹיל דֶעמָאלְטְס לַייכְט עֶס אוֹיף אַ לַאנְגֶען צַייט, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ צִינְדְט אָן אַ פַייעֶר אָבֶּער סְ'אִיז נִישְׁטָא נִישְׁט קַיין קְנוֹיטְל אוּן נִישְׁט קַיין אוֹיל פְלַאקֶערְט דָאס אוֹיף אוּן נָאכְדֶעם לֶעשְׁט זִיךְ דָאס אוֹיס, אָבֶּער וֶוען סְ'אִיז דָא אוֹיל מִיט אַ קְנֵייטְל צוּזַאמֶען דֶעמָאלְטְס קֶען דָאס לַייכְטְן.

די זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיי גִילוּי אֱלֹקוּת, אַוַודַאי יֶעדֶער אִיד אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַעַל, וֶוערְט עֶר צוּפְלַאמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן רֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אַוַודַאי אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אָבֶּער אוֹיבּ אַז עֶר אִיז נִישְׁט מְקַיֵים בְּפוֹעַל מַמָשׁ די הֲלָכוֹת פוּן די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה וֶועט דָאס אוֹיסְגֶעלָאשְׁן וֶוערְן אוּן עֶר וֶועט נָאכְדֶעם אַוֶועקְפַאלְן אִינְגַאנְצְן אַזוֹי ווי רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן כַּת שַׁ"ץ וְכוּ', וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיבֶּעט גֶערֶעדְט נָאר אֱלֹקוּת אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעטוּהְן כָּל מִינֵי תּוֹעֵבוֹת רָעוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** מוּז מֶען לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶער ווי אַלֶע לִימוּדִים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת יִרְאָה חֵלֶק ב' סִימָן ג') עַל יְדֵי לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ בָּאִים לְיִרְאָה; אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ קוּמְט עֶר צוּ יִרְאָה, דָאס הֵייסְט מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים די מִצְווֹת מַעֲשִׂיוֹת דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן די חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ג') כָּל שֶׁמַעֲשָׂיו מְרוּבִּין מֵחָכְמָתוֹ, חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶימֶת, וְכָל שֶׁחָכְמָתוֹ מְרוּבָּה מִמַעֲשָׂיו, אֵין חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶימֶת; דָאס הֵייסְט אַז דֶער עִיקָר אִיז לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

**אַ** אִיד דַארְף מְקַיֵים זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ פָּשׁוּט אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, זַיין אַן אֱמֶת'ער עֶרְלִיכֶער פָּשׁוּטֶער אִיד, דָאס אִיז די הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה בַּיים הֵיילִיגְן

רֶבִּי'ן, ווי עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ב) אַז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תָּלוּי אִין תְּמִימוּת וּפְּשִׁיטוּת, אוּן אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דַארְף מֶען זֶעהְן אוֹיבּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָארְטְן, אוֹיבּ עֶר אִיז דָארְטְן זָאל מֶען עֶס טוּהְן, אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט דָארְטְן זָאל מֶען עֶס נִישְׁט טוּהְן וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ פִירְן עַל פִּי הַתּוֹרָה, וָוארוּם אַזוֹי שְׁטֵייט אִין זוהַר הַקָדוֹשׁ (יִתְרוֹ צ:) שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְאוֹרַיְיתָא כֻּלָא שְׁמָא חַד הַוֵי; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט דִי תּוֹרָה אִיז אֵיין זַאךְ, דִי תּוֹרָה אִיז דִי חָכְמָה פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מְמֵילָא מִיט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶעהְן, אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָארְטְן, דָאס הֵייסְט סְ'אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן עַל פִּי הַתּוֹרָה, זָאל עֶר עֶס טוּהְן. אַז נִישְׁט, זָאל מֶען נִישְׁט טוּהְן.

**פוּן** אֵיין זַייט דַארְף אַ מֶענְטְשׁ צִיעֶן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין מֹחַ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן אַלְסְדִינְג וֶוערְט גֶעפִירְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, אוּן רֶעדְן פוּן אִים, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, מְגַלֶה זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען מְקַיֵים זַיין לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן וִויפֶער אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ דַארְף מֶען שׁוֹין מְהַרְהֵר זַיין אוֹיף אִים אַז עֶפֶּעס טוֹיג דָא נִישְׁט, וָוארוּם אַז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ אִיז בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער, אוּן דָאס וַוייזְט אַז זַיין פְּנִימִיוּת אִיז פַארְדָארְבְּן, אוּן דָאס רֶעדְן

וָואס עֶר רֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אִיז אוֹיבֶּעט מִשָׁפָּה וְלַחוּץ, וָוארוּם סְ'מוּז גֵיין צוּזַאמֶען, דִי קְנוּיטְל מִיט דִי אוֹיל, אַזוֹי לַייכְט עֶס, פוּן אֵיין זַייט מְקַיֵים זַיין, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר, סְ'זָאל זַיין מַעֲשָׂיו מְרוּבִּין מֵחָכְמָתוֹ, אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעשְׁטֶעלְט דִי צְווֵיי עִיקָרִים, פוּן אֵיין זַייט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זִיךְ מְבַטֵל זַיין זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּ אִים, אוּן ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז מֶען מַקְפִּיד זַיין לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

**אַזוֹי** ווַייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"א) אַז אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מְחַדֵשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זָאל עֶר אַוֶועק שְׁטֶעלְן מִילִיטֶער פַּארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם; וָואס זֶענֶען דִי מִילִיטֶער? לִימוּד פּוֹסְקִים, עַיֵין שָׁם. וָואס דֶער פֵּירוּשׁ הַפָּשׁוּט אִיז, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחַדֵשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה דַארְף עֶר זֶעהְן עֶס זָאל זַיין פַּארְדֶעם דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן נָאכְדֶעם דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ. וָוארוּם מֶען קֶען מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן עֶס זָאל זַיין רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן חָכְמוֹת שֶׁל הֶבֶל וָואס אִיז פַארְבִּינְדְן מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אוּן קַלוּת הַדַעַת, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז וֶוען אֵיינֶער אִיז מְחַדֵשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זָאל עֶר אַוֶועקְשְׁטֶעלְן שׁוֹמְרִים פוּן פָארֶענְט אוּן פוּן הִינְטְן, וָואס זֶענֶען דִי שׁוֹמְרִים? שׁוּלְחָן עָרוּךְ! דָאס הֵייסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, מֶעגְסְט מְחַדֵשׁ זַיין וָואס דוּ ווִילְסְט אָבֶּער נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ; אוּן אַזוֹי אִיז

דָא אַ דִיבּוּר פוּן הַיילִיגְן רֶבִּי'ן "אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וְויאַזוֹי אִיר ווילְט, אָבֶּער פוּן אַ סְעִיף קָטָן שׁוּלְחָן עָרוּךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין", וָוארוּם דֶער עִיקֶר אִיז מְקַיֵים זַיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

**אוּן** דִי צְוֵויי זַאכְן אִיז יְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין דִי צְוֵויי זַאכְן, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְקְרִיכְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## שלז

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ד' אֱלוּל ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** הָאסְט מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵיידְט וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין וְכוּ', זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אַזוֹי אָנְהַאלְטְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**וָוארוּם** וויסְן דַארְפְסְטוּ וויסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ז) אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר זַיין בַּת זוּג, אוּן אַזוֹי שְׁטֵייט אוֹיבֶעט אִין תִיקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקוּן י"ד) אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ נִישְׁט אָפּ פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע

לְבַטָּלָה, פַארְלִירְט עֶר זַיין בַּת זוּג, אָדֶער זִי אִיז אִים אַקֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט וְכוּ' וְכוּ', עַיֵין שָׁם; אִיבֶּערְדֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

דֶער עִיקֶר אִיז דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; דֶער מַאן דַארְף מְשַׂמֵחַ זַיין שְׁטֶענְדִיג דָאס וַוייבּ, אוּן אָפְּהִיטְן אִיר כָּבוֹד. אוּן וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוען אַ אִיד אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ. אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק', ב') "עִבְדוּ אֶת הַוָיָ"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה אַחְרָא עִלָּאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט]; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, הִיט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָפּ אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ פְּגַם הַבְּרִית; אִיבֶּערְדֶעם זֶע שְׁטֶענְדִיג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגֶע וָואךְ**

# שלח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא י׳ אֱלוּל ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואסֶערֶע זְכוּת דוּ הָאסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרִיקְסְט אָפּ דִי סְפָרִים, בִּפְרַט אוֹיף אִידִישׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס אִיז אַזַא זְכוּת הָרַבִּים וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶס אִיז יֶעצְט דָא אִין דִי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וָואס זַייעֶר גַאנְץ חַיוּת שֶׁעפְּן זֵיי פוּן דִי סְפָרִים, אוּן דַיְיקָא אוֹיף אִידִישׁ, וָוארוּם ס׳אִיז זֵיי זַייעֶר שְׁוֶוער הֵן צוּ פַארְשְׁטֵיין, אוּן הֵן צוּ לֵיינֶען לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ מֶער בַּאפְלַייסְן, אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן וָואס מֶער סְפָרִים אוֹיף אִידִישׁ, מְחַזֵק זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן צוּפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת, וָוארוּם אִינְדְרוֹיסְן בְּלָאזְט וִוינְטְן פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, דָאס נִיאוּף נֶעמְט אַדוּרְךְ יֶעדְן אֵיינֶעם, הֵן דָאס שְׁמוּץ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיפְן גַאס וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן הֵן דִי שְׁמוּץ וָואס אֵיינֶער וַוייזְט דֶעם אַנְדֶערְן אַלֶע כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס מֶען קֶען דָארְטְן זֶעהְן אַלֶע תּוֹעֵבוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אוּן מֶען קֶען אִין אֵיין מִינוּט פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט וְכוּ׳.

**וָוארוּם** וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מַאכְט דָאס פְלֶעקְן אוֹיף דִי נְשָׁמָה,

קֵיינֶעם פַּאלְט נִישְׁט אַיין אַז מִיט אַ יֶעדֶע קוּק וָואס אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה קוּקְט אוֹיף שְׁמוּץ וֶוערְט אַ פְלֶעק אוֹיף זַיין נְשָׁמָה, אוּן וָואס מֶער עֶר קוּקְט אוּן זֶעהְט שְׁמוּץ, מֶער פְלֶעקְן וֶוערְט אוֹיף זַיין נְשָׁמָה, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעקִילְט אִינְגַאנְצְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ אוֹיף אִים זֵייעֶר מִתְגַבֵּר.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מה.), אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָא בְּמִי שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; דֶער יֵצֶר הָרַע גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ נָאר מִיט וָואס עֶר זֶעהְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה פָּרָשָׁה י' סִימָן ו'), מַה רָאָה הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִשְׁאוֹל מִיִשְׂרָאֵל הַלֵב וְהָעֵינַיִם שֶׁיִהְיוּ אַחֲרָיו? לְפִי שֶׁהָעֲבֵירָה תְּלוּיָה בָּהֶם, הָעֵינַיִם רוֹאוֹת אֶת הַזוֹנָה וְהַלֵב מְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ וְכוּ' וְכוּ'; דִי אוֹיגְן קוּקְן אוֹיף שְׁמוּץ, עֶקְלְדִיגֶע נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶע גוֹיטֶעס וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם צִיט עֶר אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי אַרְגְסְטֶע זַאכְן וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הִיט זַיינֶע אוֹיגְן, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע אֵבָרִים בַּיי אַ מֶענְטְשׁ ווִי דִי צְוֵויי אוֹיגְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רנ"ד), דָאס דִי אוֹיגְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן שְׁטֶענְדִיג וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, נָאר עֶס גֵייט מִיט אַזָא מִין

שְׁנֶעלְקֵייט, אַז דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהְן, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעכַאפְּט וָואס שְׁטֵייט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן אוּן וָואס מֶען קֶען זֶעהְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואלְט אִים גֶעכַאפְּט אַ טְרֵייסְל אוּן אַ צִיטֶער וְכוּ' וְכוּ', נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל זֶעהְט עֶר נִישְׁט גָארְנִישְׁט.

מֶען זֶעהְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הִיט נִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף פְרוֹיעֶן וְכוּ' דֶער וֶוערְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים כח) "וְהָיִיתָ מְשׁוּגָע מִמַרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", מִיט דֶעם וָואס עֶר קוּקְט אוֹיף פְרוֹיעֶן וֶוערְט עֶר פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, אוּן עֶס אִיז אַ קְרַאנְקְהֵייט, אוּן וֶוער סְ'פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם קְרַאנְקְהֵייט אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם, אוּן דָאס צִיט אוּן שְׁלֶעפְּט אִים אַרַיין טִיפֶער אוּן טִיפֶער אִין בְּלָאטֶע, בִּיז עֶר פַארְלִירְט דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אָן אֱמוּנָה וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְּרִית פַארְלִירְט עֶר דִי אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א) דָאס בְּרִית מִיט אֱמוּנָה אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הִיט דִי אוֹיגְן, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט נִכְשָׁל אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א'), אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען קוּקְן אוֹיפְן רוּחְנִיוּת

חַיוּת אֱלֹקוּת וָואס אִיז דָא אִין דִי בְּרִיאָה, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְחַיֶה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט, אַז דֶער אִיד זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא. שְׁטִיפּ אִים נִישְׁט אַרוֹיף אִין הִימְל, עֶר אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, דָאס עֶר הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרִי הַאֲזִינוּ), עַד שֶׁלֹּא בָּא אָבִינוּ אַבְרָהָם לָעוֹלָם, כִּבְיָכוֹל לֹא הָיָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֶלֶךְ אֶלָּא עַל הַשָּׁמַיִם, אָבִינוּ אַבְרָהָם הִמְלִיכוֹ עַל הַשָּׁמַיִם וְעַל הָאָרֶץ; בִּיז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען כִּבְיָכוֹל הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעוֶועלְטִיגְט נָאר אִין הִימְל אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, דָא אוּנְטְן אוֹיף דֶער עֶרְד הָאט אִים קֵיינֶער נִישְׁט אַנֶערְקֶענְט, אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִים מְפַרְסֵם גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל, אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעווּסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה מ"ג סִימָן ז'), אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְאַבְרָהָם, אֲנִי לֹא הָיָה שְׁמִי נִיכָּר לִבְרִיּוֹתַי וְהִכַּרְתָּ אוֹתִי בִּבְרִיּוֹתַי, מַעֲלֶה אֲנִי עָלֶיךָ כְּאִילוּ אַתָּה שׁוּתָּף עִמִּי בִּבְרִיָּיתוֹ שֶׁל עוֹלָם; מִיר הָאט קֵיינֶער נִישְׁט אַנֶערְקֶענְט, נָאר דוּ הָאסְט מִיר מְפַרְסֵם גֶעוֶוען אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, בִּיסְטוּ אַ שׁוּתָּף אִין דִי בְּרִיאָה.

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקַייט וֶוען אַ אִיד אִיז מְגַלֶה דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר מַאכְט צוּגֶעוואוֹינֶען אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער וֶוערְט אַ שׁוּתָּף פַאר דִי בְּרִיאָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרִיקְסְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וּבִפְרַט אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער זְכוּת הָרַבִּים. וֶוער נִישְׁט מִיד, וֶועסְט זֶעהְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, אַז וואוֹיל אִיז דֶער אִיד וָואס עֶר הֶעלְפְט דִיךְ מִיט גֶעלְט, שְׁטִיצְן זָאלְסְט קֶענֶען דְרִיקְן דִי סְפָרִים, אוּן נָאכְמֶער וואוֹיל אִיז אֵיינֶעם וָואס עֶר קוֹיפְט אָפּ בַּיי דִיר צוּם וְוינְצִיגְסְטֶענְס טוֹיזֶענְט סְפָרִים אוֹיף אֵיינְמָאל, אוּן עֶר גֶעבְּט דָאס פַאר דִי מְפִיצִים, אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין מֵפִיץ זַיין, וֵוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין דַאֲגָה פוּן מְפִיצִים.

**שְׁטַארְק** זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן זֶע קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שלט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא י' אֱלוּל ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּיטֶערְן בְּרִיוו, וָואס דוּ גִיסְט אוֹיס דַיין בִּיטֶערְן הַארְץ וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן אַז ס'אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה אַקֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:), כַּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָמַר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל, בְּנִי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין כְּנֶגְדּוֹ; אִיךְ הָאבּ טַאקֶע בַּאשַׁאפְן אַ יֵצֶר הָרַע, אָבֶער אֵיין עֵצָה אִיז דָא אִים צוּ צוּבְרֶעכְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א'), אַז דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט מְשׁוּגָע אַ מֶענְטְשׁ, וָוארוּם מִיט עֲבֵירוֹת וֶוערְט מֶען מְשׁוּגָע, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג'), אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אוּן ווִיפִיל עֲבֵירוֹת עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּהְן אַזוֹי פִיל שְׁטוּת גֵייט אִין אִים אַרַיין, נָאר דִי עֵצָה אִים צוּ צוּבְרֶעכְן אִיז אַ שְׁטֶעקְן וָואס דָאס אִיז דִי תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אִיז אַזוֹי ווִי אַ שְׁטֶעקְן וָואס ס'צוּשְׁלָאגְט דֶעם מְשׁוּגֶעגֶעם וָואס עֶר טוּט ווִילְדֶע זַאכְן; דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אִיז אַזוֹי ווִי אַ קַמֵיעַ וָואס מֶען הֶענְגְט אוֹיף, אוֹיף אַ מְשׁוּגֶעגֶעם. אוּן עֶס אִיז נָאכְבִּישְׁט דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס עֶס צוּבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרַע ווִי לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת,

מִשְׁנָ״ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ״ה, מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְזַכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה; מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׁנֶה, אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְשַׁנֶה זַיין שְׁלֶעכְטְן טֶבַע וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זִינְדִיגְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה זָאלְסְט זֶעהְן נֶעמֶען אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן אַנְדֶערְן, אוּן מְסַיֵים זַיין אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן, בִּיז דוּ וֶועסְט דוּרְךְ זָאגְן גַאנְץ שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דָאס וֶועט פוּן דִיר אַרוֹיסְרַייסְן דָאס שְׁלֶעכְטְס, דָאס וֶועט פוּן דִיר אַרוֹיסְרַייסְן דֶעם בִּיטֶערְן בְּרֶענֶענְדִיגְן יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין דִיר. וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס הֵייסְט זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, וָואלְט עֶר זִיךְ בַּאפְלַייסְט זֵייעֶר שְׁטַארְק. אוּן אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי גְאוּלָה, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז׳ סִימָן ג׳), אֵין כָּל הַגָלֻיוֹת הַלָלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; מֶענְטְשְׁן פַארְנאכְלֶעסִיגְן זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶעם לִימוּד פוּן מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ זָאגְן אַלֵיין מִשְׁנָיוֹת אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ וָואס הָאט זִיךְ אִין אִים אָנְגֶעקְלֶעבְּט.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, אוּן וָואס מֶער דוּ קֶענְסְט זָאגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין וֶועסְט צוּגֶעקְלֶעבְּט וֶוערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוּן שְׁטַארְק זִיךְ, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מֶער פוּן אַלֶע לִימוּדִים.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ "יוֹם תְּהִלִּים", וָוארוּם דֶער תְּהִלִּים אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין זִיבְּן חֲלָקִים, אוּן וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ יוֹם תְּהִלִּים, אוּן עֶר אִיז מְסַיֵּים יֶעדֶע וָואךְ גַאנְץ תְּהִלִּים, וָוארוּם דֶער תְּהִלִּים אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט כְּפִי דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ג), דָאס תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה; אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִּים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף זָאגְן תְּהִלִּים, דָאס אִיז מְקַשֵּׁר דֶעם מֶענְטְשֶׁנְ'ס נְשָׁמָה צוּ דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, עֶס זֶעהְט אוֹיס פָּשׁוּט וְכוּ', אָבֶער בְּרוּחְנִיוּת וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִיר שׁוֹרֶשׁ וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ יוֹם תְּהִלִּים.

**אוֹיבֶּעט** זֶע מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זַיין בָּקִי בַּהֲלָכָה, זָאלְסְט וִויסְן וִויאַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן, וָוארוּם דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ וֶועט נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט, אִיבֶּערְדֶעם אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ שׁוֹין מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט קוֹדֶם וִויסְן וִוי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן.

**דֶער** עִיקָר אִיז זָאלְסְט נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּלָאזְן צוּ דִיר דִי עַצְבוּת אוּן דִי בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט, וּבִפְרַט

צוּ טְרֶעפְן דֶעם זִיווּג, וָוארוּם צוּ טְרֶעפְן זַיין זִיווּג דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ שִׂמְחָה. זָאלְסְט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער בָּחוּר, אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעמָאלְט קֶען מֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם שִׂמְחָה מִיט אֱמוּנָה גֵייעֶן צוּזַאמֶען, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְפְן הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אִיז עֶר מְגַלֶה אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים, דֶעמָאלְט עֶפֶענְט עֶר אוֹיף דֶעם מוֹיל אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁטַקַיין בַּטְלָן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אוּן בֶּעט אַסַאךְ אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן דַיין יְשׁוּעָה.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט פוּן אַ סֵפֶר וְכוּ' וְכוּ' אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט זָאל עֶר ווִיסְן אַז עֶס אִיז פוּן אוֹיבְן וְכוּ' וְכוּ';

חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים, דָאס אִיז כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, דָאס שְׁטַאמְט פוּן מַשְׂכִּילִים וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶר הָאט גֶעטוּהְן שְׁלֶעכְטְס, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּאשַׁאפְן תְּשׁוּבָה, מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז ווִידּוּי דְבָרִים, זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אוּן חֲרָטָה הָאבְּן

עַל הֶעָבָר, און מְקַבֵּל זַיין זִיךְ עַל לְהַבָּא מֶער נִישְׁט טוּהְן, און דֶעמָאלְט אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִים מְקַבֵּל בִּתְשׁוּבָה, אָבֶּער צוּ זָאגְן אַז אַ זִינְד קוּמְט פוּן אוֹיבְן וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז כְּפִירוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת, און מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַזֶעלְכֶע דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת, דָאס גֵייט אַרַיין אִין דֶעם בִּלְבּוּל וְכוּ' פוּן יְדִיעָה און בְּחִירָה וְכוּ', וָואס פוּן דָארְטְן וֶוערְט מֶען פַארְקְרָאכְן בִּיז צוּ מִינוּת און כְּפִירוּת, מֶען טָאר אַזַאנְס נִישְׁט זָאגְן און מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט שְׁרַייבְּן, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַזֶעלְכֶע בִּיכֶער וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ סְפָרִים וְכוּ', וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע כְּפִירוֹת, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וויסְן אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט און הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרַע וְכוּ' וְכוּ', און אִיךְ טוּ יֶעצְט תְּשׁוּבָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף אַלְסְדִינְג, אִיךְ וֵוייס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב), אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְתַקֵּן.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס קֶערְט זִיךְ אוּם צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט וֶועט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלְסְדִינְג, און בִּפְרַט אַ בָּחוּר אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טְרֶעפְן זַיין בַּת זוּג, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ז) אַז דֶער עִיקָר וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט נִישְׁט זַיין בַּת זוּג דָאס אִיז וַוייל עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, אָבֶּער אַז עֶר זָאל דָאס פַארְרֶעכְטְן, טְרֶעפְט עֶר גְלַייךְ דֶעם זִיווּג,

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פָּאלְג וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר דָא גֶעשְׁרִיבְּן
וֶועסְטוּ זֶעהְן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל אַז דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת
אוּן זָאלְסְט זָאגְן זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ
גֶעהָאלְפְן וֶוערְן שְׁנֶעלֶער וִוי דוּ רֶעכְנְסְט.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שמ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא י' אֱלוּל ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר, פַארְוָואס מֶען דַארְף פָארְן
צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוּז אִיךְ דִיר
זָאגְן, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ צַדִיק בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס
זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס
עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז וֶוער סְ'גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל
קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם זָאל עֶר
מַאכְן אַ כְּרוּז עֶר זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז וֶוער סְ'ווִיל הָאבְּן אַ
גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן זי"ע
אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף
רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אַגַאנְץ יָאר.

מֶען זֶעהְט אויבּ אֵיינֶער הָאט אַ מִשְׁפָּט, וָואס טוּט עֶר?

עֶר זוּכְט אַ לויעֶר, אוּן וָואס מֶער דִי מִשְׁפָּט אִיז הַארְבֶּער זוּכְט עֶר אַ גְרֶעסֶערְן לויעֶר, חָלִילָה וְחַס אַז מֶען הָאט אִים בַּאשְׁטִימְט טוּיט שְׁטְרָאף, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לויעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא אִין דֶער וֶועלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוּיף גֶעלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוּיף זַיין וַוייבּ אוּן אוּיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אוּיף זַיין טַאטְן אוּן אוּיף זַיין בְּרוּדֶער אוּן אוּיף זַיין שְׁוֶועסְטֶער, "סְ'אִיז מַיין לֶעבְּן", עֶר פַארְקוּיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר כַאפְּט אוּן פְלִיט צוּ דֶעם גְרֶעסְטְן לויעֶר, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אֶפְשַׁר אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן טוּיט.

דָא אִיז דָא אַ צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר מַבְטִיחַ אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ הַאפְּט פַאר אִים אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט יָאר אַ פַּרְנָסָה'דִיג יָאר, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן וָואס עֶר וֶועט בֶּעטְן. מִיר זֶעהְן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוּיף דֶער וֶועלְט, לֵיידֶער עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טָאג וָואס מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן קַיין אוּמְגְלִיקְן, לֵיידֶער הֶערְן מִיר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גֶעשֶׁעהְנִישְׁן וָואס הָאט פַּאסִירְט: מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען מִיט פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת מִיט חֳלָאִים רָעִים; אוּן דָא אִיז דָא אַזַא רֶבִּי וָואס עֶר הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ הַבְטָחָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן

אויף ראֹש הַשָּׁנָה װעט עֶר אִים טוּהְן אַ טוֹבָה, און װעט אִים אַרױסְנֶעמֶען פון שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אִים? אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה װָאס עֶס דַארְף אָפְּהַאלְטְן? אַװַדַאי אִיז זֵייעֶר שְׁװֶוער, אָבֶּער מֶען דַארְף װִיסְן אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אויף ראֹש הַשָּׁנָה פּוֹעֵל'ט מֶען דָארְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

**עֶס** אִיז דָא מוֹפְתִים, מֶענְטְשְׁן װָאס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אויף ראֹש הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, און זֵיי הָאבְּן דָארְטְן זִיךְ גוּט אויסְגֶעוֵוייְנְט, און נִישְׁט אַװעק פון צִיוּן נָאר גֶעזֶעצְן און גֶעוֵויינְט און גֶעבֶּעטְן און גֶעבֶּעטְן און גֶעוֵויינְט, זֵיי זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען גֶעזוּנְט. מֶענְטְשְׁן װָאס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אויף ראֹש הַשָּׁנָה זֶענֶען זֵיי גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** װייס אִיךְ נִישְׁט פַארְװָאס דַארְף מֶען אָפְּהַאלְטְן פון קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אויף ראֹש הַשָּׁנָה, ס'אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִיק אויף דֶער װֶועלְט װָאס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה, סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִיק אויף דֶער װֶועלְט װָאס עֶר זָאל מַאכְן אַ דְרוּשׁ אַז מֶען מוּז קוּמֶען צוּ אִים אויף ראֹש הַשָּׁנָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט, "כָאטְשׁ אַנְדֶערֶע צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אויף ראֹש הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין יָא מַקְפִּיד, אֵיי

אִיז אַ קַשְׁיָא פַארְוָואס? פְרֶעגְט מֶען מְמֵילָא אוֹיף מִיר קַשְׁיוֹת, אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא, אָבֶער צוּ מִיר דַארְף מֶען קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

**אִיבֶּערְדֶעם** וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פְרֶעגְט קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר נֶעמְט זַיין רֶענְצֶעלֶע עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי טַלִית אוּן תְּפִילִין, אוּן עֶסְן, אוּן עֶר פָארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**יֶעדֶער** גֶעזֶעצְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הֶערְט דִי דִיבּוּרִים ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמָאנְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז קַיין שׁוּם אָפְּהַאלְט קֶען אָפְּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דָאךְ דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַגַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְץ יָאר; מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַגַאנְץ יָאר מִיט חוֹבוֹת, בְּשָׁעַת דִי חֲזַ"ל זָאגְן כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דָא אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶע רֶבִּי וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער ס'וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּין אִיךְ מַבְטִיחַ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, וֶועסְט הָאבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה; אִיז דֶען דָא אַ נִסָיוֹן נָאךְ אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים?

**אִיבֶּערְדֶעם** וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין מֶענְטְשׁ.

מֶען דַארְף וויסְן איין זַאךְ, ראֹשׁ הַשָּׁנָה קוּמֶען צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן גַאנְץ יוּרָאפּ פוּן גַאנְץ אַמֶערִיקֶע, פוּן גַאנְץ זִיד אַמֶערִיקֶע, פוּן סַאוּט אַפְרִיקֶע, פוּן אוֹיסְטְרַאלְיֶע, פוּן דֶעם גַאנְצְן כַּדוּר הָעוֹלָם קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אַנְדֶערְן לְבוּשׁ, מִיט זַיין אַנְדֶערְן קוּלְטוּר, מִיט זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְזֶעהְן, און מֶען דַארְף וויסְן אַז אַלֶע קוּמֶען דָא זוּכְן אַ תִּיקוּן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

**אוֹיבֶּעט** דַארְף מֶען וויסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן, ס'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל גֵיין דַאוֶועןֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ, מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, ס'אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן אַלֶע חֲסִידוּתֶ'ער פוּן אַלֶע עֵדָה'ס דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּהְן מִיטְן תִּיקוּן, דֶער תִּיקוּן אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן אִין דִי ד' אַמּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און דָארְטְן בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער ס'וֶועט קוּמֶען צוּ אִים ראֹשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִים מְתַקֵן זַיין מִיט אַזַא תִּיקוּן וָואס ס'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען.

**אִיךְ** מֵיין אַז וֶוער עֶס הֶערְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז שׁוֹין בַּיי אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן.

**זָאל** דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם

מוֹנֵעַ און מְעַכֵּב, און זָאלְסְט אוֹיךְ בְּרֶענְגֶן מִיט דִיר חֲבֵרִים,
און זָאלְסְט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם עִנְיָן פון רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**עֶס** אִיז דָא נָאךְ אַ נְקוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס קוּמֶען אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אַיְעדֶער קוּמְט אוֹיף זַיין תִּיקוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פון אַן אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּהְן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, און דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל און אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פון דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעהְט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדֶעזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדֶעזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדֶעזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִּיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְווִינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גֶעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְּיָאזְשֶׁען, טְרַאכְט עֶר וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעבּ אַ קוּק וָואס דָא זֶעהְט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ מְשׁוּגֶען הוֹיז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה וִוי עֶר? דוּ דַארְפְּסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דִי זֶעהְסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּהְן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אַוַודַאי זֶעהְט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, דוּ דַארְפְּסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן.

וָוען דֶער מֶענְטְש נֶעמְט דָאס אִין זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַוַודַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, וֶוער סְ'קוּמְט הָאט אַ תִּיקוּן, אוּן מְמֵילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן יֶעדְן טָאג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען מְדַן דֶעם מֶענְטְש אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

**אִיבֶּערְדֶעם** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פּוֹעֵלְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, פַּרְנָסָה בְּנֵיקְל, קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שמא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא י' אֱלוּל ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זַייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן

ע"ח) "קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין", אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי מִיט אַ טִיפְן קוֹל "גֶעוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ!", "קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין!", אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְתַקֵּן; דָאס וָואס דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן, אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ בִּיסְט וַוייט וְכוּ' וְכוּ', דָאס וַוייזְט אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַנְדֶערְשׁ וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען צוּבְּרָאכְן, אוּן דָאס אִיז אַלֵיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת, דָאס אַלֵיין וָואס דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן שְׁלֶעכְטְס, דָאס אַלֵיין וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

**זָאלְסְט** זַייעֶר מַקְפִּיד זַיין יֶעדְן טָאג לֵייגְן תְּפִילִין, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט דוּרְכְגֵיין חָלִילָה וְחַס אַ טָאג אָן תְּפִילִין, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת מ"ד) "כָּל הַמַּנִּיחַ תְּפִלִּין זוֹכֶה לְחַיִּים", אֵיינֶער לֵייגְט תְּפִלִּין הָאט עֶר לֶעבְּן, אַ גַשְׁמִיוּת לֶעבְּן אוּן אַ רוּחְנִיוּת לֶעבְּן; אַלֶע צָרוֹת הָאט זִיךְ בַּיי דִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן זִינְט ס'אִיז דִיר גֶעוָוארְן דִי מִצְווֹת קַאלְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ מְחַבֵּר גֶעוֶוען מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, פוּן דֶעם דַארְפְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן ווִי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פַייעֶר, וָוארוּם דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וֶועלְן דִיךְ נָאכְדֶעם בַּאגְרָאבְּן, אוּן זַיי וֶועלְן דִיר מַסֶּרְן. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

**אִיךְ** הָאף אַז דו וֶועסְט קוּמֶען אַהֶער וֶועלְן מִיר רֶעדְן בְּאַרִיכוּת, און אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אִין וָואסֶערֶע יְשִׁיבָה אַרַיינְצוּגֵיין לֶערְנֶען, נָאר דֶערְהַאלְט זִיךְ און דו זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט דִיךְ אַלֶעס גוּט זַיין.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שמב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא י' אֱלוּל ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶע** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן און פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דֶער עִיקָר אִיז בָּזֶה הָעוֹלָם הִתְחַזְקוּת, און מִיט דֶעם לָשׁוֹן הָאט עֶר גֶעזָאגְט "הָעִיקָר שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטִין זִיךְ", דָאס הֵייסְט אַ אִיד דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, וָוארוּם ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים עֶפֶּעס אַן אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ; דֶער מִיט שִׁידוּכִים, דֶער מִיט פַּרְנָסָה, דֶער מִיט קִינְדֶער, וְכוּ', וְכוּ', און דֶער סוֹד פוּן אִיבֶּערְגֵיין דֶעם לֶעבְן גְרִינְגֶערְהֵייט אִיז זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט זִיךְ צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

אַוַודַאי און אַוַודַאי טוט דִיךְ וֵויי וְכוּ' וְכוּ', און אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיךְ זֵייעֶר גוט וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן, וָואס וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן פון דֶעם אַז דוּ וֶועסְט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פון יֶעדֶע זַאךְ? אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת? עֶס וֶועט דִיךְ נִישְׁט בְּרֶענְגֶען צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶס וֶועט דִיךְ פַארְדְרֵייעֶן מֶער און מֶער וְכוּ' וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם פָאלְג מִיר, מַאךְ אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן נָאר פון אִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין סֵפֶר אִיז אַתְחַלְתָא דִגְאוּלָה, וָוארוּם וֶוער עֶס לֶערְנְט און בַּאפְלַייסְט זִיךְ אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" וֶוערְט אִים גֶעעֶפְנְט דָאס הַאַרְץ און דֶער מֹחַ, און עֶר הֵייבְּט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און סְ'וֶוערְט גֶעעֶפְנְט זַיין מוֹיל און עֶר הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד.

און דֶער אֱמֶתְ'ן אִיז, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וַוארְט אוֹיס אַז אַיֶעדֶער אִיד זָאל אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן וָואס אוֹיף אִים גֵייט דוּרְךְ, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ה) וֶוען אַ אִיד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַאַרְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און דֶערְצֵיילְט אִים אַלְסְדִינְג וָואס אוֹיף אִים גֵייט דוּרְךְ, פון דֶעם וֶוערְט "שַׁעֲשׁוּעִים בְּכָל הָעוֹלָמוֹת

שֶׁלֹּא עָלוּ שַׁעֲשׁוּעִים כָּאֵלּוּ מִימוֹת עוֹלָם", װען מען זעהט די װערטער װאס דער הײליגער רבי האט אָנגעצײכנט, אַז װען אַ איד רעדט זיך אויס דאס הארץ פארן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בּרענגט ער אַרויף אין הימל אַזעלכע שַׁעֲשׁוּעִים װאס עס איז נאך קײנמאל נישט אַרויפגעגאנגען, כאפט אַ ציטער און אַ פַּחַד װי גרויס תְּפִלָּה און בַּקָּשָׁה און שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ איז.

און מען קען דאס פארשטײן פָּשׁוּט, װארום יעדער איד איז באשאפן געװארן פאר אַן אַנדערע זאך אויף די װעלט, און ער דארף אויספירן אַן אַנדערע נְקוּדָה, װארום צװײ מענטשן זעהן נישט אויס אײנער װי דער צװײטער, װי די חֲזַ"ל זאגן (בְּרָכוֹת נח.) שֶׁאֵין דַּעְתָּם דּוֹמֶה זֶה לָזֶה וְאֵין פַּרְצוּפֵיהֶן דּוֹמִים זֶה לָזֶה; איז מִמֵּילָא יעדער אײנער האט זײנע איבערגײעכץ און זײנע צָרוֹת און זײנע יִסּוּרִים און זײנע פארפלאנטערניש װאס ער פארפלאנטערט זיך בָּזֶה הָעוֹלָם וְכוּ' וְכוּ'; ער האט זיך זײנע יְרִידוֹת און זײנע נְפִילוֹת וְכוּ' וְכוּ', און פון דארטן קומט ער רעדן צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דאס איז אַ חִידוּשׁ װאס קײן מַלְאָךְ און קײן שָׂרָף און קײן רוּחָנִיּוּת באשעפעניש קען דאס נישט באװײזן, נאר אַ איד װאס איז אויף די װעלט און ס'גײט אויף אים איבער שװערע ביטערע נִסְיוֹנוֹת, און ער װײנט זיך אויס פארן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און ער זאגט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, איך קען שוין נישט איבערטראגן דעם ברענענדיגן יֵצֶר הָרַע װאס עס ברענט אין מיר וְכוּ' וְכוּ', און ער װײנט זײער שטארק וְכוּ' וְכוּ',

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס טוּט אוֹיף אוֹיבְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקֶר אִיז שִׂמְחָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֵייגְט צוּ אַן אוֹיעֶר צוּ דִי דִיבּוּרִים, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## שמג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר כִּי תָבֹא לְאוּמַאן י"ב אֱלוּל ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶע** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלְצְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "הָעִיקָר שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ", אוּן עֶר אַלֵיין אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

**זְוִיסְן** דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז יֶעדְן אִיד פְּרָאבִּירְט מֶען אוֹיס מִיט אַנְדֶערֶע פְּרוּאוּוינְגֶען, מֶען וִויל זֶעהְן וִויאַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים. עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין צַדִיק בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס מֶען הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעפְּרוּאוְוט קוֹדֶם, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הִתְנַשְּׂאוּת חֵלֶק ב׳ סִימָן ב׳) אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נוֹתֵן גְּדוּלָּה לְאָדָם עַד שֶׁבּוֹדְקוֹ בְּדָבָר קָטָן; מֶען פְּרָאבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַן אַנְדֶערְן פְּרוּאוְוינְג. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, ווִיסְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּהְן אַלֵיין, נָאר יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט גֶעפִּירְט פוּן אוֹיבְן, אִיז דָא אֵיין עֵצָה נָאר זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בֶּעטְן עֶר זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל אִים נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען חָלִילָה וְחַס אִין קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע נִסְיוֹנוֹת אִין זִיךְ הַאלְטְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, נִישְׁט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן מִיט אַלֶע כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת פוּן "כּוֹחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה", וָואס הַיינְט דַארְף מֶען אַן אוֹיסְטֶערְלִישְׁן הִתְחַזְּקוּת, וָוארוּם מֶענְטְשְׁן רֶעדְן פוּן אַלְצְדִינְג נָאר נִישְׁט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס אִיז מְקוּיָים גֶעוָוארְן וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יִרְמְיָה ז׳ כ״ח) "אָבְדָה הָאֱמוּנָה וְנִכְרְתָה מִפִּיהֶם", וָוארוּם אֵיינְס אִיז תָּלוּי אִין דֶעם אַנְדֶערְן, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אֱמוּנָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה. ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן מ״ד) "אֱמוּנָה אִיז תָּלוּי אִין דֶעם מֶענְטְשְׁנ׳ס מוֹיל, וֶוען אַ אִיד רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן אֱמוּנָה דָאס שְׁטַארְקְט אִים דִי אֱמוּנָה,

אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פ"ט) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט אֱמוּנָה דָאס אִיז אַלֵיין אֱמוּנָה, אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס וֶועט אִים שְׁטַארְקְן דִי אֱמוּנָה, ווִי סְ'שְׁטֵייט (תְּהִילִּים קט"ז) "הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר", אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן, שְׁטֶענְדִיג מַזְכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּיי יֶעדֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה, אוּן ווִיפֶער אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף אַלְצְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## דשמ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא לְאוּמַאן י"ג אֱלוּל ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, ווִי עֶר אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן, "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדִין", אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אָנְצוּקוּמֶען

אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צו אומַאן, איך ווייס אַז דו הָאסְט גְרויסֶע מְנִיעוֹת, אָבֶער איך מוז דיר זָאגְן אַז אַיֶעדֶער אֵיינֶער וָואס קומְט אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אומַאן הָאט אויסְטֶערְלִישֶׁע מְנִיעוֹת. עֶס קומֶען זִיךְ צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טויזֶענְטֶער אִידְן כֵּן יִרְבּוּ אָן אַ גוּזְמָא, פוּן אַלֶע שִׁיכְטְן וְכוּ', און יֶעדֶער עֶקְסְטֶערֶער בַּאזונְדֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע מְנִיעוֹת, עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קומְט אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אומַאן צום הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן גְרויסֶע מְנִיעוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער כְּפִי זַיין עִנְיָן; רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז נָאר דו הָאסְט מְנִיעוֹת, יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער בַּאזונְדֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע מְנִיעוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע צו טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צו צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, און קום צו פָארְן אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אומַאן צום הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ פוֹעֵל'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, וָוארוּם דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת עֶר אִיז דֶער מֵלִיץ יוֹשֶׁר; וָוארוּם וִויסְן דַארְפְסְטוּ אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער יוֹם הַדִּין וָואס מֶען אִיז דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אויף אַ גַאנְץ יָאר, און לֵיידֶער הָאבְּן מִיר גֶעזֶעהְן וָואספַארַא שְׁוֶוער יָאר אִיז גֶעוֶוען אויף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אֵשׁ וּמַיִם פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, עֶס אִיז פַארְשְׁוֶוענְקְט גֶעוָוארְן גַאנְצֶע טֵיילְן פוּן דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן גַאנְצֶע וֶועלְדֶער און פֶעלְדֶער, און לֵיידֶער זֶענֶען אַסַאךְ פוּן אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אומְגֶעקומֶען זֵייעֶר טְרַאגִישׁ, מַמָּשׁ וִוי מֶען זָאגְט אִין דִי תְּפִלָּה "מִי בָאֵשׁ", "וּמִי בַמַּיִם", וְכוּ', וְכוּ', און דָאס אִיז

אַלֶעס שוין אָנְגֶעשְׁרִיבְּן גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם פָּארְט מֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם צַדִּיק הָאֱמֶת וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט דָאס וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה גַארַאנְטִירְט עֶר אִים אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; מֶען שְׁרַייבְּט אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר ווִיפִיל עֶר וֶועט הָאבְּן וְכוּ', אוּן ווִיפִיל עֶר וֶועט פַארְלִירְן וְכוּ', אוּן לֵיידֶער דֶעם יָאר הָאבְּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן פַארְלוֹירְן דִי פַּרְנָסוֹת וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם לוֹינְט זִיךְ צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, וָוארוּם עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר. אִיז נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַזוֹיפִיל מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נָאר זֶעהְן ווִי אִידְן פַּיינִיגְן זִיךְ וְכוּ' וְכוּ'; אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן! כַאפּ דַיין פֶּעקְל אוּן קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז "אוֹיף הוֹצָאוֹת אוֹיף אַהִין אוּן צוּרִיק, וֶוער סְ'קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה גַארַאנְטִיר אִיךְ", אִיבֶּערְדֶעם קֶענְסְטוּ בָּארְגְן גֶעלְט פַאר אַ טִיקֶעט, אוּן קוּמֶען, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועט דִיר דָאס צוּרִיק בַּאצָאלְן.

**אִיךְ** הָאפ אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## שמה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא לְאוּמַאן י"ג אֱלוּל ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת שְׁטֵייט נִישְׁט אַיין בַּיי קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן וָואס מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דֶער אִיז אַ מַנְהִיג וְכוּ', אוּן יֶענֶער אִיז אַ מַנְהִיג וְכוּ', וָוארוּם דֶער רֶבִּי שְׁטֵייט נִישְׁט אַיין בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין דֵיעוֹת וְכוּ', נִישְׁט ווִי סְ'פִירְט זִיךְ הַיינְט אַז עֶס אִיז דָא זֶעלְבְּסְט גֶעקְרוֹינְטֶע מַנְהִיגִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז עֶס אִיז דָא מַנְהִיגִים וָואס זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פִירְן, אִיז ווִיאַזוֹי קֶענֶען זֵיי פִירְן אַנְדֶערֶע? בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת אִיז תָלוּי נָאר ווִיפִיל מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל חַזֶרְן דֶעם "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" בִּיז מֶען קֶען עֶס אוֹיסֶענְוֵוייניג פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ אִיז פַארְשְׁטֶעקְט אִין זַיין סֵפֶר;

קוּמְט אוֹיס וָואס מֶער מֶען לֶערְנְט זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר, אַזוֹיפִיל נֶעמְט מֶען אִין זִיךְ אַרַיין זַיין פָּנִים אוּן זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שמ"ו) אַז זַיין סֵפֶר "לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אִיז אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה, אוּן "אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווִיל אִיךְ אַז מֶען זָאל עֶס אַסַאךְ לֶערְנֶען, בִּיז מֶען זָאל עֶס קֶענֶען אוֹיסֶענְוֶוייניג". אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין זַיין סֵפֶר "לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן". אֵיינְס, לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ שִׁיעוּרִים בְּקִיאוּת בִּיז עֶר זָאל עֶס קֶענֶען אוֹיסֶענְוֶוייניג, אוּן צְוֵויי, עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר לֶערְנֶען שְׁטַייטֶעלֶעךְ בְּעִיוּן גָמוּר, וָוארוּם סְ'אִיז דָא אִין זַיין סֵפֶר ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע עַמְקוּת.

**דָאס** הֵייסְט בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת! וֶוער סְ'אִיז אַ מַתְמִיד אוּן בַּאפְלַייסְט זִיךְ אִין לֶערְנֶען "לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז בָּקִי אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת וָואס אִיז גֶעדְרִיקְט אִין "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן אִין "חַיֵי מוֹהֲרַ"ן".

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן דִי זֶעלְבְּסְט גֶעקְרוֹינְטֶע מַנְהִיגִים, וָואס זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע לֵצִים וְכוּ' וְכוּ'. רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג נָאכְזָאגְן פוּן זַיין גְרוֹיסְן פָּאטֶער רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל, אַז אִין רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז אוֹיכֶעט דָא מְפוּרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר. לֵיידֶער זֶענֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע פִירֶערְס וָואס זֵיי זֶענֶען פַארְפִירֶערְס, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דָא

צְווישְׁן בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים, וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ פִּירֶערְס, אוּן זֵיי זֶענֶען פַארְפִירֶערְס, דֶעם כְּלַל זָאלְסְטוּ נֶעמֶען בַּיי דִיר גוּט גוּט, וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קְלָאר יָשָׁר וְהָפוּךְ, דֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל דִמְיוֹן, אוּן פוּן דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן, עֶר קֶען דִיךְ גוּט פַארְפִירְן וְכוּ' וְכוּ', וּבִפְרַט בְּעִנְיְנֵי קַבָּלָה וְכוּ' דָארְטְן קֶען מֶען גָאר פַארְפִירְן אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט ווי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "וֶוען אִיךְ זָאל ווִיסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת", דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, "וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג", אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי ווי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ.

**זָאלְסְט** זֶעהְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין יֶעדְן טָאג גֵיין אִין מִקְוֶה, וָוארוּם וֶוען דֶער גוּף טוֹבְלְט זִיךְ דָא אוּנְטְן, דֶעמָאלְטְס

טוֹבלְט זיךְ די נְשָׁמָה אויבְן. און זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרַייא תְּפִילוֹת שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא. און זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט תַּרְגוּם. און זָאלְסְט זיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק וְכוּ' וְכוּ', בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵּים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל. און אַזוֹי זָאלְסְטוּ זיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אָנְהֵייבְּן פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת און מְסַיֵּים זַיין, און אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת וְכוּ' וְכוּ', בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, און אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיכֶעט מַאכְן זיךְ אַ שִׁיעוּר אִין טוּר בֵּית יוֹסֵף שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן, וֶועסְט עֶנְדִיגְן אוֹרַח חַיִּים זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן יוֹרֶה דֵעָה, און וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן יוֹרֶה דֵעָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן אֶבֶן הָעֶזֶר, אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אֶבֶן הָעֶזֶר זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ זיךְ פִירְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען כְּסִדְרָן דַיְיקָא עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), און אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיכֶעט לֶערְנֶען זוֹהַר און תִּיקוּנִים וְכוּ' וְכוּ', וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואסֶערֶע טַעַם דוּ וֶועסְט הָאבְּן אִין לֶעבְּן, נָאר לָאז זיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

**זָאלְסְט** בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף עֲשִׁירוּת. זָאלְסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה כְּפִי נוּסַח הָאֲרִיזַ"ל, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה מֶען זָאל דִיךְ מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲווֹנוֹת.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵייליךְ, אוּן פְרֵייליךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אַלֵיין פְרֵייליךְ זַיין, אוּן פְרֵייליךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, וָוארוּם שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# שמו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא לְאוּמַאן י"ג אֱלוּל ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זָאלְסְט** ווִיסְן אֱמוּנָה אִיז זֵייעֶר אַ הַאקֶעלֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַז עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קֵיין קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען רוּפְט קוֹדֶם אוֹיס אִין הִימְל, אַזוֹי ווַייט אִיז דֶער הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת. אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זִי"ע הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דָאס אֲפִילוּ אַ בְּלֶעטְל פוּן אַ בּוֹים פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ אָן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס דַארְף מֶען גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ.

**אָבֶער** פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מִינִים אוּן אֶפִּיקוֹרְסִים, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פוּן זֵיי זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְן, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז פוּן רְשָׁעִים קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס, וְוִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל א׳ כ״ד י״ג) ״מֵרְשָׁעִים יֵצֵא רֶשַׁע וְיָדִי לֹא תִהְיֶה בָּךְ״, דָאס הֵייסְט פוּן רְשָׁעִים קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין נִסִים וְכוּ׳, נִישְׁט וְוִי מֶען פַארְבְּלֶענְט הַיינְט דִי אוֹיגְן אַז דוּרְךְ דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין גָארְנִישְׁט וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען עוֹקֵר דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אוּן דִי מִצְווֹת פוּן אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת וְכוּ׳, דוּרְךְ זֵיי וֶועלְן אִידְן הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה וְכוּ׳, אַז אָךְ אוּן וֵויי צוּ טְרַאכְטְן אַזוֹי וְכוּ׳.

**אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַארְף עֶר תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז חֲרָטָה עַל הֶעָבָר אוּן קַבָּלָה עַל לְהַבָּא, אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, דָאס הֵייסְט תְּשׁוּבָה, אָבֶער נִישְׁט זָאגְן דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת אַז אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט מֶען אַזוֹי גֶעוָואלְט פוּן הִימְל וְכוּ׳, דָאס אִיז מִינוּת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, אַזֶעלְכֶע דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן שְׂכַר וָעוֹנֶשׁ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוּן וִויסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס עֶר פַאלְט דוּרְךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, זָאל עֶר גְלַייךְ לוֹיפְן אוּן טוֹבְל׳ען זִיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, אוּן זָאגְן דִי צֶען קַפִּיטְלֶעךְ

תְּהִלִּים וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוַויינֶען פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דֶעם וָואס עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן וְכוּ', אוּן זָאל זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל וָואס אִיז גֶעדְרִיקְט נָאךְ דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, וָואס דָארְטְן זֶעהְט מֶען וָואס הֵייסְט תְּשׁוּבָה, ווִי עֶר קְלָאגְט אוּן וֵויינְט "אוֹי לִי וַי לִי", וְכוּ' וְכוּ', "כִּי אֲנִי בְּעַצְמִי הַחַיָּיב וְהַפּוֹשֵׁעַ אֲפִילוּ בְּהַמִּקְרוֹת שֶׁנִּזְדַּמְּנוּ לִי בְּשׁוֹגֵג, כִּי לֹא שָׁמַרְתִּי אֶת הַמַּחֲשָׁבָה כְּלָל וְהִרְהַרְתִּי בַּיּוֹם, עַד שֶׁבָּאתִי לִידֵי טוּמְאָה בַּלַּיְלָה, וְעַל יְדֵי זֶה קִלְקַלְתִּי מַה שֶּׁקִּלְקַלְתִּי, וְגָרַמְתִּי מַה שֶּׁגָּרַמְתִּי, וְשִׁחַתְּתִּי מַה שֶּׁשִּׁחַתְּתִּי. אוֹי אוֹי אוֹי, אוֹיָה עַל נַפְשִׁי, אוֹי לְנַפְשִׁי, כִּי גָמַלְתִּי לִי רָעָה. מָה אוֹמַר, מָה אֲדַבֵּר, מָה אֶצְטַדָּק. מָה אוֹמַר, מָה אֲדַבֵּר, מָה אֶצְטַדָּק. הָאֱלֹהִים מָצָא אֶת עֲוֹנִי. הִנְנִי לְפָנֶיךָ בְּאַשְׁמָה רַבָּה, הִנְנִי לְפָנֶיךָ מָלֵא בּוּשָׁה וּכְלִמָּה, מָלֵא טִינּוּפִים וְלִכְלוּכִים, מָלֵא תּוֹעֵבוֹת רָעוֹת, וְאֵין שׁוּם לָשׁוֹן בָּעוֹלָם שֶׁאוּכַל לְכַנּוֹת בּוֹ עוֹצֶם הָרַחֲמָנוּת שֶׁיֵּשׁ עָלַי, כִּי רַע וָמַר, כִּי נָגַע עַד הַנֶּפֶשׁ, מַר לִי מְאֹד, אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם. מַר לִי מְאֹד, רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים. רְאֵה אַנְחָתִי וְאֶנְקָתִי, כִּי נַפְשִׁי מָרָה לִי מְאֹד, עַד אֲשֶׁר אֵינִי יוֹדֵעַ אֵיךְ אֲנִי יָכוֹל לִחְיוֹת מֵעוֹצֶם מְרִירוּת נַפְשִׁי, אֲשֶׁר עַד גָּבְהֵי שָׁמַיִם יַגִּיעַ, כִּי קַצְתִּי בְּחַיַּי, לָמָּה לִי חַיִּים כָּאֵלֶּה, חַיִּים מָרִים וּמְרוּרִים מִמָּוֶת, אֶת קֻבַּעַת כּוֹס הַתַּרְעֵלָה שָׁתִית, מָצִית נַפְשִׁי", זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַלֶעם, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַארְף עֶר תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל

זַיין, אָבֶּער נִישְׁט זָאגְן אַזֶעלְכֶע מִינוּת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת אַז פוּן אוֹיבְן הָאט מֶען גֶעפִירְט אַז עֶר זָאל זִינְדִיגְן וְכוּ' וְכוּ', רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן פוּן דִי פַארְקְרִימְטֶע דֵיעוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אֱמוּנוֹת כּוֹזְבִיוֹת, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען, מֶען דַארְף אַוֶועקְגֵיין פוּן מִינִים אוּן אֶפִּיקוֹרְסִים אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי גָארְנִישְׁט צוּ טוּהְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אַלֶע פַארְפוֹילְטֶע וְכוּ' זִינְגֶערְס אוּן שְׁפְּרִינְגֶערְס אוּן שְׁפִּילֶערְס וָואס מַאכְן נָאךְ דִי גוֹיִם, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁטֶעלְט וִוי חַסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט, דָאס אִיז אַן אָפֶּענֶע וֶועג אַרַיינְצוּפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן דֶעם, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ג') **אַז** מֶען הֶערְט נָאר אַ נִיגוּן פוּן אַ מְנַגֵן רָשָׁע שַׁאדְט דָאס אִים שׁוֹין אִין אִידִישְׁקֵייט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אַרַיינְגֶעמִישְׁט קַיין דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועט עֶר זֶעהְן וָואס הֵייסְט אֱמֶתְ'ע אֱמוּנָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# שמז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא לְאוּמַן י"ג אֱלוּל ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דִיר, דִיךְ אַרַיינְצוּוואַוארְפְּן אִין יֵאוּשׁ אוּן אִין דִיפְּרֶעסְיֶע וָואס דָאס אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן נִישְׁט אוּמְזִיסְט זָאגְן מִיר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַ בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט' הֲלָכָה ה') תָּנֵי בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר אֵין לְךָ אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה מֵאָה מִצְווֹת בְּכָל יוֹם. קוֹרֵא אֶת שְׁמַע וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וְאוֹכֵל אֶת פִּתּוֹ וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וּמִתְפַּלֵּל שְׁלֹשָׁה פְּעָמִים שֶׁל שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה וְחוֹזֵר וְעוֹשֶׂה שְׁאָר מִצְווֹת וּמְבָרֵךְ עֲלֵיהֶן. וְכֵן הָיָה רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר אֵין לְךָ אָדָם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין הַמִּצְווֹת מַקִּיפוֹת אוֹתוֹ: תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ, וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ, וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ, מִילָה בִּבְשָׂרוֹ, אַרְבַּע צִיצִיּוֹת בְּטַלִּיתוֹ מַקִּיפִין אוֹתוֹ; הוּא שֶׁדָּוִד אָמַר (תְּהִלִּים קי"ט) "שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ", וְכֵן הוּא אוֹמֵר (תְּהִלִּים ל"ד) "חוֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם"; אוּן מִיט דֶעם דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אִיד פְרֵייעֶן אַיֶעדְן טָאג, אוּן מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז זַיין הַארְץ אִיז לוֹיטֶער מִיט אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט

(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א׳) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו.

אַ איד דַארְף שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין מִיט דִי מִצְוֹות וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים יֶעדְן טָאג, אוּן שִׂמְחָה אִיז מַרְחִיב דֶעם דַעַת אוּן דֶעם שֵׂכֶל, אַז וואויל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, ווי דֶער הָאַרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מְגַלֶה גְעוֶוען פַאר זַיין הֵיילִיגְן תַּלְמִיד רַבִּי חַיִים וִויטַאל זַ"ל אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר מַחֲמַת שִׂמְחַת הַמִּצְוֹות, וֶוען עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַ מִצְוָה אִיז עֶר גְעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַזוֹי ווי אֵיינֶער אִיז פְרֵיילִיךְ וַוייל מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט, אִיז עֶר דָאךְ אַוַדַאי פְרֵיילִיךְ וְכוּ׳, דָאס קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי שִׂמְחָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי מְקַיֵים זַיין אֵיין מִצְוָה; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס הֵייסְט שִׂמְחַת הַמִּצְוֹות.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן כ"ד) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶער אוֹיב עֶר אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, קֶען עֶר אַרוֹיס גֵיין - נִישְׁט נָאר פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וְכוּ׳, נָאר עֶר קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן עוֹלָם הָעֲשִׂיָה אוּן גֵיין אִין עוֹלָם הַיְצִירָה אִין עוֹלָם הַבְּרִיאָה בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין עוֹלָם הָאֲצִילוּת אוּן מַשִׂיג זַיין רוּחְנִיוּת חַיוּת אֱלֹקוּת בִּבְחִינַת מָטֵי וְלֹא מָטֵי וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס הֵייסְט מֵרוֹב

שִׂמְחָה וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן בַּיי מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה וֶועט אִים לַייכְטְן עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר: זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, לָאז דִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְרֶעדְן פוּן קַיין טִיפֶּשׁ אָדֶער נַאר וְכוּ' וְכוּ', אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה וְכוּ' וְכוּ'! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) אַז עֶס אִיז גָאר קַיין יֵאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנְדִין, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ טִיפְן קוֹל, "גִיוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ", וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִים אַ יֵאוּשׁ וְכוּ', אַ צוּבְּרָאכְנְקֵייט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אוּן כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוֹיבּ עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער עִיקַר תְּשׁוּבָה אִיז ווידוּי דְבָרִים, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) שֶׁמִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲווֹנוֹתֵיהֶם מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם שֶׁנֶּאֱמַר (וַיִּקְרָא כ"ו) "וְהִתְוַדּוּ אֶת עֲוֹנָם וְאֶת עֲוֹן אֲבוֹתָם בְּמַעֲלָם אֲשֶׁר מָעֲלוּ"; אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# שמח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא ט"ו אֱלוּל ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא זְכוּת הַיינְט עֶנְדִיגְן פִינְף-אוּן-דְרַייסִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער מַסְבִּיר צוּ זַיין דֶער גְרוֹיסֶער זְכוּת פוּן מְסַיֵּים זַיין אֲפִילוּ אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וָוארוּם וָואס בְּלַייבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר דָאס וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט בָּזֶה הָעוֹלָם טוֹב אֲמִיתִּי וְנִצְחִי.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה. אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט אוֹיפְן פֶּתַח פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן וֶוער סְ'הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה זָאלְן טְשֶׁעפֶּענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָארְטְן אַרַיינְלֵייגְן; אַזוֹי גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב אִיז דֶער לִימּוּד מִשְׁנָיוֹת אוֹיבְן אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית מ"ב) מַאן דְקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְׁרָא קִשּׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיהּ כִּדְקָא יָאוּת, אִלֵּין אִינוּן דִמְקַדְּשִׁין שְׁמָא קַדִּישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; [וֶוער עֶס לֶערְנְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה שְׁטֶענְדִיג, דֶער אִיז גוֹרֵם גְרוֹיסֶע יִחוּדִים

אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן זֵיי זָענֶען מְקַדֵשׁ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען], אַזוֹי גְרוֹיס אִיז דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן וָוען עֶר הָאט אַ פְרֵייעֶ צַייט לֶערְנְט עֶר נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק וְכוּ' וְכוּ', אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ' וְכוּ', דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט אִים פוּן דָארְטְן אַרוֹיס, וָוארוּם (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ'שְׁ'נָ'ה', אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, נֶעמְט עֶר אַרוֹיס זַיין נְשָׁמָה פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אַז וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אַזוֹיפִיל מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אַזוֹי אָנְהַאלְטְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וֶועסְט זֶעהְן עֶס וֶועט דִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט פֶעלְן קַיין פַּרְנָסָה, אֲפִילוּ וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן שְׁוֶועְרֶע צַייטְן וְכוּ' וְכוּ', בִּזְכוּת דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְקְרִיכְן וְכוּ', וָוארוּם מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי זָאלְן וַואקְסְן גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן זָאלְסְט הָאבְּן פַאר זֵיי אַ גוּטֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע, אוּן זֵיי זָאלְן הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה מִיט זֵייעֶר לֶערְנֶען.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# שמט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא ט"ו אֱלוּל ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זֶע** דוּ מִיט דַיין וַוייבּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן זַייט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, עֶטְץ וֶועטְץ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם הָאבְּן קִינְדֶער. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיר דַארְפְט זַיין אַזוֹי בַּאזָארְגְט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט עֶנְק בְּוַדַּאי הֶעלְפְן אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק ב' סִימָן ד') הִשְׁתַּדְּלוּת בְּפִדְיוֹן שְׁבוּיִם מְסוּגָּל לְהוֹלָדָה; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְט אִיר עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גֶעפַאנְגֶענֶער וִוי אֵיינֶער אִיז גֶעפַאנְגֶען אִין דִי נֶעסְט פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל אִין שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ', אוּן לִיגְט אִין אַ טִיפְן יֵאוּשׁ אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ', דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שָׁבוּי (גֶעפַאנְגֶענֶער), אוּן אַז מֶען בְּרֶענְגְט צוּ אִים דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס רַאטֶעוֶועט אִים אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין גֶעפֶענְגֶענִישׁ וָואס עֶר אִיז גֶעפַאנְגֶען אִין דֶעם נֶעסְט פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג מְנַדֵּב זַיין גֶעלְט פַאר הַדְפָּסָה, אָפְּקוֹיפְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן דָאס גֶעבְּן פַאר דִי מְפִיצִים זֵיי זָאלְן דָאס מֵפִיץ זַיין, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט עֶטְץ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זֶעהְן יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא כְּסִדְרָן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין טָאג, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער. עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט פוּן אַ אִיד וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער לַאנְגֶע יָארְן, אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע, אוּן עֶר הָאט זַייעֶר גֶעוֵויינְט פַאר אִים דָאס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, הָאט אִים דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק גֶעזָאגְט, "אִינְגֶערְמַאן, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְּמָרָא, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן". אוּן עֶס אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים גֶעשָׁאנְקֶען זִיבֶּעצְן לֶעבֶּעדִיגֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְן עֶרְשְׁטְן דַף פוּן זַיין שַׁ"ס אִין מַסֶכֶת בְּרָכוֹת מִיט דֶעם לָשׁוֹן "בֶּן ל"א שָׁנִים הָיִיתִי, וְלֹא זָכִיתִי לְזֶרַע שֶׁל קַיָימָא, וְנָסַעְתִּי לְהָרַב הַקָדוֹשׁ הַשַׂר שָׁלוֹם מִבֶּעלְזָא זי"ע, וְאָמַר לִי בָּזֶה הַלָּשׁוֹן, 'אַבְרֵךְ הֲלֹא אַתָּה יָכוֹל לִלְמוֹד, אִם כֵּן תִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם דַף גְּמָרָא יוֹתֵר מִכְּפִי לִימוּדֶיךָ עַד כֹּה, וְתִזְכֶּה לְזֶרַע שֶׁל קַיָימָא', וְכַּךְ הֲוָה".

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע דָאס אוֹיבֶּעט מְקַיֵים צוּ זַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, נָאר זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק אָנְהֵייבְּן שׁוֹין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְּמָרָא כְּסִדְרָן פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת וְכוּ', וֶועסְטוּ זֶעהְן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, זַייט עֶנְק נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, וֶועט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶנְק שֶׁענְקֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

**דָאס** וָואס דֶער וַוייבּ ווייִנְט בַּיים לֶעכְט צִינְדְן אוּן בֶּעט דֶעמָאלְטְס אוֹיף קִינְדֶער, דִי תְּפִילוֹת וֶוערְט זֵייעֶר נִתְקַבֵּל, וָוארוּם דֶעמָאלְטְס אִיז אַ גְרוֹיסֶער עֵת רָצוֹן אִין הִימְל פַאר אַ פְרוֹי. אִיבֶּערְדֶעם זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן וֶוען זִי צִינְדְט אָן דִי לֶעכְט פַאר שַׁבָּת אוֹיף קִינְדֶער, וֶועט אִיר אַוַודַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**בַּיי** אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג דָאס גְלַייךְ וֶוען אַ פָּארְפָּאלְק הָאט חֲתוּנָה צִינְדְט מֶען אָן צְוַויי לֶעכְט פוּן אוֹיל כְּנֶגֶד זָכוֹר וְשָׁמוֹר, אוּן פִיר לֶעכְט פוּן חֵלֶב, כְּנֶגֶד ד' אוֹתִיּוֹת שֵׁם הַוַי"ה בָּרוּךְ הוּא, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט ווינְצִיגֶער, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּב פַאר דִי פָּארְפָּאלְק, אוּן וֶוען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְט עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אַ זוּן אָדֶער אַ טָאכְטֶער, אִיז מֶען מוֹסִיף אֵיין לֶעכְט, אוּן אַזוֹי בַּיי אַ יֶעדֶעס קִינְד וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן לְמַזָּל טוֹב, אִיז מֶען מוֹסִיף אֵיין לֶעכְט, נִישְׁט מֶערְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## שנ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא ט"ז אֱלוּל ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אוֹדוֹת** וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט צִי דוּ זָאלְסְט וֶוערְן דֶער גַבַּאי אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ; אִיךְ זֶע נִישְׁט פַארְוָואס נִישְׁט, צוּ זַיין אַ גַבַּאי אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ, וָוארוּם אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז דֶער מִשְׁכָּן פוּן דִי שְׁכִינָה, אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט אַ סֵדֶר, אוּן אַ סֵדֶר קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ גַבַּאי'ן, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי גַבָּאוּת אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן דֶער עִיקֶר זָאלְסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּן אַחְדוּת צְווִישְׁן דִי מִתְפַּלְּלִים פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶר מַאכְט שְׁטֶענְדִיג מַחְלוֹקֶת אִין יֶעדְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף אַ גַבַּאי זַיין פוּן אֵיין זַייט שְׁטַארְק ווִי אַייזְן, אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, ווִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דִי אוֹתִיוֹת גַ'בַּ'אִ'י' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע וֶוערְטֶער פוּן שֵׁם מ"ב, אָ'נָא בְּ'כֹחַ גְ'דוּלַת יְ'מִינְךָ, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען גֵיין מִיט כֹּחַ אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן גָארְנִישְׁט פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען גֵיין מִיט אַהֲבָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט, כְּעֵין ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן

(סוֹטָה מז.) לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דוֹחֶה וְיָמִין מְקָרֶבֶת; "אָ'נָא בְּ'כֹחַ" דָאס אִיז שְׂמֹאל דוֹחֶה, "גְ'דוּלַת יְ'מִינְךָ" דָאס אִיז יָמִין מְקָרֶבֶת, מֶען דַארְף הָאבְּן גְרוֹיס חָכְמָה וְויאַזוֹי צוּ פִירְן אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אַלֶע מִתְפַּלְלִים זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאל דֶער גַבַּאי אוֹיסְפִירְן.

**אַ** בֵּית הַמִדְרָשׁ דַארְף זִיךְ פִירְן עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן אֲפִילוּ אַ זִיז כָּל שֶׁהוּא, עֶס טָאר נִישְׁט זַיין הֶפְקֶר אִין אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ, וֶוען מֶען דַאוֶונְט טָאר מֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, וָוארוּם עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זִינְד, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אִיז מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דְרִיקְט זִיךְ אוֹיס זֵייעֶר אַ שְׁטְרֶענְגֶען לָשׁוֹן (עַיֵּין זוֹהַר תְּרוּמָה קל"א:) וּמַאן דְאִשְׁתָּעֵי בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא וַוי לֵיהּ דְּאַחְזֵי פְּרוּדָא, וַוי לֵיהּ דְגָרַע מְהֵימְנוּתָא, וַוי לֵיהּ דְלֵית לֵיהּ חוּלְקָא בֶּאֱלָהָא דְיִשְׂרָאֵל, דְאַחְזֵי דְלֵית לֵיהּ אֱלָהָא, וְלָא אִשְׁתַּכַּח תַּמָן, וְאַנְהִיג קְלָנָא בְּתַקִּיפָא עִלָּאָה; [וֶוער עֶס רֶעדְט אִין שׁוּל, אָךְ אוּן וֵויי אִיז אִים, עֶר וַוייזְט אַ פֵּירוּד פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָךְ אוּן וֵויי אִיז אִים אַז עֶר פַארְמִינֶערְט דִי אֱמוּנָה, אָךְ אוּן וֵויי אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק בֶּאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל, וָוארוּם עֶר וַוייזְט אַז כַּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נִישְׁט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט קַיין מוֹרָא, אוּן עֶר רֶעדְט אוּן פְּלוֹידֶערְט, אוּן מִיט דֶעם אִיז עֶר גוֹרֵם אַ בִּזָיוֹן כַּבְיָכוֹל פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים].

**עֶס** אִיז אַזוֹי שְׁטְרֶענְג אַז מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט, מֶען רֶעדְט אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, נֶעמְט אַ בַּיישְׁפִּיל, אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט

פַאר אַ קֵייזֶער, אִינְמִיטְן רֶעדְן מִיט אִים וְכוּ', אִיז עֶר מַפְסִיק אוּן רֶעדְט צוּ אַ קְרֶעצִיגְן קְנֶעכְט, וָואלְט עֶר נִישְׁט חַיָּיב גֶעוֶוען קַיין מִיתָה? דִי זֶעלְבֶּע וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶונְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טָאר עֶר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט בַּיים לֵיינֶען דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין שְׁטִיל אוּן אוֹיסְהֶערְן דֶעם גַאנְצְן לֵיינֶען, וָוארוּם וֶוען דֶער בַּעַל קוֹרֵא לֵיינְט דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אַז עֶר שְׁטֵייט יֶעצְט בַּיים בַּארְג סִינַי אוּן עֶר אִיז מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה.

**דָאס** דַארְף זַיין דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ גַבַּאי'ן עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְן אַז דֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ זָאל זִיךְ פִירְן עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין הֶפְקֵר.

**עֶס** הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט הרה"ח ר' הִירְשׁ לֵייבּ לִיפֶּל זַ"ל, עֶר אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן דֶעם חָפֵץ חַיִּים זַ"ל אוּן אַזוֹי ווי דֶער אֵיידֶעם ר' הִירְשׁ זַאקְס זַ"ל הָאט גֶעזֶעהְן אַז דָאס אִיז אַ עֶרְנְסְטֶער בָּחוּר, הָאט עֶר אִים אַרַיינְגֶעלָאזְט צוּ זַיין שְׁוֶוער דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל. הָאט אִים דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר וויל, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט עֶס צִיט אִים צוּ חַסִידוּת, אוּן וויל וויסְן צוּ וָואסֶערֶע חַסִידוּת עֶר זָאל מְקוֹרָב וֶוערְן; הָאט אִים דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט "זָאלְסְט גֵיין צוּ אַ חֲסִידוּת וָואס אִיז מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד אוֹיפְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ", הָאט עֶר זִיךְ אַסַאךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט, בִּיז עֶר אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט, וָוארוּם בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אִיז מֶען מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד זִיךְ צוּ פִירְן עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

**אוֹיךְ** הָאט מִיר אַמָאל דֶערְצֵיילְט הרה"ח ר' אֵלִיָהוּ חַיִים רָאזְן זַ"ל, אַז אִין אוּמַאן וֶוען עֶס פְלֶעגְט קוּמֶען אַ נַייעֶ מְקוּרָב אוּן עֶר פְלֶעגְט פְרֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאל אִים זָאגְן עֶפֶּעס אַ הַנְהָגָה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט, פְלֶעגְן זַיי עֶנְטְפֶערְן, "מַאךְ אוֹיף דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן". וָוארוּם מִיר וֵוייסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל הַאלְטְן יֶעדְן פְּרַט וָואס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וִוי אֵיינְמָאל הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אִיר ווִילְט, אָבֶער נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ", דָאס הֵייסְט, מֶען קֶען מְחַדֵשׁ זַיין אִין זַיין סֵפֶר וִויאַזוֹי מֶען ווִיל, אָבֶער נִישְׁט מַאכְן אַ נַייעֶם דִין. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קצ"ד) עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע בַּיי לוֹמְדִים צוּ מְחַדֵשׁ זַיין אַ נַייעֶם דִין אוּן אַ נַייעֶ הַנְהָגָה;

**אַז** ווַאוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז מַקְפִּיד צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן פִירְן זִיךְ עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וּבִפְרַט אַ בֵית הַמִדְרָשׁ דַארְף זִיךְ פִירְן נָאר עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט, דַאוֶוענְט מֶען. אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט, לֶערְנְט מֶען. נִישְׁט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען לֶערְנְט מֶען, אוּן נִישְׁט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען דַאוֶוענְט מֶען וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם אִיבֶּער דִי גַבָּאוּת, אוּן זָאלְסְט פִירְן מִיט יוֹשֶׁר אוּן מִיט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, אוּן דֶער עִיקָר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אִין שׁוּל,

וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִיכְטִיג, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא) כָּל זְמַן שֶׁיִשְׂרָאֵל מְעַצְרִין בְּבָתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבְבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹצֵר שְׁכִינָתוֹ עִמָּהֶם; וֶוען אִידְן הַאלְטְן זִיךְ אָפּ פוּן אַרוּמְקְרִיגְן זִיךְ אִין אַ בֵּית הַכְּנֶסֶת אָדֶער אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ אַיין דָארְטְן, אִיז כַּבְיָכוֹל הַאלְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַיין דִי שְׁכִינָה דָארְטְן, אַז ווּאוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הַאלְט בְּכָבוֹד אַ בֵּית הַכְּנֶסֶת אוּן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# שנא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר כִּי תָבֹא ט"ז אֱלוּל ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** הָאבּ גְרוֹיס הֲנָאָה אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיךְ וְכוּ', אַזוֹי דַארְף זַיין, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"ח) "אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה קָאן עֶר אָנְוֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא"; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג, פוּן הַיינְט אָן טוּ נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**עֶס** אִיז אַ חִידוּשׁ אַ פֶּלֶא, דָאס צְוֵויי מָאל בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם עִנְיָן פוּן 'אַ פֶּערְטְל שָׁעָה', אֵיינְמָאל דָא, אַז "וֶועגְן אַ תַּעֲנוּג'ל פוּן אַ פֶּערְטְל שָׁעָה קֶען מֶען אָנְוֶוערְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶער וֶועלְט", אוּן אֵיינְמָאל בְּרֶענְגְט עֶר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"א) אַז "דִי זִיבֶּעצִיג יָאר לוֹיפְט דוּרְךְ ווִי אַ פֶּערְטְל שָׁעָה"; אוּן מֶען קֶען זָאגְן אַז עֶס אִיז אֵיינְס תָּלוּי אִין דֶעם אַנְדֶערְן, אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ תַּאֲוָה מְגוּנָה וָואס עֶס קוּקְט אוֹיס אַ תַּעֲנוּג'ל פוּן אַ פֶּערְטְל שָׁעָה וְכוּ', אָבֶּער מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר אָן זַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר, וָואס פְלִיט דוּרְךְ ווִי אַ פֶּערְטְל שָׁעָה, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה צ"ו סִימָן ב') כְּצֵל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה, וְהַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף, דִכְתִיב (תְּהִלִּים קמ"ד) כְּצֵל עוֹבֵר, וְאֵין מִקְוֶה, וְאֵין מִי שֶׁיְּקַוֶּה שֶׁלֹּא יָמוּת, הַכֹּל יוֹדְעִים וְאוֹמְרִין בְּפִיהֶם שֶׁהֵן מֵתִים; מֶען זֶעהְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט פוּן דִי יוֹם הַמִּיתָה, אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג רֶעדְט עֶר פוּן יֶענֶעם, דָאס הֵייסְט "יֶענֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן", "יֶענֶער גֵייט שְׁטַארְבְּן", עֶס פַאלְט אִים נִישְׁט אַיין אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן, וָוארוּם דָאס ווִיל קֵיינֶער נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, אִיבֶּערְדֶעם טוּט עֶר אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ' אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ'.

**זִיסְן** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, וֶוער אִיז אַ חָכָם? נָאר דֶער וָואס עֶר טְרַאכְט מִיט אַן אֱמֶת ווִי מֶען שְׁטַארְבְּט אוּן ווִי מֶען בַּאגְרָאבְּט אִין קֶבֶר, אוּן וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט אִים דָארְטְן, דֶער וָואס עֶר טְרַאכְט פוּן דֶעם דֶער אִיז דֶער

גְרעסְטֶער חָכָם, און דֶער לֶעבְּט אַן אֱמֶתְ'ן זִיסְן לֶעבְּן ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תָּמִיד ל"ב.) מַה יַּעֲבִיד אִינִישׁ וְיִחְיֶה? אָמְרוּ לֵיהּ יָמִית עַצְמוֹ, מַה יַּעֲבִיד אִינִישׁ וְיָמוּת? יְחַיֶּה אֶת עַצְמוֹ; [וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּהְן עֶר זָאל לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶר זָאל טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן און מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן, אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּהְן; און פַארְקֶערְט, וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּהְן אַז עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן, און הָאבְּן אַ בִּיטֶער און פִינְסְטֶער לֶעבְּן? עֶר זָאל זוּכְן מַאכְן אַ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס הֵייסְט עֶר זָאל זַיין אַ הוּלְטַיי, דֶעם אִיז זֵייעֶר פִינְסְטֶער אִין דֶער לֶעבְּן, וָוארוּם עֶר וֶוערְט פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט אַלֶע מִינֵי צָרוֹת]. אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, און עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, דֶער הָאט דֶער שֶׁענְסְטֶער לֶעבְּן.

דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואסֶערֶע זְכוּת דוּ הָאסְט, דוּ הָאסְט אָפְּגֶעדְרִיקְט מַסֶכֶת תַּעֲנִית מִיט נְקוּדוֹת, און יֶעצְט אִיבֶּער הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים הַזֶרְן דִי מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, אַז וואוּיל אִיז דִיר פַאר דֶעם זְכוּת.

זֶע צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיילִיךְ הִיט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פְּגַם הַבְּרִית.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# שנב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבֹא לְאוּמַאן י"ז אֱלוּל ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיךְ אָפְּצוּדַאנְקֶען אוֹיף דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס דוּ טוּסְט מִיט דְרִיקְן דִי סְפָרִים! דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִויפִיל צוּבְרָאכֶענֶע אוּן דֶערְוַוייטֶערְטֶע נְשָׁמוֹת דוּ טוּסְט מְחַזֵּק זַיין אוּן מְקָרֵב זַיין! זָאל דֶער זְכוּת דִיר בֵּיישְׁטֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ טוֹבוֹת פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאף זֵייעֶר אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אוּן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דָאס וֶוער ס'גְלֵייבְּט אִין אִים זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֵיי אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים זָאגְן נִישְׁט אַזוֹי וְכוּ', אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא וְכוּ', דָאס הֵייסְט מֶען פְרֶעגְט אוֹיף אִים מְמֵילָא אַסַאךְ קַשְׁיוֹת, וֶועט זַיין נָאךְ אַ קַשְׁיָא וְכוּ'; אָבֶּער עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ

גֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר פַארְרֶעכְטְן אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע נְשָׁמוֹת פְּגוּמוֹת וָואס אַ גַאנְץ יָאר קֶען עֶר נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן, אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶער עֶר זֵיי אוֹיכֶעט פַארְרֶעכְטְן.

**שְׁטֶעל** זִיךְ פָּאר ווִי פָּגוּם דַארְף שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען זֵיי נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן אַגַאנְץ יָאר וֶוען עֶר הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט צְוֵויי הֵיילִיגֶע עֵדוּת, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן מְקוּבָּל רֶבִּי אַהֲרֹן מִבְּרֶסְלֶב זי"ע, אוּן דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי נַפְתָּלִי מִנֶעמִירוֹב זי"ע, אַז זֵיי זָאלְן זַיין עֵדוּת אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן, אוּן עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיינֶעט וֶועגְן, אוּן וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אֲפִילוּ ווִי וַוייט עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין גֶעפַאלְן וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן דָא זָאגְט עֶר אַז אֲפִילוּ דִי נְשָׁמוֹת וָואס עֶר קֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן זֵיי אוֹיכֶעט אַ תִּיקּוּן, קֶען מֶען זִיךְ פָּארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז, ווִי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִיצְלַן וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר אוֹיכֶעט הָאבְּן אַ תִּיקּוּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ דְרִיקְן דִי אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ, וָוארוּם דִי מְפִיצִים זָאגְן מִיר אַז דָאס מַאכְט אַ מוֹרָא'דִיגֶער הִתְעוֹרְרוּת צְווִישְׁן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וְכוּ' וְכוּ', שְׁטַארְק זִיךְ, דְרִיק וָואס מֶער דִי אַלֶע בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעזֶעהְן ווִי דִי הָאסְט אָפְּגֶעדְרִיקְט דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִיקִים" אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ, דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע אַרְבֶּעט, אוּן סְ'אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי שֵׁיין, אַז וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָוארוּם מִיט דֶעם קוּנְטְרֵס וֶועסְטוּ מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אִידְן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

**גֶעוֶוענְדְלִיךְ** אִיז אַ פְּרוֹי לָאזְט נִישְׁט דֶעם מַאן אַוֶועקְפָאָרְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בִּפְרַט אַז סְ'קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ דֶעמָאלְטְס פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט. מֶען זֶעהְט אַז אִיבֶּערָאל לָאזְט אַ פְּרוֹי פָארְן, צוּ דֶעם רֶבִּי'ן וְכוּ', צוּ יֶענֶעם רֶבִּי'ן וְכוּ', וֶוען סְ'קוּמְט צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, דָארְטְן פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן עֶר הֶעצְט אוֹיף אֵיין פְּרוֹי קֶעגְן דִי אַנְדֶערֶע וְכוּ' וְכוּ' נִישְׁט צוּ לָאזְן אִיר מַאן פָארְן אִין אוּמַאן, ווִי אֵיינֶער מֵיינְט אוּן זָאגְט "אוּמַאן"? דוּ ווֵייסְט דֶען וָואס דָארְטְן אִיז? בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַגַאנְץ יָאר, אוּן דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט, עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, עֶר אוּן זַיין וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער, אוּן פַאר וֶועמֶען עֶר וֶועט בֶּעטְן.

**דֶעם** יָאר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן, אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, סְ'אִיז גֶעוֶוען פַארְפְלֵייצוּנְגֶען וְכוּ', סְ'אִיז גֶעוֶוען פֵייעֶר'ס וְכוּ', רְצִיחוֹת מֶערְדֶערֵייעֶן וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹיפִיל יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן

זֶענֶען פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן, אַזוֹיפִיל אוּמְשׁוּלְדִיג בְּלוּט אִיז פַארְגָאסְן גֶעוָוארְן וְכוּ' וְכוּ', ס'הָאט פַּאסִירְט דֶעם יָאר אַ זַאךְ וָואס הָאט שׁוֹין לַאנְגֶע דוֹרוֹת נִישְׁט פַּאסִירְט, אַז אַזוֹי גֶערוּפֶענֶער פְּרוּמֶער אִיד זָאל כַאפְּן אַ קִינְד אוּן צוּשְׁנַיידְן אוֹיף שְׁטִיקֶער וְכוּ', אוּן אַזוֹי גֶערוּפֶענֶער תַּלְמִיד חָכָם זָאל מִיט אַ מֶעסֶער דֶערְשְׁטֶעכְן אַ גְרוֹיסְן צַדִיק וְכוּ' וְכוּ', אַזַא זַאךְ הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט שׁוֹין לַאנְגֶע דוֹרוֹת בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן נָאךְ אוּמְגְלִיקְן וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אַרוֹיסְשְׁרַייבְּן, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעמָאלְטְס שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, אוּן דָא אִיז דָא אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער ס'וֶועט זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶר אִיז אִים מַבְטִיחַ ס'וֶועט גָארְנִישְׁט זַיין, אוּן ווי קֶען זַיין אַז אַ פְּרוּי זָאל מוֹנֵעַ זַיין אוּן אָפְּהַאלְטְן אִיר מַאן פוּן פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען? וַוייל עֶפֶּעס אַ שָׁכֶנְטֶע וָואס אִיז פוּל מִיט קִנְאָה אוֹיף אִיר וְכוּ' וָואס זִי הָאט שָׁלוֹם בַּיִת אוּן זִי הָאט אַזַא גֶעטְרֵייעֶן מַאן וְכוּ' רֶעדְט אִיר אָן? אִיבֶּערְדֶעם דַארְף זִיךְ מוֹנֵעַ זַיין דֶעם מַאן צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן? אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֶע אָפְּצוּטְרִיקְן שׁוֹין דִי בְּרִיוו, כְּדֵי מִיר זָאלְן עֶס קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוּן בְּרֶענְגְן וָואס מֶער אִידְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, יֶעדֶער אִיד וָואס עֶר קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן הָאט אַ חֵלֶק צוּ דִי גְאוּלָה. מִיר קוּקֶען אַזוֹי אַרוּים יֶעצְט שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן, דַארְף מֶען זֶעהְן צוּ בְּרֶענְגְן וָואס מֶער אִידְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**זְוִיסְן** דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ שְׁטֵייט נִישְׁט אֵיין בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט וְכוּ', דֶער צִיּוּן בַּאלַאנְגְט צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט וְכוּ', דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה לה.) נָשָׂא אָרוֹן אֶת נוֹשְׂאָיו; דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְן גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן הָאבְן גֶעמֵיינְט אַז זֵיי טְרָאגְן עֶס, דֶערְוַוייל הָאבְן זֵיי נִישְׁט גֶעוְויסְט אַז דֶער אָרוֹן הָאט זֵיי גֶעטְרָאגְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז, דִי אַלֶע וָואס זֵיי בַּעַל בַּאטֶעוֶוען זִיךְ אִיבֶּערְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וֵוייסְן נִישְׁט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז בַּעַל הַבַּיִת, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַיינֶע אוֹיגְן אוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער", דָאס הֵייסְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַלֵיין, אַז וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר בֶּעט אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, וֶועט עֶר אַוַודַאי הָאבְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן אַ גְלִיקְלִיכְן תָּמִיד**

# שנג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבֹא י"ז אֱלוּל ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ'.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וְכוּ'. דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעטוּהְן אַ חֶסֶד מִיט דֶעם דוֹר, וָואס דָאס אִיז דֶער לֶעצְטֶער דוֹר אִין גָלוּת, אוּן מִיר הָאפְּן יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן, אָבֶּער אֵיידֶער דִי גְאוּלָה הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה, אוּן סִימָן ר"ב) אַז סְ'וֶועט זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער מִינוּת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט, פוּן הִימְל וֶועט מֶען גִיסְן אֶפִּיקוֹרְסוּת כְּדֵי אוֹיסְפְּרָאבִּירְן דִי מֶענְטְשְׁן ווי עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לֵיידֶער אִיז דָאס מְקוּיָים גֶעוָוארְן בִּשְׁלֵמוּת וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם עֶס אִיז פוּל מִיט אֶפִּיקוֹרְסוּת, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַיינְגֶעטִינְקֶען מִיט כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה, יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט "נָאר אִיךְ, זִיךְ, מִיךְ", וְכוּ', וְכוּ', אוּן מֶען פַארְגֶעסְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאט אוּנְז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעטוּהְן אַזַא מִין חֶסֶד אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אַזַא הֵיילִיגְן צַדִּיק

ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אֵיינֶעם, און עֶר אִיז מְחַזֵק אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע און צוּשָׁאסֶענֶע און צוּפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת, און עֶר הֵייבְּט זֵיי אוֹיף און בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶעהְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט כָּאטְשׁ אַ שַׁיְיכוּת צוּם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און דוּ קוּמְסְט זִיךְ צוּזַאם מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס אַלֶע גְלֵייבְּן אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**דֶער** יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, און נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אַ אִיד דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) עַל הַפָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד׳) "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ" מַאי רַקָּתֵךְ? אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן לֵיידִיג, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶר פוּל מִיט מִצְווֹת ווִי אַ מִילְגְרוֹים, און עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן גוּרֵי הָאֲרִיזַ"ל אַז אַ רִמּוֹן הָאט אִין זִיךְ תַּרְיַ"ג קֶערְנְדְלֶעךְ, דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז לֵיידִיג אִינְגַאנְצְן הָאט אִין זִיךְ אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, עֶר אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת אַזוֹי ווִי קֶערְנְדְלֶעךְ פוּן אַ מִילְגְרוֹים, וָואס פָּשׁוּט פְּשַׁט אִיז, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי רְאֵה) כָּל הַכּוֹפֵר בַּעֲבוֹדָה זָרָה כְּמוֹדֶה בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק

א׳ סִימָן פ׳) דָאס יֶעדֶער אִיד אֲפִילוּ דֶער אַרְגְסְטֶער שֶׁבְּאַרְגְסְטֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳ וָואס עֶר אִיז גָאר גָאר וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט וְכוּ׳, אִיז בִּיז שְׁמַד רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דָאס הֵייסְט שְׁמַדְן וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט, עֶר אִיז מוּכָן צוּ גֵיין אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט שְׁמַדְן.

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדְן אִיד, דָאס מִצַד שׁוֹרֶשׁ נִשְׁמָתוֹ אִיז עֶר כּוֹפֵר בַּעֲבוֹדָה זָרָה. קוּמְט אוֹיס לוֹיט דֶעם, אַז "אֲפִילוּ הָרֵיקָנִין שֶׁבָּךְ", אֵיינֶער וָואס אִיז לֵיידִיג אִינְגַאנְצְן, עֶר אִיז נֶעבֶעךְ זֵייעֶר זֵייעֶר וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, אָבֶער שְׁמַדְן וֶועט עֶר זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט שְׁמַדְן, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַלֶע מִצְוֹות, וָואס דָאס אִיז "כָּל הַכּוֹפֵר בַּעֲבוֹדָה זָרָה כְּמוֹדֶה בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָה". אוּן מִיט דֶעם דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אִיד מְחַיֶּה זַיין, וִוי נִישְׁט הָאט עֶר אִין זִיךְ מִצְוֹות.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפ"ב), דָאס אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דָן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן זוּכְן אוּן טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, וִוי נִישְׁט אִיז עֶר גֶעמַלְ'עט וְכוּ׳, וִוי נִישְׁט הָאט עֶר אַ מְזוּזָה אוֹיף זַיין טִיר, וִוי נִישְׁט הָאט עֶר פֵּיאוֹת וְכוּ׳, וִוי נִישְׁט עֶסְט עֶר כָּשֵׁר וְכוּ׳, וִוי נִישְׁט גֵייט עֶר מִיט צִיצִית אוּן לֵייגְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג וְכוּ׳, וִוי נִישְׁט הִיט עֶר שַׁבָּת וְכוּ׳, וִוי נִישְׁט דַאוֶוענְט עֶר אוּן לֶערְנְט וְכוּ׳, יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְוֹות, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ דָן לְכַף זְכוּת, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין מִכַּף חוֹב לְכַף זְכוּת, עֶר אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, וָואס

דָאס אִיז דֶער טַייטְשׁ פוּן פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ז) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", דָאס הֵייסְט דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אוּנְז, זוּךְ בַּיי זִיךְ "וְעוֹד מְעַט" טוֹב, זוּךְ בַּיי זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס, וֶועסְטוּ זֶעהְן "וְאֵין רָשָׁע", בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין רָשָׁע, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מִיר גוּטְס, דוּרְכְדֶעם אִיז "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז זִיךְ דָן לְכַף זְכוּת אִיז עֶר אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט צוּפַאלְן, הֵן אֶמֶת דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד וְכוּ', אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) "גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין", אוּן עֶר הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַ הַבְטָחָה דָאס וֶוער ס'וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן, אוּן עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיינְ'ס וועגְן, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס זֵיי הֵייסְן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", אִיז אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַלֶע עֲווֹנוֹת שֶׁבָּעוֹלָם וֶועט עֶר אִים בַּיי דִי פֵּיאוֹת אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**אִיבֶּערְדֶעם** טוּ וָואס דוּ זָאלְסְט קֶענֶען, זָאלְסְט קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וּבִפְרַט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער זְמַן וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אַוַודַאי וֶועסְטוּ הָאבְּן שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן מְנִיעוֹת הַמֹּחַ וְכוּ', אָבֶּער וָואס טוּט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ כְּדֵי זִיךְ רַאטֶעוֶוען?

אִיבֶּערְדֶעם טוּ וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר טוּהְן, דוּ זָאלְסְט זַיין
בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, הֵייבּ אָן נָאךְ יֶעצְט זָאגְן פוּן בְּרָכוֹת אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אוּן אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, אוּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דֶער כֹּחַ פוּן מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן אוּן וֶועט דִיךְ הֵיילִיגְן, אוּן וֶועט דִיךְ
אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין לֶעבְּן.

סְ'אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זי"ע הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מַגִיד פוּן הִימְל, נָאר אִין זְכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן וואוּנְדֶער וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער צוּ וָואס אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק אִיז גֶעקוּמֶען, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְחַבֵּר צוּ זַיין אַזַא חִיבּוּר ווִי דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ וָואס הֲלָכָה כְּמוֹתוֹ בְּכָל מָקוֹם, גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל לֶערְנְט דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ, גַאנְץ אִידִישְׁקֵייט דְרֵייט זִיךְ נָאר אִיבֶּערְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע טוֹיזֶענְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער סִפְרֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת דְרֵייעֶן זִיךְ נָאר אִיבֶּערְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע פּוֹסְקִים דְרֵייעֶן זִיךְ אַלְץ אִיבֶּערְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דָאס הָאט עֶר אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַדַאנְק וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה, אַ בָּחוּר וָואס עֶר אִיז גֶעבֶּעךְ אַזוֹי נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אוּן אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אוֹיבּ עֶר נֶעמְט

זיך אין די הענט און ער לערנט יעדן טאג אַסאך פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וועט דער כֹּחַ פון מִשְׁנַיוֹת אים אַרויסנעמען פון שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**עֶם** ווערט געברענגט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה), אַז דער הייליגער רֶבִּי האט געגעבן אַ תִּיקוּן פאר עטליכע פון אונזערע לייט זיי זאלן זאגן יעדן טאג אַכצן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און צווישן זיי איז געווען אויכעט דער הייליגער רַבִּי נָתָן וואס ער האט אים געגעבן אַ תִּיקוּן זאגן יעדן טאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

**איבערדעם** זיי נישט קיין בַּטְלָן, פאל ביי זיך נישט אַראפּ, נעם זיך אין די הענט אַריין. דאס ערשטע זאך איז זאלסטו זיין נאר פרייליך מיט אלע מִצְווֹת וואס דו האסט, און זאלסט זעהן זייער אַכטונג געבן אויף מִצְווֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וואס דאס איז אַ חשובע מִצְוָה און די העכסטע מִצְוָה, חֲזַ"ל רופן דאס אָן (דְּבָרִים רַבָּה פָּרָשָׁה ו' סִימָן ב') חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת זֶה כִּיבּוּד אָב וָאֵם; מען דארף מְכַבֵּד זיין טאטן מאמען מיט וואס ער קען, און נאכדעם זאלסטו זעהן קיינמאל נישט קריגן זיך מיט קיינעם נישט, זאלסט זיין געדולדיג, וועסטו זעהן דו וועסט האבן גרויסע יְשׁוּעוֹת, דו וועסט זיך אַרויסכאפּן פון דיין בלאטע. אַז וואויל איז דיר אויב דו וועסט מיר פאלגן וועסטו נישט חֲרָטָה האבן נישט אויף די וועלט און מִכָּל שֶׁכֵּן נישט אויף יענע וועלט.

**זאלסט האבן אַ לעכטיגן טאג און אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## שנד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ' אֱלוּל ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְּרָאכְן דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אוֹיס וָואס אוֹיף אִים גֵייט אִיבֶּער וְכוּ', אָבֶער כְּפִי דִי צָרוֹת אוּן דִי דַחְקוּת וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער יֶעצְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז קֵיינֶער נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם טִיפְן לִימּוּד פוּן הִתְחַזְּקוּת, דָאס הֵייסְט יֶעדֶער אִיד מוּז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, דֶער חָכְמָה פוּן אַ אִיד אִיז, אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וְכוּ', אוּן דָאס גְרֶעסְטֶע נַארִישְׁקֵייט אוּן שְׁוַואכְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר צוּפַאלְט פוּן יֶעדְן קְלֵיינִיקֵייט וְכוּ', אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן אַ אִיד, וִויפִיל מָאס הִתְחַזְּקוּת עֶר הָאט, אוּן אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעלִיטְן גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים, אָבֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן, אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט.

**אוּן** דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תֵצֵא) צָרִיךְ אָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִים בָּאִין עָלָיו, לָמָה?

שֶׁהַיִסּוּרִים מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא; אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט נָאךְ קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע אַלֶע צָרוֹת אוּן חוֹבוֹת, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער עִיקָר זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֶע אִיךְ זָאל זַיין זַייעֶר פְרֵיילִיךְ דָאס אִיךְ בִּין אַ אִיד, אוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי כְּגוֹיֵי הָאֲרָצוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר דוּרְךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אוּן וִויסְן דָאס אַלֶעם וָואס אוֹיף מִיר גֵייט דוּרְךְ אִיז פַאר מַיין טוֹבָה וֶועגְן, כְּדֵי אִיךְ זָאל גֶערֵיינִיגְט וֶוערְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר לֵיידֶער גֶעזִינְדִיגְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, טוּ אָפּ פוּן מִיר דָאס עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן זֶע אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זַיי מַמְתִּיק פוּן מִיר אַלֶע דִינִים, אוּן זַיי מַשְׁפִּיעַ אוֹיף מִיר אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת, אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֶעהְן זַייעֶר הַצְלָחָה בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחְנִיּוּת, אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן שְׁלוֹם בַּיִת, אוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, בִּיז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן דִי שִׂמְחָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, מִיט דִי גְּאוּלָה

שְׁלֵימָה וָואס דוּ וֶועסְט אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בִּיטֶערְן גָלוּת, אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ בְּבִיאַת גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ מִתְפַּלֵל זַיין יֶעדְן טָאג, אוּן יֶעדֶע שָׁעָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן עֶס וֶועט דִיךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" (דִבְרֵי הַיָמִים א' ט"ז), דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, וויסְן דַארְפְסְטוּ וְויסְן דָאס אִיז דֶער סִימָן וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִי קְדוּשָׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים ק' ב') "עִבְדוּ אֶת הַוַי"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְבַּר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיה חֶדְוָה אַחְרָא עִלָאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט]; אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט שִׂמְחָה, אוּן דוּ וֶועסְט זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט אַלֶעס אִיבֶּערְקוּמֶען.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה מֶעג עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר מִיט דֶעם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## שנה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ב אֱלוּל ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים "חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב" תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" הַגָּרִים בְּקִרְיָה נֶאֱמָנָה "קִרְיַת יוֹאֵל" שֶׁהֵקִים מָרָן קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים מַהֲרִ"י טַ"ב זי"ע

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דֶעם בְּרִיוו פוּן דִי גַבָּאִים פוּן אוּנְזֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִין מָאנְרֶא.

דָּאס וָואס אִיר בֶּעט אִיךְ זָאל עֶנְק שְׁרַייבְּן אַן הַנְהָגָה וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז דַאכְט זִיךְ אִיבְּרִיג, וַוייל עֶס שְׁטֵייט שׁוֹין אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן קנ"א סְעִיף א) "בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת אֵין נוֹהֲגִין בָּהֶם קַלּוּת רֹאשׁ כְּגוֹן שְׂחוֹק וְהִתּוּל וְשִׂיחָה בְּטֵלָה, וְאֵין אוֹכְלִים וְשׁוֹתִים בָּהֶם וְלֹא מִתְקַשְּׁטִין בָּהֶם וְלֹא מְטַיְּילִין בָּהֶם, וְלֹא נִכְנָסִים בָּהֶם בַּחַמָּה מִפְּנֵי הַחַמָּה וּבִגְשָׁמִים מִפְּנֵי הַגְּשָׁמִים" וְכוּ' וְכוּ', עַיֵּין שָׁם. אַ בֵּית הַכְּנֶסֶת אוּן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בַּיי דִי חֲכָמִים אַ קְלֵיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה כט.) "וָאֱהִי לָהֶם לְמִקְדָּשׁ מְעַט", אָמַר רַבִּי יִצְחָק אֵלּוּ בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת שֶׁבְּבָבֶל; אִיבֶּערְדֶעם אַזוֹי ווִי אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן גִלּוּי שְׁכִינָה, אַזוֹי אִין יֶעדְן בֵּית הַכְּנֶסֶת אוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז דָא גִלּוּי שְׁכִינָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָוארוּם דֶער שְׁכִינָה גֶעפִינְט זִיךְ דָארְטְן.

**וּבִפְרַט** װען מען דאַװענט דאַרף מען זייער אַכטונג געבן נישט רעדן ביים דאַווענען, ווי דער זוהר הקדוש איז אויף דעם זייער מַחְמִיר (עיין זוהר תרומה קל"א:) וּמַאן דְאִשְׁתָּעֵי בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא וַוי לֵיהּ דְאַחְזֵי פְּרוּדָא, וַוי לֵיהּ דְגָרַע מְהֵימְנוּתָא, וַוי לֵיהּ דְלֵית לֵיהּ חוּלְקָא בֶּאֱלָהָא דְיִשְׂרָאֵל דְאַחְזֵי דְלֵית לֵיהּ אֱלָהָא, וְלָא אִשְׁתַּכַּח תַּמָן, וְאַנְהִיג קְלָנָא בְּתַקִּיפָא עִלָּאָה; [ווער עס רעדט אין בית הכנסת אינמיטן דאַוונען, אַך און ווי איז אים, ער ווייזט אַ פירוד צווישן די שכינה און די אידן, ער פאַרמינערט די אמונה, אך און ווי איז אים אַז ער האט נישט קיין חלק באלקי ישראל, וואָרום מיט דעם וואס ער איז מזלזל און רעדט אינמיטן דאַווענען באַווייזט ער אַז ער האט קיין אמונה נישט דאס דער בורא כל עולמים געפונט זיך יעצט אין בית הכנסת ווען אַלע דאַווענען, און דער וואס ער רעדט אינמיטן דאַוונען נעמט פון זיך אַראָפּ דאס מורא און פחד, און ער פירט זיך מיט גרויס בזיון אַקעגן די שכינה].

**איז וואס איז שייך צו מוסיף זיין אויף די הייליגע ווערטער?**

**איבערדעם** וויל איך בעטן אַלע אונזערע לייט וואס זיי קומען אַריין דאַוונען ביי אונז אין בית המדרש זאלן זיי וויסן אַז די שכינה איז דא, ווי די חז"ל זאָגן (פסיקתא דרב כהנא) כָּל זְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל מְעַצְּרִין בְּבָתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבְבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹצֵר שְׁכִינָתוֹ עִמָּהֶם; ווען אידן קומען אַריין אין בית הכנסת דאַוונען, אין בית המדרש

לֶערְנֶען, הַאלְטְן זֵיי אָפּ דִי שְׁכִינָה מִיט זִיךְ, אוּן דָאס אִיז נָאךְ יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה פַּרְשָׁה ה׳ סִימָן ב׳), "אֲנִי יְשֵׁנָה" מִבֵּית הַמִּקְדָּשׁ, "וְלִבִּי עֵר" לְבָתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת.

**וִויסְן** דַארְפְן אַלֶע מִתְפַּלְלִים וִויסְן, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט דַאוֶוענְט מֶען, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט לֶערְנְט מֶען, וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען מִישְׁט נִישְׁט דִי יוֹצְרוֹת, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ דַאוֶוענֶען בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט דַארְף דֶער גַאנְצֶער מֹחַ מַחֲשָׁבָה זַיין נָאר בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעמָאלְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט רֶעדְן אוּן פְּלוֹידֶערְן דְבָרִים בְּטֵלִים וָואס דָאס אִיז אַ בִּזָיוֹן פַאר דִי שְׁכִינָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מֶען לֶערְנְט לֶערְנְט מֶען, אוּן מֶען זֶעצְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ שְׁמוּעֶסְן.

**אַ** בֵּית הַכְּנֶסֶת אִיז גֶעשְׁטֶעלְט פַאר דַאוֶוענֶען, אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז גֶעשְׁטֶעלְט פַאר לֶערְנֶען. הַיינְט אִיז בַּיי אוּנְז אִידְן אַ בֵּית הַכְּנֶסֶת מִיט אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אֵיין זַאךְ, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט דַאוֶוענְט מֶען, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט לֶערְנְט מֶען, אוּן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן אַ בֵּית הַכְּנֶסֶת טָאר מֶען נִישְׁט גְרִינְגְשֶׁעצְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין זַאמְל-אָרְט וָואס מֶען זַאמְלְט זִיךְ אַיין רֶעדְן לֵיצָנוּת וְכוּ׳, אָדֶער לָשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת וְכוּ׳. אוּן דָאס אִיז אִין יֶעדֶע שׁוּל, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אִין אַ בְּרֶסְלֶבֶער שְׁטִיבְּל דַארְף מֶען וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן דֶעם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב

נִסְתַּלֵק צוּ וֶוערְן אִין דִי שְׁטָאט אוּמַאן, "אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען וֶועט אִיר מִיר צוּצִיעֶן צוּ עֶנְק", אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט "אוֹיבּ אִיר וֶועט רֶעדְן פוּן מִיר, וֶועל אִיךְ דָארְטְן זַיין", אִיבֶּערְדֶעם אִין אַ בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל דַארְף מֶען מֶער מַקְפִּיד זַיין וִוי אִיבֶּעְרָאל, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן ס"ט) מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק צָרִיךְ לִשְׁמוֹר אֶת הַצַּדִּיק שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רַע; אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט לִיבּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אִין זַיין בֵּית הַמִּדְרָשׁ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מָקוֹם לֵצִים, אַ זַאמְל אָרְט פוּן לֵיידִיג-גֵייעֶרְס, וָוארוּם מִיט דֶעם פַארְשֶׁעמְט מֶען דֶעם צַדִּיק.

מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעוִויסְט אַז אַ בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל אִיז אַ מָקוֹם מְנוּחָה, וֶוער עֶס קוּמְט אַרַיין דָארְטְן וֶועט עֶר הֶערְן רֶעדְן נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וֶועט הֶערְן דִבְרֵי הִתְחַזְּקוּת, דִיבּוּרִים וָואס שְׁטַארְקְן יֶעדְן צוּבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, וֶוער עֶס קֶען זִיךְ נִישְׁט אֵיינְהַאלְטְן אוּן רֶעדְט אוּן פְּלוֹידֶערְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען זָאל עֶר טוּהְן אַ טוֹבָה עֶר זָאל מֶער נִישְׁט קוּמֶען, וָוארוּם עֶר פַארְשֶׁעמְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם עֶר אִיז גוֹרֵם אַז מֶען זָאגְט אַז דָאס הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט, אַז אָךְ אוּן וֵויי אִיז דֶעם וָואס עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף פְרֶעךְ אוּן עַזּוּת אִין אַ שׁוּל בִּכְלַל, אוּן אִין אַ בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל בִּפְרַט, וָוארוּם מִיט דֶעם פַארְשֶׁעמְט עֶר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אִיךְ** בֶּעט זֵייעֶר מֶען זָאל נִישְׁט אַיינְטַייטְשְׁן אִין מַיינֶע וֶוערְטֶער קַיין שׁוּם פְּשָׁטִים, דָאס וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ, דָאס הַאלְט אִיךְ דֶערְבַּיי. אִין אַ בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל דַארְף מֶען דַאוֶועןנֶען מִיט חַיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן נָאכְן דַאוֶועןנֶען גֵיין אַ רִיקוּד דָאס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְכַאפְּן אַ שַׁחֲרִית אָדֶער אַ מִנְחָה אָדֶער אַ מַעֲרִיב, וָואס דָאס אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶער פַּארְמֶעגְן, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אִין בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל, יֶעדֶער אֵיינֶער זַיינֶע סְדָרִים עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, דֶער מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, דֶער גְּמָרָא כְּסִדְרָן, אוּן דֶער טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער כְּפִי זַיין סֵדֶר. אוּן דָאס אַלֵיין וֶועט צוּצִיעֶן נָאךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן בִּפְרַט בָּחוּרִים, וָואס זֵיי לֶעבְּן נָאךְ אַן עֶרְנְסְט ווִינְקְל.

**גְלַייבְּט** מִיר, אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועט אִיר מְקַדֵשׁ זַיין דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם גְרִינְדֶער פוּן דָאס הֵיילִיג שְׁטֶעטְל קִרְיַת יוֹאֵל, וָוארוּם עֶר הָאט אַזוֹי גֶעוָואלְט, אַז זַיין שְׁטֶעטְל זָאל זַיין אַ ווִינְקְל פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אֲפִילוּ אַ שֶׁמֶץ פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אוּן מִינוּת אוּן טוּמְאַת הַצִיוֹנוּת וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַהֲרִ"י טַ"ב זִ"ע הָאט אַזוֹי גֶעוָואלְט אַז אִין זַיין ד' אַמּוֹת זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען קַיין אֵיינֶער וָואס הָאט אַ שַׁיִיכוּת צוּ דִי מִינִים אוּן פּוֹשְׁעִים וְכוּ'

וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף יֶעדֶער בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ), אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער שְׁוֶוערְסְטֶער בִּיטֶערְסְטֶע נִסָיוֹן זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִין דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר נֶעמְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, אוּן אִיז דָאס מְקַיֵים, אוּן עֶר אַלֵיין זֶעהְט דָאס בֵּית הַכְּנֶסֶת זָאל זַיין רֵיין בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת. אִיךְ אַלֵיין פְלֶעג יֶעדְן טָאג צַאמְנֶעמֶען דִי סְפָרִים אוּן עֶס אַרַיינְלֵייגְן אִין סְפָרִים שַׁאנְק, אוֹיךְ פְלֶעג אִיךְ אַלֵיין אוֹיפְוַואשְׁן דִי פְלָאר, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אַ שְׁטָאלְץ.

**עֶס** הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט מִיט פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק אַ בְּרֶסְלְבֶר חָסִיד פוּן פוֹלִין, אַז אִין פוֹלִין אִיז גֶעוֶוען אִין אַלֶע גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּלֶעךְ, אוּן אִין יֶעדְן שְׁטִיבְּל פְלֶעגְט מֶען פַארְקוֹיפְן דָאס רֵיינִיגְן דֶעם שְׁטִיבְּל, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהוֹיבְּן דִי פְּרַייזְן, בִּיז דֶער וָואס עֶר הָאט גֶעצָאלְט דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלְט הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, אַזוֹי חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר הָאבְּן דִי בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים גֶעהַאלְטְן דֶעם שְׁטִיבְּל.

**זְוִידֶערְאוּם** הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד פוּן פוֹלִין, ווִיאַזוֹי אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וָואס עֶס אִיז אוֹיף אִים אַסַאךְ אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, אֵיינְמָאל אִיז עֶר פֶּערְצוּפַאל אַרַיינְגֶעבְּלָאנְדְשֶׁעט אִין אַ בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל אִין וַוארְשָׁא,

און עֶר הֶערְט ווי אַ אִיד רֶעדְט צום צְוֵוייטְן, און זָאגְט אִים מִיט דֶעם לָשׁוֹן, "בְּרוּדֶער, בִּיסְט בַּיי דִיר אַרָאפְּגֶעפַאלְן? הֵייבּ זִיךְ אוֹיף! זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים!" וְכוּ' וְכוּ', ווִיפֶער עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר צוּ זִיךְ גֶעזָאגְט "פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִיתִיהָ" דָא וֶועל אִיךְ שׁוֹין בְּלַייבְּן, און עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן דַאוֶוענֶען דָארְטְן מִנְחָה. און צְווִישְׁן מִנְחָה און מַעֲרִיב הָאט מֶען פָארְגֶעלֶערְנְט "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", און עֶס הָאט אִים אַזוֹי דֶערְוַוארֶעמְט דָאס הַארְץ, בִּיז עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט, און עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן אִין אוּמַאן און דָארְטְן חֲתוּנָה גֶעהַאט, און עֶר הָאט גֶעווּאוֹינְט דָארְטְן נַיין און אַ הַאלְבּ יָאר. [און אַגַב הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל, דָאס דִי בְּכִיוֹת וָואס דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעגָאסְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער אֲפִילוּ צְווִישְׁן דִי עֶלְטֶערֶע בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים, ווי קוּמְט צוּ אַזַא אִינְגֶערְמַאן אַזֶעלְכֶע אוּיסְטֶערְלִישֶׁע כּוֹחוֹת אַזוֹיפִיל צוּ וֵויינֶען?]. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס אַן עֶרְנְסְט בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל קֶען מְקָרֵב זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ עֶנְק, אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אוֹיפְמַאכְן אִין קִרְיָה נֶאֱמָנָה קִרְיַת יוֹאֵל אַ בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל, זָאל דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דָאס גֶעפִירְט וֶוערְן עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ און אוֹיסְפָאלְגְן דִי תַּקָנוֹת פוּן שְׁטֶעטְל, וָוארוּם דָאס שְׁטֶעטְל אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן

מִיט בְּלוּט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרִ"י טַ"ב זי"ע הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּנְזֶער ד' אַמוֹת דָאס שְׁטִיבְּל זָאל זִיךְ פִירְן עַל פִּי דֶרֶךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הֵן דַאוֶוענֶען מִיט אַ חַיוּת, הֵן לֶערְנֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוּן הֵן מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, נָאר קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים אוּן קַיין לֵיצָנוּת טָאר נִישְׁט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין אוּנְזֶער ד' אַמוֹת; אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, וָואס דָאס אִיז אַ זִלְזוּל פַאר דִי שְׁכִינָה. וֶוער סְ'קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן זָאל גֵיין לְחַיִים וּלְשָׁלוֹם.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר שׁוּרוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ דָא אָנְגֶעשְׁרִיבְּן וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע מִתְפַּלְלִים, אוּן אוּנְזֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ וֶועט זַיין אַ קִידוּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם אוּן אַ קִידוּשׁ שֵׁם רַבֵּינוּ זַ"ל.

**אִיר זָאלְט אַלֶע הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## שנו

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר נִצָבִים וַיֵלֶךְ כ"ב אֱלוּל ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר גֶעעֶנְגְט וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר שׁוּרוֹת.

**דֶעם** שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִין שׁוּל צְוֵויי חֲתָנִים, אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט פַּאר זֵיי שֶׁבַע בְּרָכוֹת, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט וָואס אִיךְ זָאג יֶעדְן חָתָן, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַיינְהַאלְטְן דִי דְרַיי זַאכְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

**א.** זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג מַקְפִּיד זַיין דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרַיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, וָוארוּם עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, מֶען צִיט אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף דִי הַשְׁגָּחָה פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ; דָאס הֵייסְט אַז אֵיינֶער אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרַיי תְּפִילוֹת אִין שׁוּל, אוּן עֶר פַארְפֶעלְט אֵיין טָאג, פְרֶעגְט שׁוֹין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וואוּ אִיז עֶר? פַארְוָואס אִיז עֶר הַיינְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל? זֶעהְט מֶען אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל שְׁטֶענְדִיג כִּבְיָכוֹל קוּקְן אוֹיף אִים.

**ב.** זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, דָאס הֵייסְט, עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג') קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, 'מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר', אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיבֶּער זַיין אַז יֶעדֶע וָואךְ וֶועסְטוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה

זַיין, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוּן צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט דָאס מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ מִיט לֶערְנֶען רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, ווִי דֶער מְחַבֵּר זָאגְט (שׁוּלְחָן אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה סְעִיף ב') אִם לָמַד הַפָּרָשָׁה בְּפֵירוּשׁ רַשִׁ"י חָשׁוּב כְּמוֹ תַּרְגּוּם, וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, יֶעדְן טָאג וָואס אַ אִיד לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אִיז עֶר מוּבְטָח אַז דֶעם טָאג וֶועט עֶר נִישְׁט זִינְדִיגְן.

ג. זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין סִידוּר דַיְיקָא, קֵיינְמָאל נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן אוֹיסְנְוֵויינִיג, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף עֲשִׁירוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל וֶוערְן רַייךְ, זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאג אִיךְ דִיר אוֹיבֶּעט דִי דְרֵיי זַאכְן, דוּ זָאלְסְט זַיין אִין דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק, דֶער עִיקֶר זָאלְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס דוּ זָאלְסְט זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, וֶועסְטוּ הָאבְּן גָאר אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ זֶעלְטֶענֶעם שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, נֶעמְט זִיךְ ווַייל עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, שְׁטֶענְדִיג קוּקְט עֶר אוֹיף יֶענֶעם וְכוּ', עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער פוּן אִים וְכוּ', יֶענֶער

הָאט צוגֶעטְרָאפְן בֶּעסֶער פוּן אִים וְכוּ׳, יֶענֶער אִיז מֶער מוּצְלָח פוּן אִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶעם פְּלַאץ וואו אִיךְ בִּין אִיז נִישְׁט גוּט וְכוּ׳, וֶוען אִיךְ זָאל זַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ וָואלְט מִיר בֶּעסֶער גֶעוֶוען וְכוּ׳, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן וואו דוּ וֶועסְט אִים נָאר נִישְׁט לֵייגְן וֶועט אִים זַיין בִּיטֶער, אוּן שְׁטֶענְדִיג וֶועט עֶר טְרֶעפְן חֶסְרוֹנוֹת אִין זַיין וַוייבּ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ דֶער שָׁלוֹם בַּיִת אָנְהֵייבְּן צוּ וַואקְלֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**אִיךְ** הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ מַאֲמַר חֲזַ"ל (שַׁבָּת פח.), "וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר", אָמַר רַב אַבְדִּימִי בַּר חָמָא בַּר חַסָּא, מְלַמֵּד שֶׁכָּפָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עֲלֵיהֶם אֶת הָהָר כְּגִיגִית וְאָמַר לָהֶם, אִם אַתֶּם מְקַבְּלִים הַתּוֹרָה מוּטָב וְאִם לַאו שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אַ קַשְׁיָא, וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן "שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם"? עֶס הָאט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "פֹּה תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם", וָוארוּם כִּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ בַּארְג אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶועט עֶטְץ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אִיז גוּט, אַז נִישְׁט וֶועט עֶטְץ דָא בַּאגְרָאבְן וֶוערְן, אַזוֹי דַארְף שְׁטֵיין, וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן "שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם"? וָואס אִיז דֶער "דָארְטְן"? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז עֶס אִיז דָא אַ קְבוּרָה וָואס עֶס הֵייסְט "דָארְטְן", אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, עֶר אִיז נָאךְ אַ יוּנְג יוּנְגְל אִין חֵדֶר אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, קוּמְט עֶר אַלֶעמָאל צוּם טַאטְן, "טַאטִי, דֶער חֵדֶר אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אִיךְ וִויל גֵיין אִין אַן אַנְדֶערֶע

חֶדר!" וְכוּ', דֶער טַאטֶע לֵייגְט אִים אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע חֶדר וְכוּ', אַזוֹי ווִי עֶר אִיז נִישְׁט קַיין צוּפְרִידְן קִינְד, קוּמְט עֶר ווִידֶער צוּם טַאטְן, "טַאטִי, דֶער חֶדר אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיר!", דֶער טַאטֶע לֵייגְט אִים אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע חֶדר וְכוּ'. אוּן אַזוֹי אִיז אַ בָּחוּר'ל אִין יְשִׁיבָה קְטַנָה, אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, וַוארְפְט עֶר זִיךְ פוּן אֵיין יְשִׁיבָה קְטַנָה צוּ אַן אַנְדֶערֶע, בַּיי יֶעדֶע יְשִׁיבָה קְטַנָה הָאט עֶר אַן אַנְדֶערֶע טַעֲנָה, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַּאר אִים. אוּן אַזוֹי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער בָּחוּר וֶוען עֶר לֶערְנְט נִישְׁט אִיז עֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן, וַוארְפְט עֶר זִיךְ פוּן אֵיין יְשִׁיבָה צוּם אַנְדֶערְן, "דָארְטְן אִיז גוּט" וְכוּ', "דָארְטְן אִיז בֶּעסֶער" וְכוּ', אַלֶעמָאל זוּכְט עֶר אַ נַייעֶ יְשִׁיבָה וָואס עֶס דַאכְט זִיךְ אִים עֶס וֶועט אִים זַיין בֶּעסֶער.

אוּן אַזוֹי אִיז נָאךְ דִי חֲתוּנָה, עֶר דַארְף גֵיין אִין כּוֹלֵל, זִיצְט אָפּ אַ שְׁטִיקְל צַייט וְכוּ', אוֹיב עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, אִיז עֶר נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער אִינְגֶערְמַאן, זָאגְט עֶר, "דָארְטְן אִיז אַ בֶּעסֶערְן כּוֹלֵל" וְכוּ', גֵייט עֶר דָארְטְן אַרַיין וְכוּ', אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער נִישְׁט צוּפְרִידְן, דָא הֶערְט עֶר אַז עֶס אִיז דָא אַ כּוֹלֵל בּוֹקֶר גֵייט עֶר דָארְטְן אַרַיין, אַז עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, הֶערְט עֶר אַז עֶס אִיז דָא אַ כּוֹלֵל עֶרֶב גֵייט עֶר דָארְטְן אַרַיין וְכוּ' וְכוּ'.

הַכְּלָל אַז אֵיינֶער הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, "שָׁם תְּהֵא

קְבוּרַתְכֶם!" עֶס אִיז דָא אַ קְבוּרָה וָואס עֶס הֵייסְט "שָׁם", "דָארְטְן", נֶעבֶּעךְ, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט דָאס אָרְט, וואו דו וֶועסְט אִים לֵייגְן אִיז אִים נִישְׁט גוּט. מַה שֶׁאֵין כֵּן אֵיינֶער אִיז מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה אוּן עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, וּבִפְרַט אַז עֶר לֶערְנְט כְּפִי דִי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), עֶר לֶערְנְט כְּסִדְרָן מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא, וְכוּ', וְכוּ', עֶר הָאט אַ מוֹרָא'דִיגְן חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, דֶעם אִיז שְׁטֶענְדִיג גוּט, אוּן וואו מֶען לֵייגְט אִים אִיז עֶר צוּפְרִידְן, עֶס אִינְטֶרֶעסִירְט אִים גָארְנִישְׁט נָאר דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן וואו עֶר גֵייט אוּן וואו עֶר שְׁטֵייט הָאט עֶר מִיט זִיךְ אַ חוּמָשׁ, אָדֶער אַ מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער אַ גְּמָרָא, אָדֶער אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶר לֶערְנְט, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן, אַזַא אִינְגֶערְמַאן אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ זַיין וַוייבּ, עֶר לֶעבְּט אַ זִיס גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אוּן דִי שְׁכִינָה רוּהְט בַּיי אִים.

**אוּן** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין דַיין הַארְץ, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# שנז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ב אֱלוּל ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי הָאט מֶען מְנִיעוֹת צוּ פָאהְרְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶס אִיז נָאר פַארְבִּינְדֶען צוּ מִיר, פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט דָאס נִישְׁט לָאזְן אוֹיסְפִירְן, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף אַזַא זַאךְ וִוי צוּ זַיין בַּיי אִיהְם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן כ"ג) "מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עוֹלֶה עַל הַכֹּל; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל מַאכְן אַ כְּרוֹז צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְן אַלֶע קוּמֶען". אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רי"ד) דָאס יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער צַדִיק הֵייסְט מֶען זָאל מְקַיֵים זַיין דַארְף מֶען מְקַיֵים זַיין, נָאר אַז עֶר הֵייסְט נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף מֶען נִישְׁט מְקַיֵים זַיין; אִיז אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי נָאךְ אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים אִיז דָא שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אָבֶּער** פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דָן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר,

רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בֵּיצָה ט"ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; מֶען שְׁרַייבְּט אִים אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווִיפִיל גֶעלְט עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גַאנְץ יָאר. ווִידֶער זָאגְן דִי חֲזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ט"ז.) הַכֹּל נִידּוֹנִים בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט מִיט אִים פַּאסִירְן אַ גַאנְץ יָאר, לֵיידֶער הָאבְּן מִיר גֶעזֶעהְן וָואסֶערֶע אוּמְגְלִיקְן עֶס הָאט פַּאסִירְט דָאס גַאנְץ יָאר, ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר פַּרְנָסוֹת, ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָרֶעם גֶעוָוארְן אִין אֵיין נַאכְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶעס פַארְלוֹירְן, ווִיפִיל יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן מִיט מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, ווִיפִיל יוּנְגֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, ווִיפִיל מַחְלוֹת אוּן חֲלָאִים רָעִים הָאבְּן מֶענְטְשְׁן גֶעכַאפְּט, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, ווִיפִיל פַייעֶרְן הָאבְּן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְלֶענְדֶעט גַאנְצֶע דֶערְפֶער אוּן פֶעלְדֶער, ווִיפִיל פַארְפְלֵייצוּנְגֶען אִיז גֶעוֶוען אוּן אָפְּגֶעוִוישְׁט גַאנְצֶע גַאסְן מִיט שְׁטוּבֶּער אוּן הַייזֶער וָואס זֶענֶען פַארְשְׁוֶוענְקְט גֶעוָוארְן וְכוּ' וְכוּ'; עֶס הָאט פַּאסִירְט אַזֶעלְכֶע אוּמְגְלִיקְן וָואס קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דָאס וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן, "אִיךְ בִּין פַארַאנְטְוָוארְטְלִיךְ פַאר אִים, אוּן עֶר מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; פְרֶעג אִיךְ דִיר: נָאךְ אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער אִיז דָא נִסְיוֹנוֹת צוּ

קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? מֶען כַאפְּט דָאס רֶענְצֶעלֶע מִיטְ'ן טַלִית וּתְפִילִין, אוּן מִיט אַ בִּיסְל עֶסְן, אוּן מֶען פָּארְט.

וֶוען אֵיינֶער הָאט אוֹיף זִיךְ אַ מִשְׁפָּט חָלִילָה וְחַס, וָואס טוּט עֶר? עֶר זוּכְט אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט (לוֹיעֶר), וָואס עֶר קֶען אִים פַארְטֵיידִיגְן, אוּן וָואס מֶער דֶער מִשְׁפָּט אִיז הַארְבֶּער בִּיז חָלִילָה וְחַס טוּט שְׁטְרָאף, זוּכְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט אִין דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט וְכוּ', אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מִשְׁפָּחָה, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי נִישְׁט אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מוֹנֵעַ אוּן מְעַכֵּב וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז דָאךְ מַיין לֶעבְּן וָואס עֶס אִיז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט חָלִילָה וְחַס צוּ טוּט שְׁטְרָאף, אוּן אִיךְ מוּז הָאבְּן דֶעם בֶּעסְטְן אַדְוָואקַאט עֶר זָאל מִיר פַּארְטֵיידִיגְן, אוּן מֶען קוּקְט שׁוֹין אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר מֶען כַאפְּט אוּן מֶען פָּארְט צוּ דֶעם אַדְוָואקַאט, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ "טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט, נָאר רַאטֶעוֶוע מַיין לֶעבְּן!", אוּן דָא הָאבְּן מִיר אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן עֶר וֶועט אַ טוֹבָה טוּהְן פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים וְכוּ', אִיז דֶען דָא נָאךְ דִי וֶוערְטֶער אַ מְנִיעָה? אַן אָפְּהַאלְט? אִיךְ דַארְף זִיךְ רַאטֶעוֶוען מַיין לֶעבְּן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען מִיר דַן אוֹיף טוּיט אָדֶער אוֹיף לֶעבְּן, אוּן אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט וָואס עֶר זָאל מִיר פַּארְטֵיידִיגְן, דָאס אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר נֶעמְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, אוּן פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר כַאפְּט זַיין רֶענְצְל מִיט טַלִית אוּן תְּפִילִין, מִיט עֶסְן אוּן וֶועשׁ וְכוּ', אוּן פָּארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## שנה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ג אֱלוּל ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) "דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ". עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶעם עוֹלָם אַזוֹיפִיל נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ', אַזוֹיפִיל דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', אוּן מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן נָאךְ בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי וֶועלְן דָארְטְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן וְכוּ', אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַוֶועק כַּמָה וְכַמָּה שָׁנִים מִיט גָארְנִישְׁט אוּן מִיט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ו') דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז צוּגְלִיכְן אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, אוּן אַלֶע לוֹיפְן אִים נָאךְ, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיכֶער אַז אִין דִי הַאנְט אִיז דָא וָואס זֵיי זוּכְן וְכוּ',

און מֶען לויפְט אִים נָאךְ כַּמָה וְכַּמָה שָׁנִים וְכוּ', און צום סוף מַאכְט עֶר אויף דִי הַאנְט, און מֶען זֶעהְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אִין דִי הַאנְט וְכוּ' וְכוּ', פָּשׁוּט מֶען הָאט אִים בִּיטֶער אָפְּגֶענַארְט, און עֶר שְׁרַייט, הוֹי גֶעוַואלְד! ווִי הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעלָאזְט פָּאפְּן אַזוֹיפִיל יָארְן?! וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, ווִי דֶער חָכָם הָאט גֶעזָאגְט "אָדָם דּוֹאֵג עַל אִיבּוּד מָמוֹנוֹ וְאֵינוֹ דּוֹאֵג עַל אִיבּוּד יָמָיו; מָמוֹנוֹ חוֹזֵר, וְיָמָיו אֵינָם חוֹזְרִים".

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זָאלְסְט ווִיסְן דָאס יֶעדְן טָאג ווָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שֶׁענְקְט אִיז אַ עֶקְסְטֶערֶער מַתָּנָה, ווָארוּם אִין יֶעדְן טָאג אִיז אַ גַאנְצֶע דוֹר, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה פַּרְשָׁה א' סִימָן ה') אויפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת א' ד') "דוֹר הוֹלֵךְ וְדוֹר בָּא", אֵין לְךָ בְּכָל יוֹם וְיוֹם, שֶׁאֵין נוֹלָדִין בּוֹ שִׁשִּׁים רִבּוֹא וּמֵתִים בּוֹ שִׁשִּׁים רִבּוֹא, וּמַה טַעַם? דּוֹר הוֹלֵךְ וְדוֹר בָּא;

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען אָנְפִילְן יֶעדְן טָאג מִיט גוּטֶע נְקוּדוֹת:

**מֶען** שְׁטֵייט אויף לויפְט מֶען אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבְלֶ'ען, און ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס בִּשְׁעַת דֶער גוּף טוֹבְלְ'ט זִיךְ דָא אוּנְטְן, דֶעמָאלְטְס ווֶערְט דִי נְשָׁמָה גֶעטוֹבְלְ'ט אוֹיבְן וְכוּ'.

**און** דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, און אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אִין אָבוֹת, [אִין אָבוֹת אִיז דָא זֶעקְס פְּרָקִים, יֶעדְן טָאג נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה דַארְף מֶען לֶערְנֶען אֵיין פֶּרֶק, ווָארוּם מֶען דַארְף דָאךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מוּסָר, און עֶס אִיז נִישְׁטָא

נָאךְ קַיין גְרֶעסֶערֶער סֵפֶר מוּסָר ווי דִי מוּסָר פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע תַּנָאִים, און דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א גֶעזָאגְט אַז יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק אִין אָבוֹת, יוֹצֵא זַיין דֶעם לִימוּד מוּסָר].

**נָאכְדֶעם** לֶערְנְט מֶען אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, וָוארוּם לֶערְנֶען גְמָרָא פַאר׳ן דַאוְוענֶען אִיז מְכַלֶה אַלֶע קְלִיפּוֹת און אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, ווי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קו:) גְמָרָא גְמוֹר זְמוֹרְתָא תְּהֵא; מִלָשׁוֹן 'לְזַמֵר עָרִיצִים וּלְהַכְרִית כָּל הַקוֹצִים', מִיט דֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא פַארְן דַאוְוענֶען פַארְשְׁנַיידְט מֶען און מֶען פַארְלֶענְדְט אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע זִינְד, וָואס דָאס אִיז דִי מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר גְמָרָא פַאר׳ן דַאוְוענֶען.

**און** מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אִים, און מֶען בֶּעט רַחֲמִים אַז מֶען זָאל קֶענֶען דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית אָן קַיין מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, און מֶען זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת, און מֶען זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן יֶעדְן שֵׁם פוּן דִי שֵׁמוֹת הַקְדוֹשִׁים וָואס מֶען זָאגְט וְכוּ' וְכוּ', מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם אַסַאךְ בֶּעטְן אַז דֶער מֹחַ מַחֲשָׁבָה זָאל זַיין בַּאהָאפְטְן צוּם דַאוְוענֶען, עֶר זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס עֶר רֶעדְט, ווי ס'שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִים סִימָן צ"ח סְעִיף א') הַמִתְפַּלֵל צָרִיךְ שֶׁיְכַוֵין בְּלִבּוֹ פֵּירוּשׁ

הַמִילוֹת שֶׁמוֹצִיא בִּשְׂפָתָיו, וְיַחְשׁוֹב כְּאִילוּ שְׁכִינָה כְּנֶגְדוֹ, וְיָסִיר כָּל הַמַחֲשָׁבוֹת הַטוֹרְדוֹת אוֹתוֹ עַד שֶׁתִּשָּׁאֵר מַחְשַׁבְתּוֹ וְכַוָונָתוֹ זַכָּה בִּתְפִלָּתוֹ, וְיַחְשׁוֹב כְּאִלוּ הָיָה מְדַבֵּר לִפְנֵי מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם הָיָה מְסַדֵר דְבָרָיו וּמְכַוֵין בָּהֶם יָפֶה לְבַל יִכָּשֵׁל, קַל וָחוֹמֶר לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁהוּא חוֹקֵר כָּל הַמַחֲשָׁבוֹת, וְכַּךְ הָיוּ עוֹשִׂים חֲסִידִים וְאַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה, שֶׁהָיוּ מִתְבּוֹדְדִים וּמְכַוְּונִין בִּתְפִלָּתָם עַד שֶׁהָיוּ מַגִיעִים לְהִתְפַּשְׁטוּת הַגַשְׁמוּת וּלְהִתְגַבְּרוּת כֹּחַ הַשִׂכְלִי, עַד שֶׁהָיוּ מַגִיעִים קָרוֹב לְמַעֲלַת הַנְבוּאָה וְכוּ׳, עַיֵין שָׁם.

**אוּן** נָאכְדֶעם שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִיט אַ בֶּענְקֶעניִשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; אוּן וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דָאס דַאוֶוענֶען וֶוען מֶען אִיז נָאךְ אָנְגֶעטוּהְן מִיט טַלִית אוּן תְּפִילִין, זָאגְט מֶען תִיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית תִּיקוּן הַמוֹחִין; אוּן נָאכְדֶעם מִיט תְּפִילִין דְרַבֵּינוּ תַּם לֶערְנְט מֶען אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיט תַּרְגוּם וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס (יֶעדֶער אֵיינֶער כְּפִי זַיין דַרְגָא).

**אוּן** נָאכְדֶעם גֵייט מֶען עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית וָואס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִיכְטִיג, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא ק״ז) עֶס אִיז דָא דְרֵיי-אוּן-אַכְצִיג מַחֲלוֹת וְכוּ׳, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז נִזְהָר עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית פַּטֶר׳ט מֶען פוּן זִיךְ אַוֶועק דִי מַחֲלוֹת אוּן חֳלָאִים רָעִים.

**און** נָאכְדֶעם בֶּענְטְשְׁט מֶען פוּן אַ סִידוּר מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער שִׂמְחָה, וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ עֲשִׁירוּת, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֲכִילָה חֵלֶק ב׳ סִימָן ג׳) עַל יְדֵי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן נִתְוַודַע הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם.

**און** נָאכְדֶעם אוֹיבּ מֶען דַארְף טוּהְן עֶפֶּעס אַן עֵסֶק אִין עִסְקֵי עוֹלָם הַזֶּה בְּרֶענְגְן פַּרְנָסָה, גֵייט מֶען מִיט אַ שִׂמְחָה, און מֶען גֶעט זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט אָנְרִירְן יֶענֶעמְ׳ס גֶעלְט, וָוארוּם מֶען דַארְף הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳; און אַז מֶען אִיז זוֹכֶה מֶען קֶען זִיצְן אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען, אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, און עֶר אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִין טוּר בֵּית יוֹסֵף און שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, און נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, און גְמָרָא, און זוֹהַר און תִּיקוּנִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, (יֶעדֶער אֵיינֶער כְּפִי זַיין דַרְגָא).

**בִּיז** עֶס קוּמְט דִי צַייט צוּ דַאוֶונֶען מִנְחָה, גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ אוֹיבֶעט מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אוֹיסְגִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר זָאל דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ מִנְחָה מִיט פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה שֶׁהֲרֵי אֵלִיָּהוּ לֹא נַעֲנָה אֶלָּא בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה; און ווִידֶער מַאכְט מֶען זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, און ווִידֶערְאוּם אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד און מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**דָאס** אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַ בֵּיישְׁפִּיל וָואס מֶען קֶען אַלְץ אוֹיפְטוּהְן אִין אַ טָאג, אוֹיסֶער דֶעם וָואס יֶעדֶער

אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט' הֲלָכָה ה'), תָּנֵי בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר, אֵין לְךָ אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה מֵאָה מִצְווֹת בְּכָל יוֹם, קוֹרֵא אֶת שְׁמַע וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וְאוֹכֵל אֶת פִּתּוֹ וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וּמִתְפַּלֵּל שְׁלֹשָׁה פְּעָמִים שֶׁל שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וְחוֹזֵר וְעוֹשֶׂה שְׁאָר מִצְווֹת וּמְבָרֵךְ עֲלֵיהֶן. וְכֵן הָיָה רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר, אֵין לְךָ אָדָם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין הַמִּצְווֹת מַקִּיפוֹת אוֹתוֹ: תְּפִלִּין בְּרֹאשׁוֹ וּתְפִילִּין בִּזְרוֹעוֹ, וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ מִילָה בִּבְשָׂרוֹ, אַרְבַּע צִיצִיּוֹת בְּטַלִּיתוֹ מַקִּיפִין אוֹתוֹ. הוּא שֶׁדָּוִד אָמַר (תְּהִלִּים קי"ט) "שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ". וְכֵן הוּא אוֹמֵר (תְּהִלִּים ל"ד), "חוֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם".

און וְעַל כּוּלָם טוּט מֶען אַסאַךְ חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, מֶען אִיז אַלֵיין פְרֵיילִיךְ און מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ קוֹדֶם דַארְף מֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן דָאס וַוייבּ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:) אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז מַרְחִיב דֶעם מֹחַ און דֶעם דַעַת, און עֶס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אַזוֹי אַז מֶען פִירְט אָפּ אַ טָאג דָאס הֵייסְט גֶעלֶעבְּט, און אוֹיף דֶעם זָאגְט מֶען שַׁבָּת אִין דִי זְמִירוֹת, "וְאִם יָצָא חוֹבַת הַיּוֹם אַשְׁרֵי לוֹ", אָבֶּער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן יֶעדֶעם מְשׁוּגָעס וְכוּ', וָואס מֶער אֵיינֶער מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ מֵיינְט מֶען אַז עֶר פְלִיט מֶער אִין הִימְל וְכוּ'; וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זֶעהְן וָואס עֶר הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט פַאר זִיךְ דֶעם

טָאג דָאס אִיז זַיינְס, אוּן דָאס קֶען מֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אִים וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל וָואס מֶען קֶען אַלְץ אוֹיפְטוּהְן אִין אַ טָאג, אָבֶער יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף קוּקְן אוֹיף זִיךְ, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט אִיבֶּער רַייסְן דֶעם שְׁטְרִיקְל וְכוּ' וְכוּ', עֶר זָאל נָאר טוּהְן וָואס עֶר קֶען, דֶער עִיקֶר אִיז דַאוֶוענֶען דְרַיי מָאל אַ טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, אוּן בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ סִידוּר, אוּן אַז עֶר אִיז זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּכַאפְּן בַּיינַאכְט אַ חֲצוֹת אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אוּן וֶוער זָאגְט אַז עֶר קֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ יוֹם תְּהִלִּים, אַז וואויל אִיז אִים, אוּן נָאךְ לִימוּדִים וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן עֶר זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא אִין מִשְׁנָה, אִין גְמָרָא אִין הֲלָכָה וְכוּ' וְכוּ'. דֶער עִיקֶר אִיז, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דָאס הֵייסְט גֶעלֶעבְּט. אָבֶער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן יֶעדְן שׁוֹטֶה וְכוּ' וְכוּ' וָואס בְּרֶענְגְט אִים נִישְׁט צוּ דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת.

אוּן וויסְן דַארְפְסְטוּ וויסְן, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז דִיר נִישְׁט מְזַכֶּה מִיט לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז דָאס אַלֶעס שֶׁקֶר, וָוארוּם אָן תּוֹרָה אִיז הֶבֶל הֲבָלִים, פָּשׁוּט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן זַיינֶע שְׁלוּחִים וָואס זֵיי טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוּן מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ, אוּן מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן זֵיי נָאךְ, זֵיי הָאבְן דָאס זֵייעֶר לִיבּ, וָוארוּם וֶוער וויל נִישְׁט זֶעהְן אַ קָאמֶעדְיֶע (אַ שְׁפִּיל)? אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט

אַז דֶערְוַוייל אִיז אִים אַוֶועק דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַזוֹי אִיז יֶעדְן טָאג וְכוּ', אוּן דֶערְוַוייל גֵייעֶן אַוֶועק כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ כַּאפְּן וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

**אִיךְ** הָאבּ דָאס אַלֶעס גֶעשְׁרִיבְּן זָאלְסְט זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתוֹךְ דָבָר וְכוּ' וְכוּ', דוּ זָאלְסְט אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין וואוּ דוּ לוֹיפְסְט אַלְץ אַרוּם קוּקְן אוּן זֶעהְן אַ קָאמֶעדְיֶע (אַ שְׁפִּיל), אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט זִיךְ כַּאפְּן וֶועט שׁוֹין זַיין גָאר גָאר שְׁפֶּעט.

**אִיבֶּערְדֶעם** לֶערְן אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת", "סֵפֶר הַמִּדוֹת", "שִׂיחוֹת הָרַ"ן", "חַיֵי מוֹהֲרַ"ן", וָוארוּם דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וֶועלְן דִיר אוֹיפְמַאכְן דַיין מֹחַ אוּן דַיין הַארְץ, אוּן דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין אַלֵיין וואוּ דֶער אֱמֶת אִיז, צוּ בַּיי דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אָדֶער וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קָאמֶעדְיֶע (אַ שְׁפִּיל).

**הַלְוַואי** זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער אִין דַיין הַארְץ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# שנט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ג אֱלוּל ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, דוּ הָאסְט אַ גְרוֹיסְן חִסָּרוֹן. אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט דִיר צוּ זָאגְן דַיין חִסָּרוֹן וְכוּ', וַוייל אִיךְ וִויל דִיר מַשְׁלִים זַיין דַיין חִסָּרוֹן וְכוּ'. מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ח') אַז דֶער צַדִּיק אִיז מַשְׁלִים דִי חֶסְרוֹנוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זֶענֶען מִיר מְקוּרָב צוּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז אוּנְז מַשְׁלִים דִי חֶסְרוֹנוֹת.

דַיין חִסָּרוֹן אִיז, דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען רוֹדֵף זַיין דַיין וַוייבּ בִּיז ס'רִירְט אִיר שׁוֹין אָן דִי נֶערְוְון; מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן: אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן וְכוּ', וֶועסְטוּ גוֹרֵם זַיין אַז דַיין וַוייבּ וֶועט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם אַ נֶערְוְון צוּזַאמְבְּרָאךְ! וְכוּ', אוּן וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז פוּן אַ נֶערְוְון צוּזַאמְבְּרָאךְ אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן, מֶען דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין וְכוּ' וְכוּ', וְכוּלֵּי הַאי וְאוּלַי אַז מֶען קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְגֵיין; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְבַּייטְן דַיין הַנְהָגָה, דוּ זָאלְסְט בַּייטְן דַיין גֶעפִירֶעכְץ וְכוּ' וְכוּ', אוּן דוּ זָאלְסְט זֶעהְן מְקָרֵב זַיין דַיין וַוייבּ, אִיר מְחַזֵּק זַיין, אוּן נִישְׁט זַיין קַיין קַמְצָן, וָואס דָאס אִיז דֶער עַרְגְסְטֶע זַאךְ וֶוען אַ מַאן דֶערְגֵייט דֶעם וַוייבּ דִי יָארְן וְכוּ', אַזַא מַאן אִיז אַ פְּשׁוּטֶער רוֹצֵחַ וְכוּ'. אִינְדְרוֹיסְן קֶענְסְטוּ זַיין זִיס אוּן פֵיין אוּן שֵׁיין וְכוּ'

צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶּער אַקֶעגְן דַיין וַוייבּ בִּיסְטוּ אַ פָּשׁוּטֶער רוֹצֵחַ, דוּ רוֹדְפְסְט דַיין וַוייבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק וְכוּ'.

**אִיךְ** ווייס דוּ וֶועסְט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר ווייל אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס, און דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אוֹיף מִיר וְכוּ', און דוּ וֶועסְט פוּן מִיר אַנְטְלוֹיפְן וְכוּ'; אָבֶּער אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וְכוּ', אִיךְ דַארְף זָאגְן וָואס אִיךְ ווייס, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר אַוַודַאי און אַוַודַאי אַרַיינְגֶעבְּן שֵׂכֶל אֵיידֶער דוּ וֶועסְט פַארְלִירְן דַיין וַוייבּ.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זֶעהְן אַיינְקוֹיפְן זִיךְ דִי מִדָּה פוּן רַחֲמָנוּת, און דָאס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין מִיט אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נִישְׁט דֶערְגֵיין דַיין וַוייבּ דִי יָארְן. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**אִיךְ** מֵיין נִישְׁט מִיר וְכוּ'; אִיךְ הָאבּ גֶענוּג וָואס צוּ טוּהְן מִיט דִי טֵייעֶרֶע צַייט וְכוּ' וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט בְּזֶה הָעוֹלָם זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט ווִיסְן וֶוען מֶען וֶועט אִים רוּפְן אַרוֹיף אוֹיבְן, און ס'אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, דִי צַייט אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר און הֵיילִיג; פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אוֹיבּ דִי חֲזַ"ל הָאבְּן גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קטז.) לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ אָמְרָה תּוֹרָה, שְׁמִי שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדוּשָּׁה יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם; אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בֶּעט מֶען קֶען אֲפִילוּ אוֹיסְמֶעקְן כִּבְיָכוֹל זַיין נָאמֶען כְּדֵי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַ מַאן און אַ וַוייבּ, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אוּנְז פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ,

## דַארְפְן אַוודַאי און אַוודַאי אַלֶעס אַוֶועקְלֵייגְן כְּדֵי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַ מַאן און אַ וַוייבּ.

דִּי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.), דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ בַּארוּמְט, "אַלֶע מְלָכִים שְׁטֵייעֶן אוֹיף בִּיז דְרֵיי שָׁעָה אִין טָאג אַרֵיין, און אִיךְ שְׁטֵיי שׁוֹין אוֹיף חֲצוֹת לַיְלָה, און אִיךְ בִּין עוֹסֵק מְטַהֵר זַיין אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ, זֶעהְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת צְווִישְׁן זֵיי, עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן זֵיי", דֶער גְרוֹיסֶער דָּוִד הַמֶּלֶךְ וָואס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים וָואס אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן 'בַּדְחֵי דְמַלְכָּא', עֶר פְלֶעגְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַלֶע עוֹלָמוֹת, און בִּיז הַיינְט זָאגְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל תְּהִלִּים וֶוען זֵיי זֶענֶען אִין אַן עֵת צָרָה; פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט און עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ, דַארְפְן מִיר אוֹיבֶעט עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

דֶער עֶרְשְׁטֶער זַאךְ אִיז, אַז דֶער מַאן דַארְף הָאבְּן רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז אַ אִיד דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶער כָּבוֹד פוּן זַיין וַוייבּ, און עֶר זָאל אִיר שׁוֹינֶען און צוּקוּקְן און פַארְשְׁטֵיין וִוי זִי לַיידְט צַעַר עִיבּוּר און צַעַר לֵידָה וְכוּ' וְכוּ'; אִיבֶּערְדֶעם הֶער אוֹיף צוּ זַיין אַן אַכְזָר, און דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט רַחֲמָנוּת מִיט דַיין וַוייבּ.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# שס

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ג אֱלוּל ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**דו** דַארְפְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, מֶען טָאר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וְכוּ' וְכוּ', דֶער לֶעבְּן גֵייט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט גְרִינְג, יֶעדֶער אֵיינֶער מַאכְט מִיט זַיינֶע צָרוֹת מִיט זַיינֶע יִסוּרִים מִיט זַיינֶע חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ'; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ דֶּרֶךְ (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ד), אַז אַ אִיד וֶוען עֶר רֶעדְט מִיט אַ צְווייטְן אוּן עֶר אִיז אִים מְחַזֵּק אוּן עֶר מַאכְט אִים פְרֵיילִיךְ, קְלַאפְּט צוּרִיק דִי דִיבּוּרִים, וָואס עֶר רֶעדְט צוּ יֶענֶעם גֵייט צוּרִיק צוּ זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט אַן אַנְדֶערְן, אוּן אַזוֹי וֶועט דִי דִיבּוּרִים צוּרִיק גֵיין צוּ דִיר. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים מא), "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט אַריין שֵׂכֶל פַאר אַן אָרִימַאן; אַן עֵצָה צוּ קוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין אִיז מְחַזֵּק צוּ זַיין יֶענֶעם, מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵּק יֶענֶעם הָאט מֶען אַלֵיין חִיזּוּק.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעוואוין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂמְחָה, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן דָאס וֶועט אַלֶעס צוּרִיק קְלַאפְּן צוּ דִיר. זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, נָאר וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן יָאר**

## שסא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ג אֱלוּל ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא לִימוּד וָואס עֶס רַייסְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טוּמְאָה ווִי לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנָה אִיז מֶען מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, בִּיז דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג'), אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; מִיר וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים אִין יוּנְגֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַן עִיקָר גָדוֹל. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן וָואס מֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מֶסֶכְתָּא נָאךְ אַ מֶסֶכְתָּא, בִּיז זֵיי וֶועלְן עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, זָאלְן זֵיי אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי נָאכְאַמָאל, אוּן דָאס וֶועט זֵיי אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן בְּלָאטֶע וואוּ זֵיי לִיגְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אַז מֶען קֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַ צְוֵוייטְן, אוּן וֶוען עֶס אִיז אִים עֶנְג אוּן בִּיטֶער גֵייט עֶר צוּ צוּ אֵיינֶעם אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס אַלְצְדִינְג וָואס עֶס דְרִיקְט אִים בַּיים הַארְץ וְכוּ' וְכוּ', אִיז פַּארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט צוּרִיקוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַ יֶעדֶע זַאךְ? וְכוּ', וָואס מִיט יֶעדְן דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט דִי נְשָׁמָה צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים י' כ"א), "הוּא תְהִלָּתְךָ וְהוּא אֱלֹקֶיךָ", תְּפִלָּה מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אֵיין זַאךְ, וֶוען אַ אִיד גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט עֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים. אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַלֵיין.

**און** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק'), אַז אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה, נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט דִי הַנְהָגָה, זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, און זֵיי הָאבְּן אוֹיסֶדֶערְצֵיילְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְּן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צוּפַאלְן בַּיי דִיר; הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, הֵן מִיט לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ זָאגְן, וָואס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה; און דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאלְסְטוּ אוֹיבֶּעט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס יֶעדֶער דִיבּוּר מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן וָואס זַיינֶע תְּפִילוֹת פּוֹעֶלְ'ן אִין הִימְל וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן, נָאר פוּן זִינְט עֶר מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן פוּן שְׁלָאף בִּיז עֶר גֵייט זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן און עֶר מַאכְט צוּ דִי אוֹיגְן, רֶעדְט עֶר נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַ הֶעבֶערֶע סָארְט מֶענְטְשׁ, מִיטְן נָאמֶען רַבִּי אַבְרָהָם דֶער זוּהְן פוּן רַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל, וָואס זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מֵעִיד גֶעוֶוען עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בַּיי אִים אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חִילוּק צוּ עֶר אִיז אִין וַואלְד, אָדֶער אִין פֶעלְד, אָדֶער עֶר אִיז אוֹיפְן גַאס וְכוּ' וְכוּ', אָדֶער עֶר אִיז אֲפִילוּ אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ וְכוּ' וְכוּ', שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר הָאט גֶעבְּרִימְט וְכוּ',

און גֶערֶעדְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן בֶּענְקֶעניִשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוער ס'הָאט אִים נָאר אָנְגֶעקוּקְט אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַ גֶעוַואלְדִיגְן יִרְאָה אוּן פַּחַד, מֶען הָאט גֶעזֶעהְן וִוי אַ אִיד אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּיז עֶר רֶעדְט צוּ אִים שְׁטֶענְדִיג. עֶס אִיז גֶעוֶוען וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער צוּ זֶעהְן וִוי אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן קוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר לֶעבְּט זִיךְ זַיין לֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר דוּרְכְגֶעלֶעבְּט זַיין לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', כָאטְשׁ ס'אִיז אִים דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן אִין לֶעבְּן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֶענְדִיג. אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר מַאכְט דָאס נָאךְ, אוּן עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; אָבֶּער דָאס אִיז תָּלוּי וִוי וַוייט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין וְכוּ', דָארְטְן טְרֶעפְט עֶר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', וואוּ עֶר אִיז, דָארְטְן אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַלֶע עוֹלָמוֹת.

**נֶעם** זִיךְ אַרַיין אִין דִיר דִי יְדִיעוֹת, וֶועסְטוּ לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיךְ יָאר**

# שסב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר הַאֲזִינוּ כ"ו אֱלוּל ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**זָאלְסְט** ווִיסְן, וואו דו פָארְסְט? און צו וָואס דו פָארְסְט? דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ אַנְדֶערֶע נְסִיעָה אִינְגַאנְצְן, ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס דו פָארְסְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ק"ג) אַז מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְסְדִינְג, און אִיךְ ווִיל אַז אַלֶע זָאלְן זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, (נְחֶמְיָה ח' י') "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים כִּי חֶדְוַת הֲוָיָ"ה הוּא מָעוּזְּכֶם".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען מֶען בַּיי אִים פוֹעֶל'ן אַלְסְדִינְג וָואס מֶען ווִיל, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף דִיר אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט וְכוּ', קוֹדֶם דִיךְ אַרַיינְוַוארְפְן אִין קַטְנוּת הַמּוֹחִין וְכוּ' דו זָאלְסְט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ', דו זָאלְסְט הָאבְּן סְפֵיקוֹת און קֻשְׁיוֹת וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר דו זָאלְסְט עֶס ווִיסְן פוּן פָארְאוֹיס, דו פָארְסְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועזְן אַזֶעלְכֶע הַבְטָחוֹת, דָאס וֶוער עֶס וֶועט בַּיי אִים זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט נִישְׁט וָואס צוּ זָארְגְן, וָוארוּם עֶר וֶועט זַיין פַאר אוּנְז אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט ווִילַאנְג דו

וֶועסְט זַיין אִין אוּמַאן, זָאלְסְט וויסְן דָאס אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט וֶועלְן קוּקְן אוֹיף דִיר ווי אַזוֹי דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף, וֶועסְטוּ קֶענֶען מְקַדֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען וָואס סְ'קוּמְט אַרוּים דוּרְךְ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", מֶען וֶועט דִיךְ זֶעהְן שְׁטֶענְדִיג אָדֶער מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער מִיט אַ גְּמָרָא, אָדֶער מִיט אַ תְּהִלִּים, וְכוּ', וְכוּ', זָאלְסְט זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ דְרֵייעֶן זִיךְ צְווִישְׁן לֵצִים אוּן לֵיידִיגְגֵייעֶרְס, וְכוּ', וְכוּ'.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט וֶוען עֶס אִיז פִּינְסְטֶער אוּן מֶען צִינְדְט אָן אַ גְרוֹיסְן לָאמְפּ מִיט אַ שְׁטַארְקְן לֶעכְט וְכוּ', פְלִיעֶן אַרוּם אַלֶע בִּינֶען אוּן פְלִיגְן אוּן מִיסְקִיטָאס וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי אוֹיכֶעט דַיְיקָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי אַלֶע מְדַבְּרִים וְכוּ', לֵצִים וְכוּ', לֵיידִיגְגֵייעֶרְס וְכוּ', וָואס זֶענֶען נִישְׁט מֶער ווִי בִּינֶען אוּן פְלִיגֶען וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיךְ** הָאבּ זַייעֶר גֶעוָואלְט דָאס מִיט דַיין אֵיידֶעלֶע הַנְהָגָה ווִי דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפִירְט אַגַאנְץ יָאר, זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעצְט פִירְן אִין אוּמַאן, זַיי מַמְשִׁיךְ לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית, וֶועסְט זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט פּוֹעֵלְ'ן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה פַאר דִיר, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, וָוארוּם יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וּבִפְרַט אוֹיבּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיפְן צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָארְטְן וֶוערְן נִתְקַבֵּל דִי תְּפִילוֹת זַייעֶר גְרִינְג, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן קע"ג) עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ

טובות אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ; וּבִפְרַט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיוּן, וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיינְס וֶועגְן אוּן וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, כָאטְשׁ סְ'אִיז דָא לֵצִים וָואס זֵיי מַאכְן פוּן דֶעם לֵיצָנוּת, הָאט שׁוֹין שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי ט') "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא" אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג, אִיז עֶר קְלוּג פַאר זִיךְ. אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת, מַאכְט עֶר לֵיצָנוּת נָאר פוּן זִיךְ נִישְׁט פוּן יֶענֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, ווילַאנְג דוּ בִּיסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן נוּץ אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע צַייט, אוּן זֶעה זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דַיין גַאנְץ הַארְץ וָואס עֶס אִיז אוֹיף דִיר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ גַאנְץ יָאר, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט שֶׁעמְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן צַדִּיק גֵייט אַרוֹיס אַלֶע זַיינֶע זִינְד פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה אַז עֶס צִינְדְט זִיךְ אָן בַּיי אִים דֶער אוֹר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן עֶס לַייכְט אִים זֵייעֶר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַצְלָחָה סִימָן ט"ו) עַל יְדֵי ווידוּי תַּצְלִיחַ; אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן מ"ח) מִי שֶׁמִּתְוַדֶּה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אוֹתוֹ אַהֲבַת נְדָבָה וּמֵשִׁיב מִמֶּנּוּ חֲרוֹן אַפּוֹ.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט שְׁטִיפְּן דְרַייקָא צוּ זַיין לֶעבְּן דִי מַצֵבָה וְכוּ', אֲפִילוּ דוּ שְׁטֵייסְט וַוייטֶער אִיז אוֹיבֶּעט גֶערֶעכְנְט וִוי דוּ שְׁטֵייסְט אִין דִי ד' אַמוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ וויסְן ווִיאַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דַיין הֵיילִיגֶע צַייט.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן סְתָּם אוֹיף דִי גַאסְן, נָאר זַיין צוּזַאמֶען מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיר זָאלְט אִינְאֵיינֶעם עֶסְן, אִינְאֵיינֶעם זַיין וְכוּ', נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן זִיךְ, וָוארוּם וואוּ סְ'אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה, אִיז זֶה לְעוּמַת זֶה דָא אַ גְרוֹיסֶע טוּמְאָה, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דִי גֶרֶעסְטֶע מָאס פוּן נִיאוּף אִיז דָא בַּיי דִי רוּסְן אוּן אוּקְרֵיינֶע'ר וְכוּ' וְכוּ', זֵיי גֵייעֶן בְּמֵזִיד אוֹיסְגֶעלַאסְן וְכוּ', מַכְשִׁיל זַיין מֶענְטְשְׁן מִיט רְאִיוֹת אֲסוּרוֹת אַזוֹי וִוי דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן בַּעַל פְּעוֹר, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן אִין עֶירְפָּארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן דִי אוֹיגְן, וָוארוּם דָארְטְן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע קְלִיפּוֹת וְכוּ', וָואס זֵיי גֵייעֶן אוֹיסְגֶעלַאסְן וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי אוֹיגְן, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה) אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָא בַּמֶה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי עֶקְלְהַאפְטִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפּוֹת וָואס זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְטְן אַרוּם וְכוּ', אוּן אַזוֹי אוֹיבֶּעט אִין אוּמַאן דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט גֵיין אַוֶועק וַוייטֶער וִוי דִי ד' אַמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס

צִיוּן, נִישְׁט גֵיין אִין מַארְק קוֹיפְן שְׁמַאטֶעס וְכוּ', קוּטְשְׁמֶע'ס וְכוּ', לוֹיזִינְגֶע כִּינִים'דִיגֶע בְּגָדִים פוּן פַארְשְׁטִינְקֶענֶע אוּקְרַאִינֶער דַארְף מֶען אַיינְקוֹיפְן? וּבִפְרַט עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַ חֲשַׁשׁ פוּן שַׁעַטְנֵז וְכוּ', וָואס ווינְצִיגֶער זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן דִי עֶקְלְדִיגֶע גוֹיִים אִיז גֶעזוּנְטֶער.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ.) יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף דִי קְלִיפָּה וָואס הָאט אִים גֶעוָואלְט אָנְכַאפְּן וְכוּ', עַיִן שֶׁלֹּא רָצְתָה לָזוּן מִמַּה שֶׁאֵינוֹ שֶׁלּוֹ, אֵין עַיִן הָרָע שׁוֹלֶטֶת בּוֹ; אִיבֶּערְדֶעם גֶעב זִיךְ אַכְטוּנְג, סַיי אוֹיפְן וֶועג אַהִין אוּן סַיי אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק זָאלְסְטוּ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, כָאטְשֶׁע עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע תַּאֲוָה וְכוּ', אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט וְכוּ', בִּפְרַט אִין אַ בָּחוּר וְכוּ', אָבֶּער אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי עֶקְלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע קְלִיפּוֹת וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְן גְרִינְגֶערְהֵייט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר מִיט בְּלוּט פוּן מַיין הַארְץ, נִישְׁט מִיט טִינְט, וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דַיין הַארְץ.

אוּן נֶעם זִיךְ פָאר אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֵייכֶערְן קַיין צִיגַארֶעטְלֶעךְ אַגַאנְץ יָאר, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין שׁוּם מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דִי צְווֵיי זַאכְן זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע

וָואס זַיי טוּעֶן דָאס יָא וְכוּ', דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז זַיי זֶענֶען עוֹבֵר אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס רָצוֹן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן פַּארְפִירְט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

**אַז** ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּם נַייעֶם יָאר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַּארְפֶעלְן קַיין אֵיין טָאג פוּן צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי מִשְׁנַיוֹת, חַזֶרְן אוּן חַזֶרְן אוּן חַזֶרְן וְכוּ' וְכוּ', עֶנְדִיגְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וָואס דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מַמְשִׁיךְ זַיין חַזֶרְן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דֶעם מַסֶּכְתָּא זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, אוֹיכֶעט חַזֶרְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל. אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ שְׁטֶענְדִיג נֶעמֶען אַן אַנְדֶערֶע מַסֶּכְתָּא אוּן חַזֶרְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אִיבֶּערְחַזֶרְן גַאנְץ שַׁ"ס הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל. זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ חָלוֹם וְכוּ', וָוארוּם מִיט אַ גוּטְן רָצוֹן קֶען מֶען דָאס בַּאַווַייזְן, זַייעֶר אַסַאךְ הָאבְּן דָאס שׁוֹין בַּאווִיזְן. אוּן אַזוֹי אִיז דָא נָאךְ לִימּוּדִים וָואס מִיט אַ גוּטְן רָצוֹן קֶען מֶען דָאס בַּאַווַייזְן, אוּן דֶער תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ קְלוּג, אוּן רַייךְ, אוּן הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**אוֹיב** דוּ ווִילְסְט זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ מִיר, אוּן דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ זָאגְן, זָאלְסְטוּ נָאר אַרַיינְקוּקְן

שְׁטֶענְדִיג אוּן שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַחַל", קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט זָאגְן אִין מַיין נָאמֶען גָארְנִישְׁט, נָאר דָארְטְן זָאלְסְטוּ זֶעהְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ זָאגְן, דוּ זָאלְסְט דָאס גֶעדֶענְקְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן. וָוארוּם דִי סְפָרִים הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן מִיט גְרוֹיס רְצוֹנוֹת פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּקְט יֶעדְן טָאג אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, דָארְטְן וֶועט עֶר זֶעהְן וָואס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רָצוֹן אִיז, אוּן קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט קֶענֶען פַארְפִירְן מִיט דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת.

דוּ זָאלְסְט פּוֹעֵלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יָאר, אַ גֶעזוּנְט יָאר, אוּן זָאלְסְט אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס, אוּן עֶס זָאל נִמְשָׁךְ וֶוערְן אוֹיף דִיר נָאר חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים אַ גַאנְץ יָאר.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## שסג

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה ז' תִּשְׁרֵי ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאפְּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר בַּיי דִיר, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט צוּ מִיר הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט דֶערְלַייגְט, פוּן וֶועמֶען אִיךְ נֶעם גֶעבּ אִיךְ, דוּ הָאסְט מוֹרָא'דִיגֶע זְכוּתִים אִין הִימְל, מִיט דֶעם וָואס

דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ דְרִיקֶערַיי אוּן עֶס וֶוערְט צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דוּ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט דֶעם זַייעֶר פְרֵייעֶן אוּן זַייעֶר שְׁטַארְקְן, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ וֶועסְט הָאבְּן דֶעם רֶעכְטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, וואוּ נִישְׁט הָאסְטוּ אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט אַ חֵלֶק אִין קִירוּב הַגְאוּלָה, אוּן אַזוֹי ווִי מִיר קוּקְן שׁוֹין אַרוֹיס יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע מִינוּט אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן פוּן בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן גָלוּת, אִיז דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן זַייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דַיין זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מְזַכֶּה גֶעוֶוען אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן, וָוארוּם סוֹף כָּל סוֹף הָאסְטוּ גֶעדְרִיקְט אַ קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִיקִים" וָואס דָארְטְן וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בַּאֲרִיכוּת דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דִי פְּרוּיעֶן זָאלְן נִישְׁט מוֹנֵעַ זַיין דִי מֶענֶער פוּן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת קוּמְט מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז בַּיי צַדִיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין דֶעם קוּנְטְרֵס, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיךְ הֶעלְפְן עֶס זָאל דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג יָאר אוּן אִין דֶעם יָאר זָאל מֶען קֶענֶען דְרִיקְן אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

**דו זָאלְסְט הָאבְּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה**

# שסד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה ז' תִּשְׁרֵי ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואסֶערֶע זְכוּת דוּ הָאסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעדְרִיקְט דִי אִידִישֶׁע שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אַשֶׁר בַּנַחַל" עֶס אִיז צוּכַאפְּט גֶעוָוארְן אוּן אוּמַאן אַזוֹי ווִי אַ מַאֲכָל וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגֶעסְן, אוּן הָאסְט זֵיי דֶערְקְוִויקְט דִי נְשָׁמָה, וּבִפְרַט דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים דִי יוּנְגְוָוארְג הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דִי בְּרִיוו זֵייעֶר אַסַאךְ, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן אַז דֶעם יָאר זָאלְסְטוּ אַ חָתָן וֶוערְן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן זָאלְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

דוּ זָאלְסְט זֶעהְן מַמְשִׁיךְ זַיין דְרִיקְן, וָוארוּם דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי צַוָואָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט אוּנְזֶערֶע לַייט דְרֵיי טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת, אֵייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין עֶס זָאל זַיין "יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה"

און זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק אִין רָצוֹן אִין גֶעלְט און אִין טִירְחָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר דו זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין און נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן זִיךְ, נָאר דו זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אויף דַיין אויסְטֶערְלִישֶׁער זְכוּת וָואס דו הָאסְט, וָוארום עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶער זְכוּת ווִי זְכוּת הָרַבִּים, אַז וואוּיל אִיז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק שְׁטֶענְדִיג בְּעֵסֶק זְכוּת הָרַבִּים מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים.

**דֶער** עִיקָר אִיז נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, און פְרֵיילִיךְ דַארְף מֶען זַיין מִיט דִי נְקוּדָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי וָואס דָאס אִיז אַזַא מִין שִׂמְחָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן י׳) אַז קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען דָאס נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, ווייל יֶעדֶע זַאךְ קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זִיךְ אַריינְמִישְׁן, ווִי פְרֵייסְטוּ זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, דוּ הָאסְט דָאךְ אַזַא חֵטְא וְכוּ׳, און אַזַא חֵטְא וְכוּ׳, און דו הָאסְט דָאס גֶעטוּהְן וְכוּ׳ און דו הָאסְט יֶענְץ גֶעטוּהְן וְכוּ׳, ווִי פְרֵייסְטוּ זִיךְ אַז דו בִּיסְט אַ אִיד? אָבֶער מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד זָאגְט אַ בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" וָואס עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין אָבֶער אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, און דָאס קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן און מְבַטֵּל זַיין פוּן אַ אִיד, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מִיט דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן, שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כ"ד) דָאס עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ,

און נִישְׁט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ עֵצָה צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, נָאר עֶר זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְּרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם אִיז עֶר מְגַלֶּה זַיין רֵיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן זַייעֶר צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט נִשְׁלָם וֶוערְן בְּתַכְלִית הַשְׁלֵימוּת, און דוּ זָאלְסְט וֶוערְן אַ אָדָם הַשָּׁלוֹם.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## שסה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר נֹחַ כ"ה תִּשְׁרֵי ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר בַּיי דִיר, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט צוּ מִיר הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט דֶערְלֵייגְט, פוּן וֶועמֶען אִיךְ נֶעם גֶעבּ אִיךְ, וּבִפְרַט וָואס דוּ טוּהסְט אַזוֹי פִיל אוֹיף בִּזְכוּת הָרַבִּים, וֶועסְטוּ בְּוַדַּאי צוּרִיק בַּאקוּמֶען כֵּפֶל כִּפְלַיִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין מִיטְן דִיבּוּר, וּמִכָּל שֶׁכֵּן בִּכְתַב וָואס הֵייסְט זְכוּת הָרַבִּים, און דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן נ"ה) אֵין עֵרֶךְ לַמִצְוָה שֶׁעוֹשֶׂה אָדָם לְעַצְמוֹ לְבַד, אֲפִילוּ שֶׁתִּהְיֶה רַבָּה, לַמִצְוָה שֶׁתִּמְשׁוֹךְ מִמֶנָה זְכוּת לְרַבִּים, אֲפִילוּ שֶׁתִּהְיֶה קְטַנָה; וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים דָאס אִיז אַ זְכוּת לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, עֶס זֶעהְט אוֹיס זֵייעֶר פָּשׁוּט וְכוּ', וָואס אִיז שׁוֹין אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעדְרִיקְט עֶפֶּעס אַ סֵפֶר'ל? אִיז דֶען דָאס וֶוערְד? אָבֶּער אִין אֱמֶת'ן אַרַיין אַ סֵפֶר גֵייט מִסוֹף הָעוֹלָם עַד סוֹפוֹ, וְוי דֶער רַמְבַּ"ם הָאט גֶעזָאגְט, אַ זַאךְ וָואס מֶען דְרִיקְט אִיז אַזוֹי וְוי מֶען וָואלְט גֶעדַרְשֶׁנְ'ט פַּאר צֶען טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן, (אוּן הַיינְט אַז דִי דְרִיקֶערַיי אִיז אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן אוּן עֶס גֵייט מִסוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, אִיז דָאס אַזוֹי וְוי מֶען הָאט גֶעדַרְשֶׁנְ'ט פַּאר אַ מִילְיָאן מֶענְטְשְׁן, אָן אַ גוּזְמָא).

אוֹיךְ הָאט דֶער רַמְבַּ"ם גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר שְׁרַייבְּט עֶפֶּעס פוּן אֱמוּנָה, דָאס הֵייסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס אִיז בַּיי אִים וִוּיכְטִיגֶער וְוי אַלֶעס, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דַיין אַרְבֶּעט וָואס דוּ בִּיסְט מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אוּן אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דֶעם וִוינְטֶער וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ חִיבּוּרִים אוֹיף אִידִישׁ, וָוארוּם דָאס אִיז אַ זִיכּוּי הָרַבִּים וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, וָוארוּם הִתְחַזְקוּת מוּז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע, כְּפִי דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת

וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער עִיקֶר זָאל זַיין נָאר מִיט לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ', ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה סִימָן ו') עַל יְדֵי אַהֲבָה בָּא הִתְחַזְּקוּת, דוּ וַוייז נָאר אַרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז אַלֶעס וֶועט דִיךְ אַרוּמְנֶעמֶען מִיט הִתְחַזְּקוּת, דֶער עִיקֶר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ אָב הָרַחֲמָן, אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים י"ח) "אֶרְחָמְךָ הַוָיָ"ה חִזְקִי" מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וֵויים רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַז דוּ בִּיסְט אַ רַחֲמָן אוּן דוּ הָאסְט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, דָאס אִיז מַיין הִתְחַזְּקוּת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# שסו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר נֹחַ כ"ו תִּשְׁרֵי ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אַ**זוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר הַיינְט צְווֵיי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן טֶעכְטֶער אִין קֵיינֶער ווִיל זֵיי נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען לֶערְנֶען אִין זֵייעֶר סְקוּל, וַוייל זֵיי זָאגְן זֵייעֶרֶע אִינְגְלֶעךְ לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶעה אִיךְ אַ רֶמֶז פוּן הִימְל אַז מֶען דַארְף אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, הֵן אֱמֶת סְ'אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הַאלְטְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט אַ גַאנְצֶע סְטֶעף מְלַמְּדִים, אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶטְץ הָאטְס גֶעהַאט נִסִּים וְנִפְלָאוֹת אַגַאנְץ יָאר, הַאלְט אִיךְ זִיכֶער וֶועט אִיר מִיט דִי מֵיידְל שׁוּלֶע אוֹיבֶעט הָאבְּן נִסִּים וְנִפְלָאוֹת.

מֶען דַארְף בַּיים אָנְפַאנְג נִישְׁט נֶעמֶען קַיין מְנַהֶלֶת וְכוּ׳, נָאר אֵיין אָדֶער צְוֵויי פְּרוּיעֶן וָואס זֵיי זָאלְן זַיין דִי לֶערֶערִינְ׳ס, מֶען בַּאצָאלְט זֵיי אַרוּם דְרֵייהוּנְדֶערְט פוּפְצִיג דָאלְלֶער אַ וָואךְ, אוּן זֵיי וֶועלְן לֶערְנֶען מִיט דִי פָּאר מֵיידְלֶעךְ הֲלָכוֹת, אוּן שְׁרַייבְּן, אוּן רֶעכֶענֶען, אוּן שְׁפְּרַאךְ, וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן דִי מֵיידְל שׁוּלֶע.

עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶב זי״ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מֵיידְל שׁוּלֶע "בֵּית רָחֵל" מִיט צְוֵויי תַּלְמִידוֹת, אוּן עֶס אִיז צֶעוַואקְסְן גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע אִימְפֶּערְיֶע, קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזְנְט מֵיידְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ, דָאס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט אֱמֶת, הָאט הַצְלָחָה, אָבֶער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אִינְזִינֶען זִיךְ וְכוּ׳, יֵשׁוּת וְכוּ׳, פִּרְסוּם וְכוּ׳, אִיז צוּם סוֹף פַאלְט דָאס אַוֶועק אוּן ס׳וֶוערְט בָּטוּל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל קַיין שׁוּם מוֹסָד ווִיל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, וַוייל זֵייעֶרֶע זוּהְן לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶעה אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן מִיט קְלֵיינֶעם נִישְׁט מִיט קַיין גְרוֹיסְן סְטֶעפ, וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן מְבַטֵל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקְן, כָּל זְמַן מֶען הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען וְכוּ׳ וֶוערְט לֶעבֶער פוּן אַלֶע זַייטְן

וְכוּ', און עֶס רינֶען אַרוֹיס די הַשְׁפָּעוֹת וְכוּ', און מֶען וֶוערְט פַארְפְלָאנְטֶערְט אִין אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְפְלָאנְטֶערְנִישְׁן, אָבֶער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה און עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר טוּהְן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, און דָאס קֶען זַיין דִי כַּוָונָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה "אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶךְ נֹחַ" נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

**עֶס** הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט פַאר אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק, אַ בָּחוּר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל אִין מִירוֹן בַּיים תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, און דֶעמָאלְט אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דָארְטְן אַ ווִיסְטֶענִישׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ ווִינְטֶער נַאכְט, און קַיין נֶפֶשׁ חַיָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן, נָאר דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רַבִּי שְׁמוּאֵל הוֹרְוִויץ זי"ע וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִים בַּיים צִיוּן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ דֶעם בָּחוּר, "קוּם מִיט מִיר אַרוֹיס צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין", און דֶער בָּחוּר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין מִיט אִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁטָאק פוּנְסְטֶער, און ווִי זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּצוּגֵיין צוּ דִי זַייט פוּן דִי מְעָרָה שֶׁל הִלֵל, הָאט דֶער בָּחוּר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן און עֶר הָאט גֶעזָאגְט רַבִּי שְׁמוּאֵל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין, (וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פִינְסְטֶער הָאט עֶר מִיךְ דֶערְצֵיילְט, אַז

אֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהְן דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן עֶר הָאט פָּשׁוּט גֶעצִיטֶערְט) הָאט אִים רַבִּי שְׁמוּאֵל גֶענְטְפֶערְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, "מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט הָאט מֶען פוּן גָארְנִישְׁט קַיין מוֹרָא" (אָבֶּער דֶער בָּחוּר הָאט מִיךְ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַזַא מִין שְׁרֶעק אַז עֶר אִיז צוּרִיק גֶעלָאפְּן צוּם צִיּוּן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, אוּן עֶר אִיז דָארְטְן גֶעבְּלִיבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן גֶעצִיטֶערְט וְכוּ' וְכוּ'.) אוּן רַבִּי שְׁמוּאֵל אִיז זִיךְ אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען צוּם טָאל וְכוּ', אָן קַיין שׁוּם פַּחַד, אוּן פַארְטָאגְס אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעמוּסֶרְט "ווִי קֶען אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא הָאבְּן פוּן חַיּוֹת רָעוֹת וְכוּ', אוֹיב עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים"?

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ, אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט פוּן זִיךְ, דֶעם קֶען קֵיינֶער גָארְנִישְׁט טוּהְן, אֲפִילוּ אַלֶע חַיּוֹת רָעוֹת וָואס זֶענֶען בִּדְמוּת בְּנֵי אָדָם זֶענֶען אִים מְבַזֶּה מְחָרֵף וּמְגַדֵּף מַאכְט דָאס נִישְׁט אוֹיף אִים אַ רוֹשֶׁם.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּיז עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִין מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב), דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, נִישְׁט קַיין פִּרְסוּם, וְכוּ', וְכוּ', עֶר ווִיל נָאר מְגַלֶּה זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים, און עֶר שַׁיינְט אַריין אִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הֶערְן אִים צוּ, נָאר אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און לִימוּד הַתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, בִּפְרַט מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער עֲשִׁירוּת פוּן אַ אִיד, וֶוען עֶר אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד.

**אַ** אִיד הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל", וָואס הֵייסְט אַ רֶבִּי? און וָואס הֵייסְט אַ חָסִיד? הָאט עֶר אִים גֶעעְנְטְפֶערְט, אַ רֶבִּי אִיז דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט גְמָרָא און בְּרֶענְגְט אַריין אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען גְמָרָא, און אַ חָסִיד אִיז דֶער וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ מְקַיֵים צוּ זַיין יֶעדְן סְעִיף פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, דוּ זָאלְסְט נָאר רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה און הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, עֶס זָאל זַיין שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיהֶם, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אַז דָאס וָואס מֶען רֶעדְט אֱמוּנָה, דָאס אִיז אַלֵיין אֱמוּנָה, און דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אֱמוּנָה, ווִידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ; אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, און רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן נִיבוּל פֶּה, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת לג.) בַּעֲוֹן נַבְלוּת פֶּה צָרוֹת רַבּוֹת וּגְזֵירוֹת קָשׁוֹת מִתְחַדְשׁוֹת וּבַחוּרֵי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים יְתוֹמִים, וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִין וְאֵינָן נַעֲנִין; אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה סִימָן ד') הַמְנַבֵּל פִּיו אֲפִילוּ חוֹתְמִים עָלָיו גְזַר דִין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִים עָלָיו לְרָעָה, גַם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵיהִנוֹם, גַם לְהַשׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק; וָוארוּם לֵיידֶער הַיינְט רֶעדְן דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים גֶעמֵיינֶע נִיבוּל פֶּה וְכוּ', אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם "הַלָשׁוֹן הוּא קוּלְמוֹס הַלֵב", וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָאס רֶעדְט עֶר, אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה סִימָן א') מִי שֶׁמְדַבֵּר נִיבּוּל פֶּה בְּיָדוּעַ שֶׁלִבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן.

דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן אַרַיינְצוּפְּרֶעגְלֶען אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אֲפִילוּ זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, נָאר זָאגְן, ווַייל דוּרְךְ לִימוּד אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וֶוערְט דִי נְשָׁמָה אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְץ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ זָאגְן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא כְּסִדְרָן דַיְיקָא, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס, אוֹיסֶערְדֶעם וָואס מֶען נֶעמְט אַ מַסֶכְתָּא אוֹיף זִיךְ אוּן מֶען חַזֶר'ט דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וָואס דָאס בְּלַייבְּט נָאכְדֶעם אִין קָאפּ.

אַזוֹי ווִי אִיךְ פָאר אַוֶועק דֶעם דִינְסְטָאג אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ וֶועל דָא נִישְׁט זַיין לְכָל הַפָּחוֹת דְרֵיי שַׁבָּתִים

וְכוּ', אוּן אֶפְשָׁר מֶער וְכוּ', זָאלְסְטוּ מִיר בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶס זָאל נִתְרַבֶּה וֶוערְן גְבוּלְךָ בַּתַּלְמִידִים.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שסז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר נֹחַ כ"ז תִּשְׁרֵי ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

דוּ דַארְפְסְט וויסְן אַז דִי טֶבַע פוּן אַ פְרוֹי אִיז אַז זִי וֶוערְט שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ', וּבִפְרַט וֶוען וְכוּ', דוּ דַארְפְסְט אִיר זֵייעֶר פַארְשְׁטֵיין וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן פוּן דַיין זַייט זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ מִיטְן גְרֶעסְטְן כָּבוֹד, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג, רס"ד) דָאס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף אִינְגֶעלַייט אַז עֶס זָאל צוּבְּרָאכְן וֶוערְן זֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת, כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אַ אִיד דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין זַיין וַוייבּ, וָוארוּם זִי לַיידְט זֵייעֶר אַסאךְ צָרוֹת אִין אִיר לֶעבְּן וְכוּ', צַעַר עִיבּוּר וֶוען זִי טְרָאגְט וְכוּ', צַעַר לֵידָה וֶוען זִי גֶעבּוֹירְט וְכוּ', אוּן צַעַר גִידוּל וְכוּ' וֶוען זִי אִיז מְגַדֵּל דִי קִינְדֶער וְכוּ'.

**קֵיינֶעם** פַאלְט נִישְׁט אַיין דָאס שְׁוֶועריקַייט וָואס אַ פְרוֹי מַאכְט מִיט, אַ מַאן קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מָלֵא שִׂמְחָה, סְ'קוּמְט מִיר אַ מַזָל טוֹב, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ אִינְגֶעלֶע, אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אוּן עֶר גְרֵייט זִיךְ צוּם בְּרִית, אָדֶער עֶר קוּמְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ סְ'קוּמְט מִיר אַ מַזָל טוֹב אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מֶען מַאכְט אַ קִידוּשׁ מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ נָאמֶען, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז זַיין וַוייבּ הָאט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען נַיין חָדָשִׁים פְּחָדִים, וָוארוּם וֶוען אַ פְרוֹי שְׁוַואנְגֶערט אִיז זִי פִיל מִיט פַּחַד וָואס וֶועט זַיין מִיטְ'ן וְלַד, אוּן וִוי אַזוֹי סְ'וֶועט זַיין, אִיבֶּערְדֶעם, זָאל זִיךְ נִישְׁט טְרֶעפְן, זַייעֶר אַסַאךְ פְרוֹיעֶן בַּיים גֶעבָארְט בַּאקוּמֶען זַיי אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן אַ נֶערְוָון צַאמְבְּרָאךְ וְכוּ', פַארְוָואס? פוּן רוֹב פַּחַד אוּן צִיטֶער וָואס זִי גֵייט דוּרְךְ, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער פְרוֹי קֶען דָאס אִיבֶּערְטְרָאגְן וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף דֶער מַאן שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן זַיין וַוייבּ, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי פָּארֶעט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער דַארְף דִי מַאן זַייעֶר אַסַאךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ב.) בֵּיתוֹ זוֹ אִשְׁתּוֹ; וָוארוּם אַ פְרוֹי דָאס אִיז דִי שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין שְׁטוּבּ עֶס זָאל נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן, עֶס זָאל נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, עֶס זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע וֶוערְן וְכוּ', אַזוֹי דַארְף עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין וַוייבּ, אֲפִילוּ זִי גִיפְט זִיךְ אוּן רֶעגְט זִיךְ וְכוּ', דַארְף דֶער מַאן זַיין רוּאִיג אוּן אִיר פַארְשְׁטֵיין, אוּן נָאר רֶעדְן מִיט אִיר אֵיידֶל, אוּן אֲפִילוּ

זִי שֶׁעלְט חָלִילָה וְחַס און אִיז מְבַזֶּה דֶעם מַאן וְכוּ׳ וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף דֶער מַאן אִיר שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין, וָוארוּם דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט, און אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוֹרָא׳דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען, דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה׳) ״וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ״.

**אַ** מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ לִיבּ וְוִי נַאטִירְלִיךְ, זָאגְן דִי חֲזַ״ל דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דַיין וַוייבּ אַזוֹי וְוִי דוּ הָאסְט זִיךְ לִיבּ, און מְכַבֵּד זַיין זָאלְסְטוּ אִיר מְכַבֵּד זַיין אַסַאךְ מֶער וְוִי דוּ ווִילְסְט מֶען זָאל דִיךְ מְכַבֵּד זַיין, און דָאס אִיז אַ חֲזַ״ל, און אוֹיף דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט קְרִיגְן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּהְן דַיינְ׳ס, נָאר שְׁטַארְקְן דַיין וַוייבּ, אַ פְרוֹי ווִיל נָאר הֶערְן אַ גוּט וָוארְט פוּן מַאן, אֲפִילוּ זִי גִיפְט זִיךְ און רֶעגְט זִיךְ, דֶער מַאן דַארְף זֶעהְן פוּן זַיין זַייט זָאל זַיין שָׁלוֹם.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶעהְן, אַז דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט פֶעלְן גָארְנִישְׁט, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ״ל (תְּמוּרָה טז.) אִשָּׁה כֵּיוָן שֶׁאֵין לָהּ תְּבוּאָה בְּתוֹךְ בֵּיתָהּ מִיַּד צוֹעֶקֶת; אַ פְרוֹי אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּבּ שְׁרֵייט זִי, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן שְׁטֶענְדִיג קוֹיפְן וָואס זִי דַארְף הָאבְּן, און מְפַיֵּיס זַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן דֶער גַאנְצֶער שְׁטוּבּ דַיינֶער וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, און דָאס אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רָצוֹן, קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וָואס מֶען רוּפְט עוֹבְדִים וְכוּ׳, דָאס אִיז פָּשׁוּט

עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה וְכוּ׳, ווילְדֶע נאַרִישֶׁע דְרָכִים, אַ גאַנְצֶע וָואךְ זָאל מֶען שְׁלָאפְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוֹיף אַ בַּאנְק אוּן נָאר אוֹיף שַׁבָּת אַהֵיימְקוּמֶען, דָאס אִיז פּוּנְקְט דֶער הֵיפֶּךְ פוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין מִיט זַיין וַוייבּ צוּזַאמֶען, אוּן עֶר הָאט אַמָאל זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, אַ מְלַמֵד וָואס אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ אִיז בַּיי אִים אַזוֹי ווִי וְכוּ׳ וְכוּ׳, (עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַ מִיאוּס וָוארְט אוֹיף אִים), דָאס הֵייסְט אַמָאלִיגֶע צֵייטְן אִיז גֶעוֶוען אִין יֶעדְן דָארְף הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְגֶען אַ מְלַמֵד פַאר דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן גֶעוֶוענְדְלִיךְ אִיז וֶוער ס'אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד הָאט עֶר שׁוֹין גֶעכַאפְּט אִין זַיין שְׁטֶעטְל דִי קִינְדֶער, ס'אִיז גֶעוֶוען פְלֶעצֶער וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְלַמֵד אוֹיפְן אָרְט, הָאבְּן זֵיי גֶעמוּזְט דִינְגֶען אֵיינֶעם פוּן דֶער וַוייט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה הָאט זִיךְ פַארְדִינְגֶען פוּן נָאךְ סוּכּוֹת בִּיז פֶּסַח צוּ זַיין אַ מְלַמֵד, אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען אַ גאַנְץ הַאלְבּ יָאר אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין דֶער סֵדֶר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר גֶעקְרִיגְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַ מִיאוּס וָוארְט אוֹיף אַזַא מְלַמֵד, וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער מַאן דַארְף זַיין אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דָאס וַוייבּ, נִישְׁט ווִי הַיינְט אִיז דָא אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אַזוֹי

גֶערוּפֶענֶע מַנְהִיגִים, מִיט פַארְקְרִימְטֶע מוֹחוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן זֵיי לֶערְנֶען אַנְדֶערֶע, מְשׁוּגַע׳דִיגֶע דְרָכִים, אוּן זֵיי רוּפְן דָאס אָן עוֹבְדִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט מֶער וִוי עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה, וָוארוּם אוֹיבּ מֶען גֵייט אַקֶעגְן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן אַקֶעגְן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אִיז דָאס שׁוֹין מִצַד הַטּוּמְאָה וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן אַז דַיין וַוייבּ בְּלָאזְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס אִיז דִי טֶבַע פוּן אַ פְרוֹי וֶוען זִי וֶוערְט אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ׳, אָדֶער וֶוען ס׳גֵייט אוֹיף אִיר עֶפֶּעס אִיבֶּער וְכוּ׳, דָאס עֶרְשְׁטֶע כַּפָּרָה אִיז דֶער מַאן וְכוּ׳, זִי בְּלָאזְט אוֹיף אִים, אוּן רֶעדְט נִישְׁט מִיט אִים וְכוּ׳, וָואס עַל פִּי רוֹב דֶער מַאן וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס דָאס וַוייבּ וִויל פוּן אִים וְכוּ׳, קוֹדֶם רֶעדְט זִי נִישְׁט מִיט אִים וְכוּ׳, אוּן דֶער מַאן וֶוערְט צוּבְּרָאכְן וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז דֶער טֶבַע פוּן אַ פְרוֹי, זִי בְּלָאזְט אוּן זִי וֶוערְט אוֹיפְגֶערֶעגְט, זִי וֵוייסְט אַלֵיין נִישְׁט פַארְוָואס וְכוּ׳ וְכוּ׳, לָאזְט זִי דָאס אוֹיס דֶעם גַאנְצְן כַּעַס אוֹיפְן מַאן.

**גֶעוֶוענְדְלִיךְ** אִיז, וֶוען אֵיינֶער הָאט לִיבּ אֵיינֶעם אִיז עֶר דֶער עֶרְשְׁטֶער כַּפָּרָה וְכוּ׳, זִי לָאזְט עֶס אוֹיס אוֹיף אִים, זֶעהְט אוֹיס אַז דַיין וַוייבּ הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ וְכוּ׳, אוּן זִי דַארְף אוֹיף אֵיינֶעם אוֹיסְלָאזְן אִיר כַּעַס, אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן קֶען זִי נִישְׁט וְכוּ׳, אוֹיפְן שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אַוַודַאי נִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן זִי וִויל נִישְׁט סֶעקִירְן דִי קִינְדֶער וְכוּ׳, בָּאטְשֶׁע ס׳אִיז דָא פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי שְׁרֵייעֶן קוֹלֵי קוֹלוֹת

אויף די קִינְדֶער אַז די קִינְדֶער זָענֶען נֶעבֶּעך אַ כַּפָּרָה וְכוּ', די פְּרוּי שְׁרֵייט קוֹלֵי קוֹלוֹת וְכוּ', אָבֶער סְ'אִיז דָא פְּרוּיעָן וָואס זֵיי לָאזְן עֶס אוֹיס אויף די מֶענֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן, דוּ זָאלְסְט גֵיין מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ זַיין נָאר גוּט צוּ אִיר, אוּן רֶעדְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן נִישְׁט קְרִיגְן זִיךְ, אֲפִילוּ זִי בַּאלֵיידִיגְט דִיךְ, זָאלְסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אוּן דוּ זָאלְסְט אִיר קוֹיפְן וָואס זִי דַארְף הָאבְּן, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז זִי וֶועט אִינְגַאנְצְן נִשְׁתַּנֶה וֶוערְן.

**נַאטִירְלִיךְ** צוּ יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען הָאבְּן תְּפִלָּה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת מוּז מֶען בַּאוַואסֶערְן מִיט תְּפִלָּה, וָוארוּם תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער, וִוי סְ'שְׁטֵייט (אֵיכָה ב') "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נוֹכַח פְּנֵי הֲוָיָ"ה" זָאלְסְט אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי מֶען גִיסְט וַואסֶער, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויף יֶעדֶע עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף בַּאוַואסֶערְן דִי עֵצוֹת מִיט תְּפִלָּה, אַזוֹי וַואקְסְט דָאס, אַזוֹי וִוי אַ בֵּיימֶעלֶע אַז מֶען וִויל זִי זָאל וַואקְסְן דַארְף מֶען דָאס אַסַאךְ בַּאוַואסֶערְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז מֶען וִויל הָאבְּן הַצְלָחָה מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת מוּז מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דָאס** אִיז דִי עֵצָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז דֶער עִיקָר אִיז תְּפִלָּה, אוּן עֶר הָאט

אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן אֲפִילוּ סְ׳דַאכְט זִיךְ בַּיים אָנְפַאנְג אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט צוּ וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן עֲווֹנוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט, דַאכְט זִיךְ אִים אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט צוּ וְכוּ׳, אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז יֶעדֶער דִיבּוּר אוּן יֶעדֶע תְּפִלָּה אוּן יֶעדֶע בַּקָּשָׁה וָואס מֶען בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט נִתְקַבֵּל אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן דָאס אִיז דֶער דַעַת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוֹינְט זָאגְן בָּרַבִּים, אוֹיבּ אִיךְ זָאג עֶפֶּעס בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זָאל מֶען מִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן פְּרֶעגְן וואוּ זָאגְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וְכוּ׳, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט אוּן אִיךְ וֶועל זָאגְן פוּן וואוּ אִיךְ הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען, וָוארוּם עַל פִּי רוֹב וֶוען אִיךְ רֶעד בָּרַבִּים זָאג אִיךְ דֶער מַרְאֶה מָקוֹם פוּן וואוּ אִיךְ הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען, נִישְׁט ווייל אִיךְ וִויל וַוייזְן בְּקִיאוּת, נָאר סְ׳אִיז דָא קְרֶעצִיגֶע אִינְגֶעלַייט וְכוּ׳, וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ אָן מַנְהִיגִים וְכוּ׳, אוּן זָאגְן אַז אִיךְ זָאג אֵייגֶענֶע זַאכְן וְכוּ׳, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ע:) כָּל הַפּוֹסֵל בְּמוּמוֹ פּוֹסֵל וְכוּ׳, דֶערְפַאר זָאג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג בָּרַבִּים דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְ׳ס וֶוערְטֶער מִיט אַ מַרְאֶה מָקוֹם פוּן וַואנֶעט אִיךְ הָאבּ דָאס גֶענוּמֶען, אוּן וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס, אִיבֶּערְדֶעם קוּק נָאךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דָאס

אִיז דֶער דַעַת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּבּ, און אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין זַיין וַוייבּ, און אֲפִילוּ זִי גִיבְּט זִיךְ און רֶעגְט זִיךְ וְכוּ' וְכוּ', דַארְף מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, זָאל זִי זַיין גֶערֶעכְט וְכוּ', אַז דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ לֶעבְּעדִיג לֶעבְּן.

**זָאל** דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ זִיס יָאר, און עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט פֶּעלְן גָארְנִישְׁט, און דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין נָאר לֶעבְּעדִיג, און מֶען דַארְף זֶעהְן אַ וַוייבּ מְשַׂמֵּחַ זַיין, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') **אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ.**

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## ששח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר נֹחַ כ"ז תִּשְׁרֵי ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דוּ** דַארְפְסְט ווִיסְן דָאס אוֹיף דִי וֶועלְט גֵייט אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִיבֶּער וָואס סְ'גֵייט אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ', סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער פוּן זִיךְ, דֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, דֶער פוּן זַיין וַוייבּ, און דֶער פוּן פַּרְנָסָה, און דֶער פוּן גֶעזוּנְט, יֶעדֶער אִיטְלִיכֶער אוֹיף דִי בְּרִיאָה הָאט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע

נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ אִיד אִיז וויאַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען אָנְקוּמֶען צוּם אֱמֶת׳ן צַדִיק, וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט זִיךְ אוֹיף אוּנְז רַחְמָנוּת גֶעהַאט אִין דֶעם נִידְרִיגְן דוֹר וָואס אִיז פִיל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, פִיל מִיט אוֹיסְגֶעלַאסְנְקַייט, פִיל מִיט שְׁמוּץ עֶקְלְהַאפְדִיגֶע בִּילְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶקְלְהַאפְטִיגֶע מְזוֹהָמְ׳דִיגֶע שְׁמוּץ וָואס מֶען וַוייזְט, אוּן קִינְד אוּן קַייט קֶענֶען אִין דֶעם קוּקְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַזֶעלְכֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען פוּן זִינְט דִי וֶועלְט בַּאשְׁטֵייט, אֲפִילוּ אִין דִי דוֹר הַמַבּוּל וָואס דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעלַאסְנְקַייט וְכוּ׳, אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶער גוֹי אִין זַיין דַארְף אִין זַיין שְׁטֶעטְל וְכוּ׳ הָאט עֶר גֶעטוּהְן דִי שְׁמוּץ וְכוּ׳, אָבֶער הַיינְט מִיט דִי כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ׳ אִיי פֶּאד וְכוּ׳ קֶען מֶען זֶעהְן אַלֶע נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶע עֶקְלְהַאפְטִיגֶע שְׁמוּץ פוּן דִי גָאר פְּרָאסְטֶע גוֹיִים וְכוּ׳, אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה׳לֶעךְ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַעַל מַמָשׁ, מוּזְן דוּרְכְגֵיין דֶעם בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן נִסָיוֹן, וּמַה יַעֲשֶׂה הַבֵּן שֶׁלֹא יֶחְטָא? וֶוען אַ קִינְד קֶען זַיין אִין בַּארִיר פוּן אַזֶעלְכֶע כְּלֵי מַשְׁחִית, וָואס זָאל שׁוֹין וֶוערְן פוּן אַזַא קִינְד?

**אוּן** פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דִי כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אַזוֹי גְרוֹיס בִּיז מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מְלוּכָה אַקֶעגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען דֶערְצֶערְנְט אִים, אוּן מֶען ווִיל מַאכְן פַארְגֶעסְן אִינְגַאנְצְן דֶער מְצִיאוּת פוּן

הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת וְכוּ', מֶען ווִיל אַרײַנבְּרֶענְגֶן אִין מֶענְטְשְׁן דֶעם עִנְיָן פוּן כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אַלֶעס טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָּל רַחֲמָנָא לִישֵׁיזְבָן פוּן אַזֶעלְכֶע כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אָבֶער לֵיידֶער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין דֶעם גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן, פוּן אֵיין זַייט נִיאוּף אוּן פוּן אֵיין זַייט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**אוּן** לֹא בְּחִינָם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען וֶועט גִיסְן פוּן אוֹיבְן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן, ווִי וֶועלְן זִיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן דֶעמָאלְט? נָאר אִיךְ הָאבּ הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט, אַז מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

**וָואס** הֵייסְט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן? נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעטְרָאטְן אַ נַייעֶר וֶועג וָואס דָאס אִיז דֶער אַלְטֶער וֶועג פוּן דִי אָבוֹת אוּן דִי נְבִיאִים אוּן תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וְכוּ' וְכוּ', אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ אוּן וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ זָאל עֶר אוֹיסְדֶערְצֵיילְן נָאר פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט בָּזֶה הָעוֹלָם נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר אִיז אִים מְחַיֶּה אוּן

מְהַוֶה און מְקַיֵים, עֶר דֶערְהַאלְט זַיין לֶעבְּן, עֶר גֶעבְּט אִים לֶעבְּן, וויפִיל עֶר נֶעמְט אַרויס פון אִים דֶעם לֶעבְּן וְכוּ׳, לִיגְט עֶר ווי אַ פֶּגֶר מֵת וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, און זִיךְ אויסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויף פְּרָאסְט אִידִישׁ, און רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ אֱמֶת׳ן גוּטְן פְרֵיינְד, אַן אֱמֶת׳ן גוּטְן חָבֵר וְכוּ׳, אַזוֹי ווִי אַ קִינְד בֶּעט זִיךְ בַּיי אַ טַאטְן וְכוּ׳, טַאטֶע אִיךְ דַארְף הָאבְּן דָאס וְכוּ׳, טַאטֶע ס׳אִיז מִיר זֵייעֶר עֶנְג, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס וְכוּ׳, און עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם טַאטְן, בִּיז דֶער טַאטֶע גֶעבְּט אִים וְכוּ׳, אַזוֹי דַארְף אַ אִידִישׁ קִינְד זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויף פְּרָאסְט אִידִישׁ, און בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן.

**מֶען** טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן פון קַיין שׁוּם זַאךְ, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גַאנְץ גוּט וָואס אויף דִיר גֵייט דוּרְךְ, בִּיטֶערֶע און שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט גִיוַואלְד! זַייט אַייךְ נִיט מְיַיאֵשׁ. קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע"ח, וְעַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן מ"ט); הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר דָאס אַרוֹיסְגֶעזָאגְט פון זַיין טִיפֶענִישׁ פון הַארְצְן, און דֶער רוּף און גֶעשְׁרַיי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי הָאט גֶערוּפְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק "גְיוַואלְד! זַייט אַייךְ נִיט מְיַיאֵשׁ, קַיין יְאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין", הֶערְט מֶען נָאךְ בִּיז יֶעצְט, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר אַקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן וֶוערְט נִישְׁט צוּפַאלְן, דָאס אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדְן אִיד.

דוּ זָאלְסְט ווִיסְן דָאס דֶער סוֹד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אֵיין וָוארְט "הִתְחַזְקוּת", דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דַארְף מֶען זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן בֶּעטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אִיךְ וֵויים פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ, סַיי וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אוּן סַיי וָואס דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט וְכוּ', נָאר אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער וְכוּ', דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, פַאל נִישְׁט אַוֶועק ס'טוּט זֵייעֶר וֵויי וָואס דוּ מַאכְסְט מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דָאס נִישְׁט קַיין עֵצָה צוּ וֶוערְן אַזוֹי צוּפַאלְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, כָאטְשֶׁע ס'אִיז גְרִינְג צוּ זָאגְן, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גְלֵייבּ מִיר דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין אֵיינְצִיגְסְטֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט מִיטְמַאכְן זַיין פֶּעקְל צָרוֹת.

דִי וֶועלְט זָאגְט וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל אַוֶועקְלֵייגְן זַיין פֶּעקְל צָרוֹת אוֹיפְן טִישׁ, וָואלְט עֶר צוּרִיקְגֶעכַאפְּט זַיין

פֶּעקְל (וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער זֶעהְט אַז יֶענֶעמ'ס צָרָה אִיז אַסַאךְ עֶרְגֶער). אָבֶּער אִיךְ זָאג, אוֹיבּ עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ פְּלַאץ וואו מֶען קֶען אַוֶועקְלֵייגְן דֶעם פֶּעקְל צָרוֹת, וָואלְט אִיךְ מַיין פֶּעקְל אִיבֶּערְגֶעלָאזְט און אִיךְ וָואלְט אַנְטְלָאפְן, נִישְׁט אִיךְ וָואלְט צוּרִיקְגֶעכַאפְּט מַיין פֶּעקְל וְכוּ', אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם פֶּעקְל וְכוּ', נָאר דֶער פֶּעקְל גֵייט מִיט זִיךְ מִיט, ווִי סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר דַארְף דוּרְכְגֵיין, און אַזוֹי ווִי אַ גָמָל הָאט דֶעם הוֹיקֶער וְכוּ' און עֶר ווִיל עֶס אַרָאפְּנֶעמֶען און עֶס גֵייט נִישְׁט וְכוּ' ווַייל סְ'גֵייט מִיט אִים צוּזַאמֶען וְכוּ', אַזוֹי אוֹיבֶּעט יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאקוּמְט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת וְכוּ', כְּדֵי אִים מְנַסֶה זַיין זֶעהְן צוּ וֶועמֶען עֶר וֶועט קוּמֶען בְּעֵת צָרָה וְכוּ'.

סְ'אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּהְן רֶבִּי יִצְחָק זַ"ל, "דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז מֶען מוּטְשֶׁעט דִיךְ, גְלֵייבּ מִיר, מֶען מוּטְשֶׁעט אִיטְלִיכְן, מִיךְ הָאט מֶען שׁוֹין זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט" וְכוּ'.

וֶוער סְ'קֶען דִי הִיסְטָארִיֶע וָואס עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן וֶועט בַּאוואוּנְדֶערְן ווִי אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דוּרְכְגֶעלֶעבְּט דֶעם עוֹלָם מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ, בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים, מַחֲלוֹקֶת וְכוּ' וְכוּ' אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אוֹיפְן גַאס, מֶען הָאט אִיהְם נָאכְגֶעשְׁרִיגְן און נָאכְגֶעוָוארְפְן שְׁטֵיינֶער און אוֹיסְגֶעהַאקְט דִי שׁוֹיבְּן וְכוּ' וְכוּ' פַאר גָארְנִישְׁט און נִישְׁט,

נָאר וַוייל עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען מְגַלֶּה זַיין אוּן מְפַרְסֵם זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט מֶען אִיהְם מְנַדֶּה גֶעוֶוען, אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִיהְם, אֲפִילוּ רוֹב רוּבָּם פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תַּלְמִידִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאלְטְן מִיט אִים, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אַזוֹי שֵׁיין, אוּן בְּמֶשֶׁךְ פֶערְצִיג יָאר פוּן זַיינֶע פוּנְף אוּן זֶעכְצִיג יָאר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּזֶה הָעוֹלָם, הָאט עֶר אוּנְז אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא מַתָּנָה ווִי דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת" אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט דֶעם גַאנְצְן ד' חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיף דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת אוּן שִׂיחוֹת וְכוּ', ווִי יֶעדֶע הֲלָכָה פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ אִיז נִישְׁט נָאר דִי הַנְהָגָה ווִי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן, נָאר ווִיאַזוֹי פוּן יֶעדֶע הֲלָכָה אוּן הַנְהָגָה קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען הִתְחַזְקוּת דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אוּן בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ן וֶוען מֶען הָאט גֶעדְרוּקְט דִי שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ, אַז דָאס אִיז אַ פוּל וַוארְג (כָּל בּוֹ), עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַלֶעס, דְּרוּשׁ אוּן קַבָּלָה, וְכוּ', אַגָּדָה אוּן מוּסָר וְכוּ', פְּשַׁט אוּן רֶמֶז וְכוּ', הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן, אָבֶער מַיינֶע סְפָרִים (דִי לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת) אִיז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'ס גַּן עֵדֶן. אוּן דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין, וֶוער סְ'גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הָאט הִתְחַזְקוּת, אוּן עֶר נֶעמְט אַרוֹיס יֶעדְן טָאג וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן פַאר דֶעם טָאג, אִיבֶּערְדֶעם וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה זָאלְסְט זֶעהְן צוּ בַּאפְלַייסְן זִיךְ אִין לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אוּן אַנוּנְג וָואס אוֹיף מִיר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן וָואס עֶס גֵייט נָאךְ אוֹיף מִיר הַיינְט דוּרְךְ וְכוּ', אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט אִין מַיין לֶעבְּן קַיין אֵיינְצִיגְן גוּטְן טָאג וְכוּ', אִיךְ בִּין נִישְׁט מְגַזֵם גָארְנִישְׁט וְכוּ', וֶועסְטוּ פְרֶעגְן פוּן וַואנֶעט הָאבּ אִיךְ מַיין הִתְחַזְקוּת אַז אִיךְ קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אִיךְ קֶען נָאךְ דֶערְהַאלְטְן אַנְדֶערֶע, נָאר אִין דֶער יוּגְנְט וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תְקוּפָה וָואס אִיךְ הָאבּ גִיעֶנְדִיגְט יֶעדֶע חוֹדֶשׁ גַאנְץ לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, עֶס אִיז מִיר אָנְגֶעקוּמֶען בִּיטֶער שְׁוֶוער, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט דְרֵיי אוּן דְרַייסִיג דַפִּין יֶעדְן טָאג, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מְסַיֵים גֶעוֶוען דְרַייסִיג מָאל אִין אֵיין צִי דִי לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת יֶעדְן חוֹדֶשׁ אָן אַ אוֹיפְהֶער, אוֹיסֶערְדֶעם וָואס בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט כְּסִדְרָן, אוּן שֶׁלֹא כְּסִדְרָן אַ הֲלָכָה דָא אוּן אַ הֲלָכָה דָארְטְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן אֵיינְמָאל דוּרְכְגֶעלֶערְנְט עַל פִּי סֵדֶר דִי תּוֹרוֹת וְכוּ', אוּן דָאס לִיגְט אִין מַיין בְּלוּט, אוּן מִיט דֶעם בִּין אִיךְ זִיךְ מִתְחַזֵק, אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, וויאַזוֹי הָאט אַ יְלוּד אִשָּׁה גֶעקֶענְט מְחַבֵּר זַיין אַזֶעלְכֶע סְפָרִים?

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אַ בְּרִיוו אִין סֵפֶר "נְתִיב צַדִיק" פוּן אֵיינֶעם פוּן הַיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ס תַּלְמִידִים וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְטְן, אִיךְ לֶערְן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, אוּן אִיךְ טְרַאכְט בַּיי מִיר אוֹיבּ דָאס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ יְלוּד אִשָּׁה, וָוארוּם לוֹיט מַיין דֵעָה קֶען קַיין יְלוּד אִשָּׁה נִישְׁט שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע סְפָרִים,

נָאר עֶר הָאט גֶעמוּזְט זַיין אַ מַלְאָךְ וְכוּ', זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם ווִי דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעפִּיל אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז סְ'גֵייט דִיךְ דוּרְךְ אַזוֹיפִיל צָרוֹת, בִּיטֶערֶע בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', זֶעה מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן צוּ אִים, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַזַא הִתְחַזְקוּת אַז דוּ וֶועסְט פַארְגֶעסְן אִינְגַאנְצְן אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועלְט וְכוּ', אַז עֶס אִיז דָא צָרוֹת וְכוּ', אַז עֶס אִיז דָא אָרֶעמְקֵייט וְכוּ', דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דוּ וֶועסְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן, נָאר נִכְלָל וֶוערְן אִין עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ דוּרְכְגֵיין דַיין לֶעבְּן וָואס אִיז אַזוֹי קוּרְץ, ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָּהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרוֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה" (תְּהִלִּים צ') זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"א) דָאס דִי זִיבֶּעצִיג יָאר פְלִיעֶן דוּרְךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַזוֹי ווִי אַ פֶערְטְל שָׁעָה, אוּן אִיךְ קֶען דִיר מֵעִיד זַיין אַז עֶס אִיז אַזוֹי, אָט גֶעדֶענְק אִיךְ ווִי מֶען הָאט מִיר חַלַקֶה גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת, אוּן אָט בִּין אִיךְ שׁוֹין טִיף אִין דִי זִיבֶּעצִיג, אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, אוּן זַיי נִישְׁט צוּפַאלְן, גֶעווֹאוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שסט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר נֹחַ כ"ז תִּשְׁרֵי ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו און אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק, אַזוֹי דַארְף זַיין, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, און דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, דֶער סוֹד פוּן לֶעבְּן אִיז זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, און וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, און עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט, מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע פְּרִיוואוּנְגֶען און נִסְיוֹנוֹת אִין לֶעבְּן, אַ אִיד וֶוערְט גֶעמָאסְטְן וְויאַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן פוּן זַיין צָרָה וְכוּ' וְכוּ'.

**זָאלְסְט** נִישְׁט מֵיינֶען אַז יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט גוּט בָּזֶה הָעוֹלָם, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ אִיבֶּערְגֵייעֶכְטְץ וְכוּ' וְכוּ', וֶועסְטוּ פְרֶעגְן פַארְוָואס? נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פְּרָאבִּירְט אוּנְז אוֹיס צוּ זֶעהְן אוֹיבּ אוּנְזֶער הַארְץ אִיז רֵיין מִיט אֱמוּנָה און מֶען וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, און מֶען קוּמְט נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין סְפֵיקוֹת חָלִילָה וְחַס אִין דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, נָאר אַדְרַבָּה וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אוּנְז דוּרְךְ זֶענֶען מִיר זִיךְ מֶער מְחַזֵּק און מִיר אַנְטְלוֹיפְן מֶער צוּ אִים, וָוארוּם אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, אַ אִיד הָאט אִין זִיךְ אַ גֶעטְלִיכְקֵייט, אַ נְשָׁמָה וָואס אִיז אַ חֵלֶק פוּן בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים, און דָאס צִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּם שׁוֹרֶשׁ, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א' סִימָן פ') מִיר הָאבְּן גֶעזֶעהְן אֲפִילוּ דִי אַרְגְסְטֶע רְשָׁעִים וֶוען סְ'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ שְׁמַד רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ גֵיין אִין פַייעֶר אָדֶער גֶעהַארְגֶעט וֶוערְן עַל קִידוּשׁ הַשֵּׁם, פוּן דֶעם זֶעהְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת.

**מִיר** הָאבְּן דָאס צוּגֶעזֶעהְן און נָאכְגֶעהֶערְט דָאס דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי טוֹיזֶענְט יָאר וֶוערְן אִידְן גֶעהַארְגֶעט עַל קִידוּשׁ הַשֵּׁם מִיט דִי גֶרֶעסְטֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, פוּן דֶעם זֶעהְט מֶען דָאס יֶעדֶער אִיד'ס נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, סְ'צִיט זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר אַז מֶען זִינְדִיגְט לֵיידֶער לֵיידֶער וֶוערְט אוֹיסְגֶעקִילְט דִי אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם; מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט קוּמְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַוֶועקְוָוארְפְן דִי חָכְמוֹת, נָאר טוּהְן אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי אוּנְזֶערֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז, און גֶעשִׁיקְט אִין יֶעדְן דוֹר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז וִוי זִיךְ אָפְּטֵיילְן פוּן דִי רִשְׁעוּת און דִי רַע פוּן דִי רְשָׁעִים, און אַנְטְלוֹיפְן פוּן מְסִיתִים וּמְדִיחִים, און בִּפְרַט פוּן דִי מִינִים און אֶפִּיקוֹרְסִים וָואס זֵיי רֶעדְן אָפְּן

אויפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פוּן זֵיי דַארְף מֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֵיין, וָוארוּם זֵיי זֶענֶען דִי עֵרֶב רַב.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען דַן זַיין יֶעדְן אִיד לְכַף זְכוּת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) דָאס מֶען דַארְף דַן זַיין לְכַף זְכוּת אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר, וָוארוּם וִוי נִישְׁט הָאט עֶר אִין זִיךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פ"ח) אֵין מְלַמְדִין זְכוּת עַל הַמֵּסִית; אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מֵסִית וּמַדִיחַ אַקֶעגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אִיד, דָאס אִיז רַחֲמָנָא לִיצְלַן אַ עֵרֶב רַב, אוּן פוּן דִי מְסִיתִים וּמְדִיחִים דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן, אַ אִידִישׁ נְשָׁמָה וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן כְּלַפֵּי מַעְלָה וְכוּ', אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה וֶועט גְרֵייט זַיין גֵיין אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ, ווִיפֶער חָלִילָה וְחַס אֵיינֶער רֶעדְט כְּלַפֵּי מַעְלָה, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער אִיז רַחֲמָנָא לִיצְלַן נִישְׁט מִכְּלַל זֶרַע יִשְׂרָאֵל.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן, קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, אוּן פוּן הַיינְט אָן וֶועט דִיךְ גֵיין נָאר גוּט.

**זָאלְסְט** מִיר מְבַשֵּׂר זַיין שְׁטֶענְדִיג בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זֶעהְן קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְץ טוּהְן, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין בִּיז מֶען קוּמְט צוּ דֶעם בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן נִסָּיוֹן וְכוּ' וְכוּ', אַז מֶענְטְשְׁן רוֹדֶפְ'ן עַד

לְחָרְמָה וְכוּ׳, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַּאלְט מֶען נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, נָאר מֶען הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם גֵייט מֶען דוּרְךְ אַלְסְדִינְג, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן נ״ד) מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה אֵינוֹ יָרֵא מֵאוֹיְבִים; וָוארוּם וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז דָא אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן פַּיינְט, עֶר וֵוייסְט אַז דָאס אִיז אַלֶעס שְׁלוּחֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא אִים צוּ צוּבְּרֶעכְן כְּדֵי עֶר זָאל קוּמֶען מִיט אַ רֵיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, אֲפִילוּ דוּ לַיידְסְט בּוּשׁוֹת אוּן חֶרְפּוֹת מֶען שֶׁעלְט דִיךְ אוּן מֶען זִידֶעלְט דִיךְ אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז מִיט דֶעם קוּמְסְטוּ אָפּ אַסַאךְ שְׁלֶעכְטְס, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פ״ו) מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ חֶרְפָּתוֹ וְשׁוֹתֵק, עַל יְדֵי זֶה נִתְבַּטֵּל מִמֶּנּוּ רַבּוֹת רָעוֹת שֶׁהָיוּ רְאוּיִין לָבוֹא עָלָיו.

**גְלֵייבּ** מִיר סְ׳לוֹינְט זִיךְ אַריינְצוּכַאפְּן בִּיזֵי בִּזְיוֹנוֹת אוּן מֶענְטְשְׁן זָאלְן רֶעדְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, ווִי אֵיידֶער מֶען זָאל דַארְפְן לִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל אוּן מֶען זָאל שְׁנַיידְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אֵיבָרִים וְכוּ׳, בֶּעסֶער צוּ לַיידְן בִּזְיוֹנוֹת ווִי חָלִילָה וְחַס דוּרְכְגֵיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע אָפֶּערַאצְיֶעס.

**נֶעם** אַריין דִי דִיבּוּרִים גוּט אִין הַארְצְן אַריין וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שע

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר וַיֵּרָא י"א חֶשְׁוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה.

**זָאלְסְט** וִויסְן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן דָאס אִיז אַ סִימָן עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א) אַז אֱמוּנָה מִיט בְּרִית אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים פט) "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ" בְּרִית מִיט אֱמוּנָה אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אִיז אַ סִימָן עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית, וּבִפְרַט הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וָואס דָאס אִיז אַ בִּיטֶערְן שְׁלֶעכְטְן עָוֹן, אַ גֶעפֶערְלִיכֶער זִינְד וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף דַיינֶע חֲטָאִים אוּן עֲווֹנוֹת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט דִי עֲווֹנוֹת אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן

מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה גֵייט אַרוֹיס דִי עֲווֹנוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער.

**זָאלְסְט** זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּשׁוּט אִידִישׁ, כָאטְשֶׁע סְ'וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן בַּיים אָנְפַאנְג אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דָאס נֶעמְט זִיךְ מַחֲמַת דַיינֶע שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע זִינְד פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז אַרַיין אִין דִיךְ כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בְּאָדָם; דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִישְׁזְבָן קוּמְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעטְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן בִּיטֶערְן בְּלָאטֶע ווִי אִיךְ בִּין דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ מְיוּשָׁב'דִיגְן דַעַת אוּן שֵׂכֶל. אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי בֶּעטְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, ווָארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ הִיט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין אָפּ אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִי בִּיטֶערֶע זִינְד פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיבֶּערְדֶעם

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט שִׂמְחָה, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

דֶערְהַאלְטְן קֶען מֶען זִיךְ נָאר אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיבֶּערְדֶעם וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, דָאס אִיז דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז ווָאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס קֶען דִי צְוֵויי סְפָרִים אוֹיסֶעוְנֵווייניג, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דוּרְךְ יֶעדֶע שִׂיחָה מַיינֶע קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכְן אִיד ווִי אִיךְ ווֵייס וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שעא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיֵּרָא י"ג חֶשְׁוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ, זָאלְסְט ווִיסְן דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין שָׁלוֹם בַּיִת אַז מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט.) אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט

מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ כְּדֵי אִיר זָאלְט וֶוערְן רַייךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת אִיז תָּלוּי נָאר אִין דִי וַוייבּ; אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיין וַוייבּ אוּן עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ זַיין וַוייבּ, וָואס דָאס אִיז דִי יְסוֹד אִין צוּזַאמְלֶעבְּן, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') "אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ" דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**דַארְפְסְט** וִויסְן אַז אִין דֶעם לֶעבְּן דַארְף מֶען זַיין אַ גֶעוואַלְדִיגֶער וַותְּרָן, מֶען דַארְף מְוַותֵּר זַיין מִיט יֶעדֶע זַאךְ, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין דַוְקָא וְכוּ', מִיט דַוְקָא קוּמְט מֶען אָן נָאר אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו.

דוּ דַארְפְסְט וִויסְן אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בְּזֶה הָעוֹלָם אִיז צוּבְּרָאכְן, יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט דוּרְךְ אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר אַדְרַבָּה עֶר אִיז מְחַזֵּק אוּן מְאַמֵּץ יֶענֶעם, דֶעמָאלְטְס וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם דִיר אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, פוּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, דָאס וֶועט דִיךְ קִילְן דַיין עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ' וְכוּ', דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בְּלָאטֶע, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת דָאס רֵיינִיגְט אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְץ.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שעב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּרָא י"ד חֶשְׁוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וְכוּ' וְכוּ'.**

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר וָואס אִיז פִיל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה, וְסִימָן ר"כ) אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין פִיל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן סְ'וֶועט זַיין שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיךְ זָאג דָאס כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן מֶען זָאל ווִיסְן אַז סְ'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט פוּן דֶעם גֶערֶעדְט, אוּן אִיךְ ווֵייס אַז מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה וְכוּ', עַיֵּין שָׁם. אִיבֶּערְדֶעם זֶעה דוּ זִיךְ אוֹיבֶעט צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין פְּשׁוּטֶע

אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶערְדֶעם.

**וָואס** הֵייסְט אֱמוּנָה? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וַוארְפְט אַוֶועק זַיין אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, אוּן עֶר ווֵייסְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר גְלֵייבְט בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אֱמוּנָה שְׁלֵימָה, דָאס דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה בַּאשְׁטֵייט נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אוּן עֶר עֶפְנְט אוֹיף זַיין מוֹיל אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַ גוּטְן פְרַיינְד, אוּן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בֶּעט עֶר נָאר פוּן אִים, דָאס הֵייסְט שְׁלֵימוּת אֱמוּנָה. וָוארוּם פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) ווַייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, וָוארוּם דֶער אֱמֶתְ'ן אַרַיין וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעהַאט אֱמוּנָה, אוּן עֶר וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן עֶר שְׁטֵייט דָא, פַאר אִים, לֶעבְּן אִים, אִין אִים, וְכוּ', וְכוּ', וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים, נָאר מֵחֲמַת דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים כִּבְיָכוֹל פַארְשְׁטֶעקְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אִיז עֶר בַּיי זִיךְ צוּפַאלְן, אוּן עֶר טְרַאכְט וֶוער הֶערְט מִיר שׁוֹין אוֹיס? אָבֶּער דֶער אֱמֶתְ'ן אַרַיין אִיז, יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט, אוּן עֶס

מַאכְט אַ רוֹשֶׁם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַוודַאי בַּיים אָנְפַאנְג אִיז דָאס זַייעֶר זַייעֶר שְׁוֶוער וְכוּ׳, וָוארוּם עֶס דַאכְט זִיךְ פַּארְ׳ן מֶענְטְשׁ, וֶוער הֶערְט מִיר שׁוֹין אוֹיס וְכוּ׳, נָאר דָאס נֶעמְט זִיךְ מַחְמַת כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ״ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִים כְּפִירָה בָּאָדָם; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט מַאכְט עֶר אַ צֶעווִישֶׁנְשֵׁייד צְווִישְׁן אִים אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, בִּיז עֶס וֶועט אוֹיסְגֶעלוֹיטֶערְט וֶוערְן זַיין מֹחַ אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה, בִּיז עֶר וֶועט טְרַאכְטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ ווִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, וּבִפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דוּ זָאלְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת קוֹדֶם חֲתוּנָה הָאבְּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְלַיידְן אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַ פְּלַג גוּף, אַ הַאלְבְּן גוּף, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס יוּנְגֶער.

**הַלְוַואי** וָואלְטְן עֶלְטֶערְן פַארְשְׁטַאנֶען קִינְדֶער, סַיי בָּחוּרִים אוּן סַיי מֵיידְלֶעךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְן זֵיי חֲתוּנָה הָאבְּן, מֶען דַארְף נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיין כָּבוֹד

און אויף קַיין גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', נָאר מֶען דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן די קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט אֵיידֶער זֵיי וֶוערְן פַארְשְׁוֶוענְקְט אִין אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז הַיינְט דָא אויף דֶער וועלְט וְכוּ' וְכוּ'.

**זְוִיסְן** זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אוּיבּ דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אַז דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן און דוּ ווִילְסְט טוּהְן זַיין רָצוֹן, וֶועסְטוּ זֶעהְן סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ זִיווּג הָגוּן, נָאר זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ פוּן תְּפִלָּה, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, וֶוען אִידְן וָואלְטְן גֶעווּסְט וָואס תְּפִלָּה אִיז, וָואלְטְן זֵיי גֶערֶעדְט אַגַאנְצְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר מַחְמַת עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צִיצוּקוּמֶען צוּ דֶעם, אִיז כְּדַאי אָפְּזִינְדֶערְן זִיךְ אַ גֶעווִיסֶע שָׁעָה וָואס דֶעמָאלְט רֶעדְט עֶר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער דֶער שְׁלֵימוּת אִיז אַז פוּן זִינְט דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט אויף די אוֹיגְן וֶוען עֶר שְׁטֵייט אויף, בִּיז עֶר פַארְמַאכְט די אוֹיגְן וֶוען עֶר גֵייט שְׁלָאפְן זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר דִיבּוּרִים און רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**בִּפְרַט** אַ בָּחוּר וָואס דַארְף בֶּעטְן דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אויף אַ זִיווּג, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק ב' סִימָן י') עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִיווּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעזִינְטֶע בַּת זוּג, דוּ בִּיסְט נִישְׁט מְחוּיָב צוּ נֶעמֶען אַ

בַּעֲלַת מוּם וָואס מֶען ווִיל דִיךְ אָנְטְרָאגְן וְכוּ' וְכוּ', דוּ בִּיסְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גֶעזוּנְטֶער בָּחוּר, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט לָאזְן זִיךְ פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אִיז בִּיטֶער, אָבֶּער סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן לְטוֹבָה, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר טוּט אוּנְז מְחַזֵק זַיין, אוּן טוּט אוּנְז שְׁטַארְקְן, זָאלְסְטוּ מוֹרָא הָאבְּן פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, בֶּעט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט נִתְרַחֵק וֶוערְן פוּן אִים.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי אִיז דָא גְרוֹיסֶע הִתְנַגְדוּת אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן וֶוער עֶס וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִיק, וָוארוּם אוֹיב אֵיינֶער אִיז מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז דֶער צַדִיק הָאֱמֶת דֶעמָאלְט מֶעקְט עֶר אוֹיס דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם פוּן זִיךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין אַזַא מִין אֱמוּנָה אַזַא מִין גֶעטְלִיכְקֵייט דָאס מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

**זִויסְן** זָאלְסְטוּ וִויסְן דָאס בְּזֶה הָעוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס ס'גֵייט אִיבֶּער, ס'אִיז נִישְׁטָא קֵיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין צָרוֹת יִסוּרִים מְרִירוֹת מַכְאוֹבִים וְכוּ' וְכוּ', נָאר דֶער עִיקָר אִיז שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, אוּן דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דו זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין דִי יְשִׁיבָה, קוּק נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע רֶעדְן, סְ'אִיז אַ ווָאוּילֶע יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ שְׁטֵיי אִינְטֶער דֶעם, בִּפְרָט אַז אַלֶע בָּחוּרִים לֶערְנֶען עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען זֵיי חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן זֵיי פַארְפֶעלְן נִישְׁט קַיין אֵיין וָואךְ פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן לֶערְנֶען אַלֶע רַשִׁ"יִ'ס פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוּן סְ'אִיז אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם, וְוִי דֶער מְחַבֵּר זָאגְט (שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה) וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגוּם וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י; אַז עֶר לֶערְנְט הֵן רַשִׁ"י אוֹיף דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן הֵן דֶעם תַּרְגוּם, זָאגְן צַדִיקִים אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם צוּ לֶערְנֶען רַשִׁ"י אוֹיף דִי תּוֹרָה. אוּן זֵיי לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער דֶרֶךְ צוּ אַסַאךְ זָאגְן, נִישְׁט מִיד וֶוערְן, אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס טוּט אוֹיף פַאר דִי נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאלְסְט זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן

שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און דָאס וֶועט קִילְן דַיין יֵצֶר הָרַע וְכוּ', און דָאס וֶועט אויסְלֶעשְׁן דֶעם בְּרֶען און דֶעם פַייעֶר פון דִי שְׁמוּץ וָואס הָאט זִיךְ אִין דִיר אָנְגֶעקְלֶעבְּט, וָוארוּם וֶוען דִי בָּחוּרִים וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, וָואלְטְן זֵיי יֶעדְן טָאג דוּרְכְגֶעזָאגְט לְכָל הַפָּחוֹת אַ גַאנְצְן סֵדֶר אִין מִשְׁנָיוֹת, אַ בָּחוּר קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פִּיסְט און לֵיידִיג רוֹב טָאג און רוֹב נַאכְט, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט נֶעמֶען אַ מִשְׁנָיוֹת און זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ סֵדֶר אִין מִשְׁנָיוֹת, און אַזוֹי וֶועט עֶר יֶעדֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, עֶס קוּקְט אוֹיס ווִי אַ גוּזְמָא, אָבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים הָאבְּן דָאס בַּאוִויזְן, און דָאס הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פון דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ', פון טְרוֹיעֶרְקֵייט וְכוּ', און פון פוֹילְקֵייט וְכוּ', וָוארוּם זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אִיז אַ סְגוּלָה פַאר דִי נְשָׁמָה.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אוֹיבֶּעט אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס, זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף גְמָרָא אָן רַשִׁ"י און אָן תּוֹסְפוֹת, וָוארוּם בַּיים אָנְפַאנְג אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ בָּחוּר צוּ כַאפְּן דֶעם לִימוּד, אָבֶּער וֶוען עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר דַפִּים גְמָרָא, אִיז בַּיים סוֹף וֶוערְט עֶר צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי לְשׁוֹנוֹת פון דִי גְמָרָא, און עֶר זֶעהְט אַז סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער, און עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען דָא אַ רַשִׁ"י און דַארְטְן אַ רַשִׁ"י, און דָא אַ תּוֹסְפוֹת'ל וְכוּ', און דָא אַ תּוֹסְפוֹת'ל וְכוּ', בִּיז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען גְמָרָא רַשִׁ"י תּוֹסְפוֹת, וָואס דָאס אִיז דֶער נִצָּחוֹן פון אַ אִיד.

זְייסְן זָאלְסְטוּ וויסְן, כָּל זְמַן אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן וְכוּ' מַאכְט אוֹיף יֶעדְן טָאג דִי גְמָרָא, וֶוען עֶר בְּלַייבְּן אַ אִיד. אָבֶּער אַז עֶס גֵייט אַוֶועק אַ טָאג אָן לִימוּד גְמָרָא, וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעקִילְט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאזְט אַלֶעס טוּהְן נָאר נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין גְמָרָא, וָוארוּם גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אִים אִינְגַאנְצְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רי"ד) תַּלְמוּ"ד אִיז דִי גִימַטְרִיָא פוּן דִי קְלִיפָּה לִילִי"ת, וָואס אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אוּן נִישְׁט קוּקְן וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם, אָבֶּער שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ח) "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא", בִּיסְטוּ קְלוּג, בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם, זָאלְסְטוּ וויסְן דוּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ, נִישְׁט פוּן יֶענֶעם. אַז וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי דִיבּוּרִים אִין זַיין הַארְץ, אוּן עֶר אִיז דָאס מְקַיֵּים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועט אִים אַוַודַאי גוּט זַיין.

אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, זַיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ וֵויים וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיךְ דוּרְךָ וְכוּ', וְכוּ', אָבֶּער פָאלְג מִיר, זָאלְסְט זֶעהְן זַיין שְׁטַארְק אִין דִי דְרֵיי לִימוּדִים יֶעדְן טָאג, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד; וָואס הֵייסְט אַ

אָרֶעמַאן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט וָואס אָנְצוּטוּהְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן? דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא! אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) זֶעהְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן וָוארוּם דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶער עִיקָר וָואס דוּ דַארְפְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט דִיךְ גְרִינְגֶער אָנְקוּמֶען צוּם טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. אַ בָּחוּר וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן לִיסְטִיג, דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ זְרִיזוּת, אוּן עֶר צִיט אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף אַ מוֹרָא'דִיגְן חֵן, מֶענְטְשְׁן קוּקְן אַרוֹיף אוֹיף אַ בָּחוּר וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן לִיסְטִיג אוּן עֶר אִיז אַ זָרִיז פְלִינְק וְכוּ' וְכוּ', עֶר אִיז נִישְׁט פוּיל וְכוּ' וְכוּ', עֶר אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ סְפֶּעשְׁל חֵן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אֱמֶת טַאטֶע מַאמֶע לָאזְן דִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אִין דִי טֵייעֶרֶע יְשִׁיבָה וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דִי יְשִׁיבָה אִיז וְכוּ', מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף דִי יְשִׁיבָה כְּאִילוּ וֶוער וֵוייסְט וָואס מֶען טוּט דָארְטְן, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אוּן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין

אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת לֵיידֶער, אִיבֶּערְדֶעם מִיט דִי זַאךְ דַארְפְסְטוּ זֵיי נִישְׁט פָּאלְגְן, דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין דִי יְשִׁיבָה אוּן לֶערְנֶען דָארְטְן, אוּן זָאגְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, טַאטֶע מַאמֶע אִיךְ הָאבּ עֶנְק זֵייעֶר לִיבּ, אָבֶּער אִין דִי יְשִׁיבָה לֶערְן אִיךְ, אוּן אַ אַנְדֶערֶע יְשִׁיבָה לֶערְן אִיךְ נִישְׁט וְכוּ'.

אוּן דָאס וָואס זֵיי טַעְנֶה'ן אַז בָּחוּרִים דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט אֵיי פַּאדְ'ס אוּן מִיט אַנְדֶערֶע מַכְשִׁירִים וְכוּ', זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת, אַז לֵיידֶער בָּחוּרִים זֶענֶען אַזוֹי גֶעפַאלְן, זֵיי טְרָאגְן זִיךְ אַרוּם אִין קֶעשֶׁענֶע סֶעלְפָאוֹנְ'ס וְכוּ', אֵיי פַּאד וְכוּ', וָואס אִיז מְחוּבָּר צוּ אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ', אוּן מֶען זֶעהְט אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ', עֶלְטֶערְן שְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט פָּאר וָואס עֶס טוּט זִיךְ הַיינְט, נָאר זֵיי הָאבְּן אַרוּיפְגֶעלֵייגְט אַ נַאסְן לַיילֶעךְ וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַ שְׁמוּצִיגְ'ן נָאמֶען אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט וְכוּ', דִי פַּאקְט אִיז אַז דָא זֶענֶען אַלֶע בָּחוּרִים מַתְמִיד בְּלִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, בִּיז סְ'אִיז דָא בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען מְסַיֵּים יֶעדֶע וָואךְ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וָואס דָאס אִיז אֲפִילוּ אַן אַלְטֶער אִיד וָואס הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעלֶעבְּט זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אֲפִילוּ אֵיינְמָאל צוּ עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דָא אַ יוּנְגֶער בָּחוּרְ'ל עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וְעַל כּוּלָם מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל דַפִּין גְמָרָא, אוּן מֶען אִיז מְסַיֵּים שַׁ"ס וְכוּ' וְכוּ'.

**אַוַודַאי** און אַוַודַאי אִיז דָא לֵצִים, זֵיי זָאגְן סְ'הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וְכוּ', סְ'אִיז נָאר זָאגְן וְכוּ', הַלְוַואי וָואלְט יֶעדֶער אִיד זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו, וּבַּאֲרִיכוּת בְּקוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד), אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט זֵייעֶר נִזְהָר זַיין אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין טַאטְן און מַאמֶען, און דוּ זָאלְסְט זֵיי מַסְבִּיר זַיין אַז דוּ ווִילְסְט פַארְבֶּעסֶערְן זִיךְ אִין אַלֶע אִינְזִיכְטְן וּבִפְרַט אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, און דוּ זָאלְסְט טַאקֶע אַזוֹי טוּהְן, און טַאטֶע מַאמֶע וֶועלְן זֶעהְן אַז דוּ בִּיסְט זֵיי מְכַבֵּד וֶועלְן זֵיי דִיךְ אָפְּלָאזְן, און זֵיי וֶועלְן דִיךְ לָאזְן לֶערְנֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה וָואס אוּנְז הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט.

וָוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעהַאט גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת פוּן זַיין טַאטֶע מַאמֶען, פוּן זַיין שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער, וָוארוּם דֶעמָאלְט הָאט מֶען אוֹיבֶּעט גֶערֶעדְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן כָּל דָבָר אָסוּר וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז אַזוֹי מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער מְסִירוּת נֶפֶשׁ, פְלֶעגְט זִיךְ דֶער טַאטֶע אוֹיפְהֵייבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן'ן וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּב, און עֶר פְלֶעגְט אִים רוּפְן ר' נָתָן, אַ טַאטֶע זָאל רוּפְן דֶעם זוּהְן ר' דָאס אִיז אַ זֶעלְטֶענֶע זַאךְ, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט בֶּעטְן דֶעם טַאטֶען, טַאטֶע דוּ בִּיסְט דָאךְ מַיין טַאטֶע, וָואס שְׁטֶעלְסְטוּ זִיךְ אוֹיף פַאר מִיר, טַאטֶע וָואס בִּיסְטוּ מִיר אַזוֹי מְכַבֵּד, אִיךְ

בִּין דָאךְ דַיין זוּהְן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דֶער טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט
'גְלֵייבּ מִיר דוּ בִּיסְט מִיר מֶער מְכַבֵּד ווִי אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער'.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אוֹיבּ מֶען שְׁוַויינְט אָפּ אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס מֶען לַיידְט בַּיים אָנְפַאנְג אוּן מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ מְכַבֵּד זַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען, וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוֹות עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ", נָאר מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ לֶערְנֶען אִין דִי יְשִׁיבָה, אוּן מֶען טוּט זֵיי אַ נַחַת רוּחַ, כָאטְשֶׁע בַּיים אָנְפַאנְג הָאבְּן זֵיי צַעַר וָוארוּם פִּיסְטֶע לֵיידִיגְגֵייעֶרְס פִּיסְטֶע בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת רֶעדְן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ' וְכוּ', וָואס דֶער אֶמֶתְ'ן אַרַיין אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אִין אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת הַאלְטְן בָּחוּרִים אֵיי פַּאדְ'ס וְכוּ', וָואס אִיז מְחוּבָּר צוּ אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ', זֵיי קוּקְן צַאם אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ', אוּן דָא אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה לֶערְנֶען דִי בָּחוּרִים מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, מֶען קֶען גֵיין קוּקְן וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען אָפְּשְׁוַוייגְן, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער עִיקֶר תְּשׁוּבָה אִיז לִשְׁמוֹעַ בִּזְיוֹנוֹ וְידּוֹם וְיִשְׁתּוֹק; צוּ הֶערְן זַיין בִּזָיוֹן אוּן אָפְּצוּשְׁוַוייגְן, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי דִיבּוּרִים אִין זַיין הַארְץ, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מְקַיֵים וָואס דָא שְׁטֵייט, וֶועט דִיר גוּט זַיין, אוּן דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב אַ חָתָן וֶוערְן.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שעג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה ט"ז חֶשְׁוָן ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** נִישְׁט אָנְצוּבְּרֶענְגְן דִי צַייט, סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וָואס עֶס הַארְגֶעט אַוֶועק דִי מֶענְטְשׁ בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחְנִיוּת וִוי מְבַטֵּל זַיין דִי צַייט מִיט שְׁטוּתִים אוּן הַבָלִים וְכוּ' וְכוּ'.

**דִי** חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט.) הַבְּטֵילָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם (שִׁגָעוֹן) וְלִידֵי זִימָה וְכוּ', דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ בַּטֶל'ט דִי צַייט דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אַלֶע נַארִישְׁקֵייט, אוּן צוּ טוּהְן אַלֶע שְׁמוּץ, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט קַיין צַייט צוּ טוּהְן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ', אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף גְרָאבֶּע שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען, נִישְׁט זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן לֵיידִיג, עֶפֶּעס זָאלְסְטוּ טוּהְן, אָדֶער לֶערְנֶען אָדֶער דַאוֶוענֶען אָדֶער מְקַיֵים זַיין מִצְווֹת, אָדֶער רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן מְחַזֵק זַיין מֶענְטְשְׁן מְמֵילָא וֶועסְטוּ אַלֵיין נָאכְדֶעם הָאבְּן חִיזוּק.

**זֶעה** אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דָאס יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע

שְׁטַארְבְּט עֶר אָפּ וְכוּ׳, וָוארוּם אַ טָאג וָואס אִיז אַוֶועק וֶועט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען, ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּסוּקִים מִקְרָא, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַפָּאר דַפִּים גְמָרָא, אוּן אַפָּאר סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, יֶעדֶער אֵיינֶער וִויפִיל עֶר קֶען מַרְבֶּה זַיין בְּשִׁיעוּרֵי תּוֹרָה, וָוארוּם דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה דָאס אִיז דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים׳ס חָכְמָה, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה גֵייט עֶר אַרַיין אִין דֶעם חָכְמָה פוּן דֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אִיבֶּערְדֶעם זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַז דוּ וֶוערְסְט מִיד גֵיי לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן, אַז דוּ וֶוערְסְט הוּנְגֶערִיג גֵיי עֶסְן, נָאר נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגְן דִי צַייט מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים.

מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס הֵייסְט פַארְבְּרֶענֶען דִי צַייט, אַז ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְן זֵייגֶער אוּן עֶר זֶעהְט ווִי ס׳גֵייט אַוֶועק אַ שָׁעָה נָאךְ אַ שָׁעָה בְּמֶשֶׁךְ דֶעם מֵעֵת לְעֵת, אוּן ווארויל אוּן ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר כַאפְּט אַרוֹיס יֶעדֶע שָׁעָה אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם נָאר דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין רָגִיל קוּקְן אוֹיפְן זֵייגֶער, מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל הָאט גֶעהַאט אוֹיף יֶעדְן וַואנְט אַ זֵייגֶער, כְּדַאי עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג זֶעהְן ווִי ס׳רוּקְט זִיךְ דִי מִינוּטְן אוּן דִי שָׁעוֹת וְכוּ׳, אוּן עֶר זָאל אַרַיינְכַאפְּן טוֹב אַמִתִּי וְנִצְחִי, אוּן אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן זָאגְן

אויף דֶעם אַ רֶמֶז 'אֵין לְךָ אָדָם שֶׁאֵין לוֹ שָׁעָה' אויב מֶען הָאט נִישְׁט קַיין זֵייגֶער קוּקְן יֶעדֶע שָׁעָה אָנְפִילְן מִיט עֶפֶּעס גוּטְס וְכוּ' דֶער אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ. עֶס זֶעהְט אוֹיס ווִי אַ פָּשׁוּטֶע זַאךְ צוּ קוּקְן יֶעדֶע שָׁעָה מֶען זָאל אַרוֹיסְכַאפְּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ, אָבֶער דֶער אֱמֶת'ן אַריין ווֶער עֶס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ דֶעם, הָאט אֲרִיכוּת יָמִים וּשְׁנַיִם, עֶר הָאט אַ לַאנְגֶען טָאג, אוּן עֶר כַאפְּט אַרוֹיס טוֹב אַמִתִּי וְנִצְחִי.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שעד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה י"ז חֶשְׁוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר.

דוּ דַארְפְסְט מַאכְן פַאר זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן דוּ בִּיסְט קֵיינֶעם נִישְׁט שׁוּלְדִיג גָארְנִישְׁט, גֶעווֶענְלִיךְ ווֶען אֵיינֶער פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ פַאר יֶענֶעם דָאס ווַייזְט אַז עֶר אִיז יֶענֶעם שׁוּלְדִיג וְכוּ' וְכוּ', אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם מַחֲשָׁבָה אַז מֶען אִיז יֶענֶעם שׁוּלְדִיג, דָאס הַארְגֶעט אַוֶועק דִי לֶעבְּן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֶעדֶענְקְן עֶר הָאט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן נָאר אִים אִיז עֶר

שׁוּלְדִיג דֶעם לֶעבְּן, אוּן נָאר אִים דַארְף עֶר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה י"ד סִימָן ט') עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה שֶׁאָדָם נוֹשֵׁם צָרִיךְ לְקַלֵּס לְבוֹרֵא מַאי טַעְמָא (תְּהִלִּים קנ) "כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ" כָּל הַנְשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ; אוֹיף יֶעדְן אָטֶעם דַארְף מֶען לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אוּן עֶר גֶעבְּט אִין אוּנְז אוּן עֶר וֶועט אוּנְז גֶעבְּן דֶעם לֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט זֶעהְן פוּן הַיינְט אָן גוּט גֶעדֶענְקְן, שׁוּלְדִיג בִּיסְטוּ קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִים דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אִים דַארְפְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ ווִילְסְט אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט וְכוּ' וְכוּ'.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי מַחֲשָׁבָה אַז עֶר הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעבְּן, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ אוּמְגְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ ווִי אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעם וְכוּ', הֵין פַאר גֶעלְט, אוּן הֵין פַאר זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעבְּרוֹיכְן וְכוּ', (וָואס ס'הֵייסְט בְּלַעַ"ז עֶטֶענְטְשְׁן), אוֹיבּ אֵיינֶער דַארְף הָאבְּן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן אִים שֶׁעצְן אָדֶער הַאלְטְן פוּן אִים וְכוּ', אָדֶער אִים גֶעבְּן כָּבוֹד, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ טוֹבוֹת פוּן יֶענֶעם, בִּפְרַט וֶוען עֶר דַארְף הָאבְּן דֶעם כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם אוּן יֶענֶער זָאל פוּן אִים הַאלְטְן, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ,

ער לֶעבְּט נִישְׁט זַיין לֶעבְּן, עֶר לֶעבְּט יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן, אוּן ס'אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען צוּ זַיין רַייךְ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תָּמִיד לב.) אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵייעֶן מִיט וָואס עֶר הָאט, לְהֵיפֶּךְ וָואס הֵייסְט אַ אָרֶעמַאן, זָאגְן דִי חֲזַ"ל (נְדָרִים מא.) אֵין עָנִי אֶלָּא בְּדֵעָה; אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל דֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן, וֶוען אֵיינֶער דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעם אַז יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן תְּשׂוּמַת לֵב (בְּלַעַ"ז עֶטֶענְטְשְׁן) מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן מִיט אִים צוּטוּהְן, מֶען זָאל אִים גֶעבְּן כָּבוֹד, מֶען זָאל אִים לוֹיבְּן אוּן רוּהְמֶען וְכוּ' וְכוּ', דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין וְכוּ'.

מִיר דַארְפְן לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר עֶר פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִּין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ רִירְט נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אָן רְשׁוּת פוּן אוֹיבְן, גָארְנִישְׁט וֶוערְט גֶעטוּהְן אָן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוער ס'הָאט דִי אֱמוּנָה דֶער לֶעבְּט מִיט אַ גַדְלוּת הַמּוֹחִין, מִיט אַ גְרוֹיסְן מוֹחַ, מִיט אַ פַארְצְווַייגְטְן שֵׂכֶל, לֶעבְּט נִישְׁט

מְצוּמְצָם'דיג וֶוער ס'הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן דֶער אִיז דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, דֶער מֹחַ זַיינֶער אִיז מְצוּמְצָם און עֶר דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעם, אַז יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן תְּשׂוּמַת לֵב (בְּלַעַ"ז עֶטֶענְטְשְׁן).

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, גֵיי אַרוֹיס פוּן קַטְנוּת הַמּוֹחִין, דוּ בִּיסְט קֵיינֶעם נִישְׁט שׁוּלְדִיג קַיין תֵּירוּצִים, און דוּ דַארְפְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן, דוּ הָאסְט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און אִים בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג אַלְסְדִינְג. וֶועסְטוּ אָנְנֶעמֶען מַיינֶע דִיבּוּרִים וֶועסְטוּ לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, חָלִילָה וְחַס אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אַקֶעגְן דִי דִיבּוּרִים, זָאלְסְטוּ ווִיסְן בִּיסְטוּ דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

**אִיךְ** הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן מַיינְ'ס און דוּ טוּה וָואס דוּ ווִילְסְט, דִי בְּחִירָה אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט 'דֶער גְרֶעסְטֶער וואוּנְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז בְּחִירָה' דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אָט בִּיסְטוּ מַסְבִּיר אַ מֶענְטְשׁ מִיט אָפֶּענֶעם שֵׂכֶל עֶר זָאל ווִיסְן ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, און אָט קוּמְט אַן אַנְדֶערֶער און פַארְדְרֵייט אִים דֶעם קָאפּ און זָאגְט אִים פּוּנְקְט פַארְקֶערְט און עֶר פִירְט אִים אַרַיין אִין בְּלָאטֶע וְכוּ' וְכוּ', וֶוער אִיז אִים שׁוּלְדִיג?, אוֹיבּ עֶר אִיז זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט שׁוּלְדִיג וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן זָאל מֶען בֶּעטְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען מֶען דַארְף הָאבְּן זָאל מֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דֶער וָואס עֶר פִּירְט זִיךְ אַזוֹי דֶער הָאט גַדְלוּת הַמּוֹחִין.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו) **אַ עֵצָה** צוּ קוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין אִיז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק צוּ זַיין אַנְדֶערֶע, אַז מֶען אִיז מְחַזֵק אַ אַנְדֶערֶע הָאט מֶען אַלֵיין הִתְחַזְקוּת, וָוארוּם דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט מִיט יֶענֶעם קְלַאפְּט אָפּ צוּ זִיךְ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ד) ס'אִיז דָא אַ אוֹר יָשָׁר אוּן אַ אוֹר חוֹזֵר, וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט יֶענֶעם קְלַאפְּט צוּרִיק דִי דִיבּוּרִים צוּ זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען אִיז מְחַזֵק אוּן מֶען אִיז מְשַׂמֵחַ יֶענֶעם, וֶוערְט מֶען אַלֵיין מְחוּזָק אוּן אַלֵיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאף דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ רֶעד אוּן וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אוּן דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵים זַיין.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שעה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר חַיֵי שָׂרָה י"ט חֶשְׁוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**נָאכְדֶעם** וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעהֶערְט בֵּיידֶע צְדָדִים וְכוּ' וְכוּ' מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ

שְׁרַייבְּן וֶועגְן עִנְיָנֵי צְנִיעוּת וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דוּ דַארְפְּסְט פַארְשְׁטֵיין אַז אַ מַאן הָאט הִתְחַיְּיבוּת וְכוּ', צוּ זַיין ווייבּ וְכוּ', אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ר"מ), אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זֶעהְן צוּ זַיין אָפֶּען מִיט דַיין ווייבּ וְכוּ' וְכוּ', אוּן נִישְׁט קְרִיגְן זִיךְ מִיט אִיר, נָאר מְכַבֵּד זַיין אִיר, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דִי ווייבּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין דִי כָּבוֹד פוּן דִי ווייבּ, זִי לַיידְט זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת, צַעַר עִיבּוּר, צַעַר לֵידָה, צַעַר גִידוּל וְכוּ' וְכוּ', ווִידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן רס"ג) דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת פוּן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק, וָוארוּם ס'גֵייט אִים אִין לֶעבְּן מַכְשִׁיל צוּ זַיין אַ יוּנְגֶערְמַאן מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע חֲטָאִים, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת קוּמְט מֶען צוּ גְרוֹיסֶע חֲטָאִים וְכוּ' וְכוּ'.

דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', מִכָּל שֶׁכֵּן דִי וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע פַארֶעכֶעס וְכוּ', פְּשׁוּטֶע לֵיידִיגְגֵייעֶר'ס וְכוּ', פְּשׁוּטֶע לֵצִים וְכוּ', זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ דָא מִיט נְפָשׁוֹת וְכוּ', זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט גֶעפִילְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, ס'הָאט זֵיי אָפְּגֶעקָאסְט דִי עֶלְטֶערְן אַ וֶועלְט מִיט גֶעלְט, זֵיי

הָאבְּן זִיךְ בַּא׳חוֹבוֹתְ׳ט כְּדֵי חֲתוּנָה מַאכְּן דִי יוּנְג פָּארְפָאלְק, עֶס פַּאסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אַ מִיס-פַארְשְׁטֶענְדֶענִיש וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז נָארְמַאל, וָוארוּם זֵיי קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעס פוּן גֶעלְט אָדֶער כָּבוֹד וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן פְּרָאבִּירְט צוּ מַאכְן בַּיי זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זֵיי אוֹיפְקְלֶערְן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעווּסְט בִּיז יֶעצְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה, סְ׳אִיז נִישְׁט קַיין בִּזָיוֹן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט וַאֲנִי יָדַי מְלוּכְלָכוֹת בְּדַם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי לְטַהֵר אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ; דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אַזֶעלְכֶע פָּארְפָאלְקְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי מִיט דִי הַאקֶלְדִּקֶע עִנְיָנִים אַלֶעס כְּדֵי מְטַהֵר זַיין אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ כְּדֵי סְ׳זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֵייט צוּ אִינְגֶעלַייטְ׳לֶעךְ וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ׳ס וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע לֵצִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶרֶעסִירְט אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, זֵיי זֶענֶען אִינְטֶרֶעסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי וָואס מֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען פַּיינִיגְן דָאס פָּארְפָאלְק, אוּן זֵיי גֶענִיסְן פוּן דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן דִי פָּארְפָאלְק וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין בִּכְתָב, אָבֶער דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר גֶעט אַכְטוּנְג פוּן אַזֶעלְכֶע שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ׳ס וְכוּ׳, זֵיי מֵיינֶען נִישְׁט עֶנְקֶער אִינְטֶערֶעס,

אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, זֶעה מַאךְ שָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ, און עֶטְץ זָאלְטְס זַיין אָפְּן אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, און עֶטְץ זָאלְטְס זִיךְ חָלִילָה וְחַס נִישְׁט קְרִיגְן, און נִישְׁט אָנְמַאכְן קַיין עַגְמַת נֶפֶשׁ נִישְׁט פַאר זִיךְ און מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן נִישְׁט אָנְמַאכְן עַגְמַת נֶפֶשׁ פַאר דִי עֶלְטֶערְן. דִי עֶלְטֶערְן עֶנְקֶערֶע הָאבְּן גֶעהַאט פוּן עֶנְק גֶענוּג, פוּן זִינְט עֶטְץ זֶענְטְס גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בִּיז מֶען הָאט עֶנְק גֶעפִירְט צוּ דִי חוּפָּה, יֶעצְט זָאלְט עֶטְץ מְקַיֵּים זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ב׳ כ״ד) ״עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד״ הָאבּ אִיךְ גֶעטַייטְשְׁט פָּשׁוּט, ״עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ״ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער עֶפֶּעס אַן אִיבֶּערְגֵייעֶכְטְץ צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ, לָאזְט אָפּ טַאטֶע און מַאמֶע, מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין טַאטְן מַאמֶען, זֵיי הָאבְּן גֶענוּג גֶעלִיטְן פוּן עֶנְק וֶוען עֶטְץ זֶענְטְץ גֶעוֶוען יוּנְג, נָאר ״וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ״ אִיר זָאלְט צְווִישְׁן זִיךְ זֶעהְן אַדוּרְכְקוּמֶען, צְווִישְׁן זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן, וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צְווִישְׁן זִיךְ דוּרְכְקוּמֶען און רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ, און קוּמֶען צוּ גוּטֶע הַחְלָטוֹת וְכוּ׳, זֶענְט אִיר זִיךְ גוֹרֵם פַאר זִיךְ אַ גוּט לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, און אִיר זֶענְט גוֹרֵם נַחַת פַאר דִי עֶלְטֶערְן, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלִיטְן גֶענוּג וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז אַ אִיד דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, און דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגְן יִשּׁוּב הַדַּעַת, דֶעמָאלְטְס וַוייסְט עֶר וויאַזוֹי זִיךְ צוּ

פִירְן מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד, עֶר אִיז אִיר מְקַרֵב וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין קֵיינֶעם און עֶנְקֶער צוּזַאמְלֶעבְּן, זֶעהְט צוּ זִיךְ פַארְגְלַייכְן.

דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶועֶן שָׁלוֹם בַּיִת, מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, וָוארוּם אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז אַלֶעם וֶועט גֵיין וִוי סְ׳דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ רֶעד און וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ, און וָואס אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג בָּרַבִּים, דָאס אִיז עִיקְרֵי עִיקְרִים אִין אִידִישְׁקֵייט און צוּזַאמְלֶעבְּן, אַז ווארויל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי דִיבּוּרִים אִין זַיין הַארְץ, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שעו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה י״ט חֶשְׁוָן ה׳תשע״ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל כְּלָלִי דְמוֹסְדוֹת ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״ ווילְיַאמְסְבּוּרְג.

הַיינְט בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאךְ אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה, וֶוענְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יַבְנְאֵל,

וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין דָארְטְן אִיבֶּער זִיבְּן הוּנְדֶערְט קִינְדֶער כֵּן יִרְבּוּ, נָאר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע אַלֵיין, אוֹיסֶער אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה אוּן אַ יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה אוּן צְוֵויי כּוֹלְלִים, וָואס וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס דָאס מֵיינְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַזַא פַּארְנֶעם אִין אַ ווִיסְטֶע שְׁטֶעטְל ווִי יַבְנְאֵל אִיז גֶעוֶוען, וָואס דָארְט הָאט מֶען אוֹיסְגֶע'שְׁמַד'ט צְוֵויי הֵיילִיגֶע עֵדוֹת, דִי תֵּימָנֶ'ע אִידְן אוּן דִי תּוּנִיסֶ'ע אִידְן, אוּן דַוְוקָא אִין דֶעם רוּחְנִיוּת'דִיגֶע אוֹיסְווִייז וְכוּ', הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע מוֹסְדוֹת דָאס אִיז אַ חִידוּשׁ שֶׁבְּחִידוּשִׁים, צְווִישְׁן אַזֶעלְכֶע פַּארְבִּיסֶענֶע מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים שׂוֹנְאֵי הַדָּת זָאל מֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ קְהִלָּה קְדוֹשָׁה וָואס צֵיילְט שׁוֹין קָרוֹב צוּ פִיר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע ווָאוּנְדֶער.

**אָבֶּער** אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דָאס אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר מֶער פוּן אַלְדִינְג, דָאס אוּנְזֶערֶע לַייט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב, הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא שֵׁיינֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע יְשִׁיבָה, וָואס לֶערְנֶען דָארְטְן בָּחוּרִים מִיט אַן אוֹיסֶער גֶעוֶוענְלִיכֶע הַתְמָדָה.

**אָבֶּער** יֶעצְט אִיז מַיין שִׂמְחָה גָאר גְרוֹיס וָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע מֵיידְל שׁוּלֶע, וָואס דָאס אִיז אַ חִידוּשׁ שֶׁבְּחִידוּשִׁים וְכוּ', אַזַא זַאךְ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען צְווִישְׁן בְּרֶסְלְבֶ'ער חֲסִידִים, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט,

פַארְוָואס מַאכְט אִיר נִישְׁט עֶנְקֶערֶע פְרוֹיעֶן פַאר חֲסִידוּת׳טֶעס? עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז זַיין זַאךְ זָאל זַיין אִין גַאנְצְן שְׁטוּב, סַיי דָאס וַוייבּ סַיי דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דִי שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ פִירְן אוֹיפְן דֶרֶךְ הָאֱמוּנָה, וָואס עֶר הָאט אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעפְלַאנְצְט, אוּן בָּרוּךְ ה׳ אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן יֶעצְט אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אִין אוּנְזֶער דוֹר, וְוִי רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים מִסַאטְמַאר זי״ע בַּעַל ״דִבְרֵי יוֹאֵל״ בְּרֶענְגְט אִין זַיין הֵיילִיג סֵפֶר ״וַיוֹאֶל משֶׁה״ (מַאֲמַר לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ סִימָן מ״א) דָאס אִין אוּנְזֶער דוֹר דַארְף מֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בֵּית חִינוּךְ פַאר מֵיידְלֶעךְ, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִינִים וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ זֵיי, צוּם בַּיישְׁפִּיל הִלְכוֹת שַׁבָּת וָואס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ, אוּן דִינֵי בְּרָכוֹת וָואס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, אוּן אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת וָואס אִיז שַׁיָיךְ פַאר מֵיידְלֶעךְ אוּן פְרוֹיעֶן וְכוּ׳, אוּן דֶער עִיקָר אִיז אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זֵיי זָאלְן אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי אָבוֹת נְזִיקִין וְכוּ׳, וָואס טוּט זִיךְ הַיינְט אוֹיפְ׳ן גַאס, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר הִיטְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין גֶעץ פוּן מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים אוּן אוֹיסְגֶעלַאסְנְקֵייט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט זֵיי וְוִי זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן בִּצְנִיעוּת וְכוּ׳ עַיֵין שָׁם.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, דָאס נָאךְ גְרוֹיס מִיה אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מֵיידְל שׁוּלֶע ״בֵּית פֵיגָא״, אוֹיפְ׳ן

נָאמֶען פוּן דִי מַאמֶע פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס זִי אִיז גֶעוֶוען אַ טָאכְטֶער פוּן אָדְל ע"ה, וָואס זִי אִיז גֶעוֶוען אַ טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַייךְ גֶעבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה מִיט דִי מֵיידְל שׁוּלֶע, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּמִדְבָּר רַבָּה פָּרְשַׁת נָשֹׂא) 'וְיִשְׁמְרֶיךָ' בִּבָנוֹת, שֶׁצְּרִיכוֹת שְׁמִירָה; וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר, וָואס עֶס הֶערְשְׁט אַזַא הֶפְקֵירוּת וְכוּ' וְכוּ', דַארְף מֶען אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, כְּדֵי זֵיי זָאלְן בַּאהִיט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט וָואס אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ אוּן זָאגְן אֵיינֶער פַארְן אַנְדֶערְן "מֶען דַארְף זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר נִישְׁט דַארְפְן זִיכְן שִׁידוּכִים פוּן דֶער פְרֶעמְד".

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַייךְ גֶעבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה, אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי מֵיידְל שׁוּלֶע, אַזוֹי ווִי אִיר הָאט גֶעהַאט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה מִיט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה.

**שְׁטַארְק** זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ שַׁאפְן דִי נוֹיטִיגֶע גֶעלְטֶער וָואס סְ'פֶעלְט אוֹיס אוֹיפְצוּהַאלְטְן אַזֶעלְכֶע ווִיכְטִיגֶע מוֹסְדוֹת אוֹיפְן נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג, אוּן שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין.**

# שעז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה כ' חֶשְׁוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אִיז אוֹיף אַ בָּחוּר אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלַייגְט זִיךְ אוֹיף אַ בָּחוּר מֶער ווִי אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, וָוארוּם כָּל זְמַן מֶען אִיז אַ פְּלַג גוּף (אַ הַאלְבֶּער גוּף) דָאס הֵייסְט מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז מֵעִיד (בְּרֵאשִׁית ב') "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ אֶעֱשֶׂה לוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ" אֵיינֶער וָואס אִיז אַלֵיין אִיז אִים נִישְׁט גוּט, וָוארוּם עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ בָּחוּר דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעטְן נָאר אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אַז עֶר זָאל זוֹכֶה חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס פְּרִיעֶר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אַז מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס יוּנְגֶער אוּן וָואס שְׁנֶעלֶער, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט צוּפִיל קְלוֹיבְּן וְכוּ' וְכוּ'.

גֶעוְואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, כְּדֵי אַז בִּיז פְרַייטָאג זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַדוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא

וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, מֶען הֶערְט לֵיידֶער אַזוֹי פִיל בָּחוּרִים וֶוערְן פַארְכַאפְּט וְכוּ', אַלֶעס ווַייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אַז וואויל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר אִיז מַקְפִּיד יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, דֶער וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַחֲשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

דוּ דַארְפְּסְט ווִיסְן, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אִים קוּמְט אַרוֹיף קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר הָאט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְּסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, דוּ זָאלְסְט גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְט צוּ יֶעדֶעם וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט, אוּן דֶער עִיקָר תְּפִלָּה דַארְף זַיין אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דָאס הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, דֶעם עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ ווִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן דָארְטְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דֶעם שְׁפְּרַאךְ וָואס אִיז אִים נָאנְט צוּם הַארְץ, מִיר זֶענֶען גֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אִידִישׁ, דַארְפְן מִיר רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן

ק) אַז אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט אָנְנֶעמֶען וְכוּ', פַארְוָואס? וַוייל צוּ דֶעם מוּז מֶען הָאבְּן אַ לוּיטֶערֶע אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) בֶּאֱמֶת וֶוען אַ אִיד וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים בַּיי אִים לֶעבְּן אִים, וָוארוּם מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דֶעמָאלְטְס וָואלְט עֶר זֵייעֶר נִזְהָר גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן חַבֵר, נָאר וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע לוּיטֶערֶע אֱמוּנָה וְכוּ', עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז כִּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַארְשְׁטֶעקְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אִין דִי עוֹלָמוֹת וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּ אִים, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַלֶעס וָואס מֶען זֶעהְט אוּן וָואס מֶען הֶערְט אוּן וָואס מֶען שְׁפִּירְט אַלֶעס אִיז אֱלֹקוּת, וָוארוּם דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** מַאךְ פוּן דֶעם אַלֵיין אַ תְּפִלָּה, אוּן בֶּעט זִיךְ
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן
אַז אִיךְ שְׁפִּיר דִיךְ נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם רֶעד אִיךְ נִישְׁט צוּ דִיר,

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס גַאנְץ הַארְץ צוּ דִיר, אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר דוּרְךְ, וָוארוּם עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער אִין לֶעבְּן, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם נָע וְנָד, אַזוֹי וִוי אַ פַארְבְּלָאנְזְשֶׁעטֶע שֶׁעפְּסְל וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית, וָואס דָאס אִיז מִיר מְטַמְטֵם דֶעם מֹחַ אוּן דָאס הַארְץ, בִּיז אִיךְ הָאבּ קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶפְן מִיר דָאס הַארְץ אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן צוּ דִיר אוּן בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן, בִּיז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה וְכוּ' וְכוּ'.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, כָאטְשֶׁע בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אָבֶער זָאלְסְט וִויסְן אַז קַיין שׁוּם דִיבּוּר וֶוערְט נִישְׁט פַארְפַאלְן, יֶעדֶעס דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וֶוען אַ אִיד וָואלְט גֶעוְויסְט וָואס זַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן גֶעבֶּעטְן טוּעֶן אוֹיף אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָואלְט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע רְכִילוּת אוּן לֵיצָנוּת, נָאר עֶר וָואלְט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואלְט עֶר

גֶעוֶוען אַזוֹי דָבוּק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר וָואלְט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') אַז דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי צַדִיקִים אַז זֵיי זֶענֶען אַזוֹי דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אֲפִילוּ וֶוען זֵיי רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵיי אִינְזִינֶען נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דֶער צַדִיק רֶעדְט צוּ זֵיי, אָבֶּער דֶערְוַוייל רֶעדְט עֶר דֶעמָאלְטְס צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה.

דֶער אֱמֶתְ'ן אַרַיין זֶענֶען מִיר נָאךְ קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וְכוּ', זֵייעֶר פָּגוּם וְכוּ', מִיר הַאלְטְן זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם וְכוּ', מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר אִיר זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, וָוארוּם דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ; מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וָוארוּם הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נִסָיוֹן אוֹיף פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט אַלְסְדִינְג בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פִיל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת פוּן כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶה, וּבִפְרַט אַז מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מַלְכוּת הַמִינוּת וָואס זֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ אַקֶעגְן אִידִישְׁקֵייט, אוֹיסְצוּרַייסְן פָּשׁוּט אִידִישְׁקֵייט, מֶען אִיז מַעֲבִיר עַל הַדַת יֶעדְן טָאג אִיבֶּער אַ מִילְיָאן אוּן אַ הַאלְבּ קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן מֶען לָאזְט נִישְׁט צוּ, זֵיי זָאלְן קֶענֶען זָאגְן פָּשׁוּט "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַוַיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הַוַיָ"ה אֶחָד", אוּן קֵיינֶעם שְׁטֶערְט דָאס

נִישְׁט, סְ'גֵייט אַזוֹי דוּרְךְ אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גָארְנִישְׁט, אוּן לֹא בְּחִינָם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה אוּן סִימָן ר"כ) אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אַז פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן אַרַיינְפַאלְן אִין כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, זֵיי וֶועלְן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַנְדֶערֶע וֶועלְן בִּכְלַל נִישְׁט גְלֵייבְּן רַחֲמָנָא לִישֵׁיזְבָן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען הַיינְט רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, הֵן מִיט זִיךְ אוּן הֵן מִיט אַ חַבֵר שְׁטֶענְדִיג נָאר רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אִים יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לָעַד, דָאס אִיז אַלֵיין אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט אֱמוּנָה דָאס אִיז אַלֵיין אֱמוּנָה, אוּן וָואס מֶער מֶען רֶעדְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט בַּיי אִים דִי אֱמוּנָה.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מְקַיֵים זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר דָא גֶעבֶּעטְן, וָוארוּם סְ'אִיז אוֹיף דִיר אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, דוּ בִּיסְט עֶלְנְד אַלֵיין, קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דִיר, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן קֵיינֶער רֶעדְט דִיךְ נִישְׁט קַיין שִׁידוּכִים וְכוּ' וְכוּ', דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אָן כַּוָּונָה, נָאר רֶעדְן אוּן בֶּעטְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דָאס הַארְץ אוּן דֶער מֹחַ, אוּן דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים אִיז מִיט דִיר אוּן בַּיי דִיר אוּן לֶעבְּן דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן.

**אוֹיבּ** דוּ ווילְסְט זַיין מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, וָואס דָאס אִיז דִי שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט פַארְצֵייכֶנְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אִין דִי צְוֵויי סְפָרִים, עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער, עֶס אִיז פָּשׁוּט שִׂיחוֹת, אָבֶּער אִין יֶעדֶע שִׂיחָה לִיגְט אִין דֶעם עַמְקוּת, עָמוֹק עָמוֹק מִי יִמְצָאֶנוּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה זַיינֶע קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווי עֶר וֵוייסְט וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיבֶּערְדֶעם גִיבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה אַז דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דָאס וֶועט דִיךְ דֶערְוַוארֶעמֶען דָאס הַארְץ נִישְׁט אַוֶועקְצוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן כָּל זְמַן דוּ וֶועסְט זַיין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן פַארְלָארְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט צַוָואָה אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, 'אֲפִילוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נָאר הַאלְטְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר תְּשׁוּבָה טוּהְן מִיט אַן אֱמֶת' אִיבֶּערְדֶעם הַאלְט זִיךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קוּק נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים אוּן אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין מַחְלוֹקֶת וְכוּ' וְכוּ', אוּן דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז דוּ דַארְפְסְט

נִישְׁט מְפַרְסֵם זַיין אַז דוּ לֶערְנְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, הַיינְט אִיז דָאס אַלֵיין אַ נִסָיוֹן, מֶענְטְשְׁן שְׁפֶּעטְן אוּן לַאכְן אָפּ וְכוּ' וְכוּ', אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז בַּאהַאלְטְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן אִים, עֶר פַארְמַיידְט פוּן זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שעה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה כ' חֶשְׁוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**אִיךְ** הָאבּ אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין דֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ ווִילְסְט אוֹיפְמַאכְן אַ שְׁטִיבְּל אִין דַיין גֶעגְנְט, וָוארוּם בִּיז צוּם אַנְדֶערְן שְׁטִיבְּל אִיז אַ מְהַלֵךְ פוּן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אוּן רוֹב אִינְגֶעלַייט ווִילְן נִישְׁט גֵיין דָארְטְן וְכוּ', אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַסַאךְ אוּן אִיךְ זֶעה אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, מֶען דַארְף אוֹיפְמַאכְן נָאךְ אַ שְׁטִיבְּל לֶעבְּן דַיין גֶעגְנְט, כְּדֵי אַז דִי אִינְגֶעלַייט מִיט זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען אַרוּם דַיין גֶעגְנְט, זָאלְן קֶענֶען דַאוֶוענֶען אִין אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר שְׁטִיבְּל וואוּ דָארְטְן קֶען מֶען רֶעדְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּמְגֶעשְׁטֶערְט.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין צא:) דָאס וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם מָקוֹם הַמִקְדָשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען צְוֶועלְף שְׁטֵיינֶער מַאכְן פוּן דֶעם אַ בֶּעטְל, הָאבְּן זִיךְ דִי שְׁטֵיינֶער גֶעקְרִיגְט, יֶעדֶער שְׁטֵיין הָאט גֶעזָאגְט 'עָלַי יָנִיחַ צַדִיק אֶת רֹאשׁוֹ' הָאט זֵיי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעמַאכְט אֵיין שְׁטֵיין, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער 'כְּלִי יָקָר' אַז דָאס אִיז אַ רֶמֶז אַז אִין מָקוֹם הַמִקְדָשׁ וֶועט זַיין אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן דִי שְׁבָטִים, יֶעדֶער שֵׁבֶט וֶועט וֶועלְן אַז דִי שְׁכִינָה זָאל רוּהֶען אִין זַיין חֵלֶק, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אֲרַוְנָה הַיְבוּסִי, הָאט עֶר צַאמְגֶענוּמֶען גֶעלְט פוּן אַלֶע שְׁבָטִים, אוּן פוּן דִי גֶעלְט הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט דֶעם פְּלַאץ, אַזוֹי וִוי דִי אַלֶע צְוֶועלְף שְׁטֵיינֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטֵיין, אַזוֹי אוֹיכֶעט הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ גֶעקוֹיפְט דֶעם פְּלַאץ פוּנֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ וִוי סְ'וֶועט גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן פוּן אַלֶע צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, קוּמְט אוֹיס אַז אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ דַארְף זַיין בְּהַסְכָּמַת אַלֶע מִתְפַּלְלִים, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם צַאם אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי וואוֹינֶען אַרוּם דִיר, אוּן נֶעם פוּן זֵיי צַאם אוֹיף דִירָה גֶעלְט, אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן, סְ'בַּאלַאנְגְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מַאכְן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אִין יֶעדֶע עֶק פוּן שְׁטָאט, כְּדֵי אַלֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטִיבְּל אוּן קֶענֶען דָארְטְן צַאמְקוּמֶען אוּן רֶעדְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן צוּזַאמֶען וָואס מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן.

**אִיבֶּערְדֶעם** הַאלְט אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ'ל לֶעבְּן דַיין גֶעגְנְט, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט דִיר קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגְן דִי חֲבֵרִים דַיינֶע זָאלְן אוֹיבֶּעט קוּמֶען דָארְטְן דַאוְוענֶען.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן, וָוארוּם בְּזֶה הָעוֹלָם מוּז מֶען הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע מִינֵי וֶועגְן אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט צוּ פַאלְן, וָוארוּם נִסְיוֹנוֹת קָשִׁים וּמָרִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צַאמְקוּמֶען לְכָל הַפָּחוֹת שַׁבָּת, אוּן רֶעדְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין זִיךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

**אִיךְ** שִׁיק דִיר צוּשְׁטֵייעֶר אַ סְכוּם הָגוּן וְכוּ' אוֹיבֶּעט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שעט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה כ' חֶשְׁוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיווּ.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר בַּאשִׁיצְט דִיךְ אוּן עֶר אִיז מִיט דִיר

וְכוּ', אַ אִיד דַארְף זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן אַז עֶר גֵייט מִיט צִיצִית און עֶר לֵייגְט תְּפִילִין, און עֶר הָאט אַ מְזוּזָה אויף זַיין טִיר, וָוארום אַזוי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (מְנָחוֹת מג:) כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ תְּפִלִּין בְּרֹאשׁוֹ וּתְפִלִּין בִּזְרוֹעוֹ וְצִיצִית בְּבִגְדוֹ וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ הַכֹּל בְּחִיזּוּק שֶׁלֹּא יֶחֱטָא; אֵיי מֶען זֶעהְט אַז אֵיינֶער הָאט אַ מְזוּזָה אויף דִי טִיר, און עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, און עֶר לֵייגְט תְּפִילִין, און פונְדֶעסְטְוֶועגְן זִינְדִיגְט עֶר וְכוּ'? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַ אִיד דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, שִׂמְחָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פון אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי שְׁכִינָה, אַזוי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָארְפְן הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִכְלָל אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') בִּפְרַט וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, גֵייט עֶר אַרַיין אִין דִי שִׂמְחָה פון דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארום דִי מִצְוֹת דָאס אִיז הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַלֵיין, וָוארום עֶר הָאט דָאךְ גֶעהֵייסְן דִי מִצְוֹת, קוּמְט אוֹיס וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר גֵייט, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט עֶר נִכְלָל אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר מִמֵילָא אָפְּגֶעהִיטְן פון אַלֶע זִינְד, וָוארום וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים וֶועט עֶר דָאךְ נִישְׁט זִינְדִיגְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיךְ, דוּ זָאלְסְט פון הַיינְט אָן שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן דִי צִיצִית, און זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַזוי ווִי

ס'שְׁטֵייט (בַּמִדְבָּר ט"ו) "וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוַת הַוַיָ"ה" אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף דִי צִיצִית דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') צִיצִית אִיז מַצִיל דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן נִיאוּף, צִיצִית בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֱמוּנָה וְכוּ' וְכוּ', עַיֵין שָׁם. אַז אַ אִיד קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי צִיצִית הִיט עֶס אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיב דוּ ווִילְסְט וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דַיינֶע צִיצִית, סְ'אִיז אַ מִצְוַות עֲשֵׂה.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זַ"ל אֵיידֶער עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהוֹיכְט דִי נְשָׁמָה הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי צִיצִית אִין דֶער הַאנְט אוּן גֶעקִישְׁט אִין זֵייעֶר גֶעוֵוינְט, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר וֵויינְט? הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָא קֶען מֶען קוֹיפְן פַאר אַפָּאר גְרָאשְׁן אַ בִּינְטְל צִיצִית, דָארְטְן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם גֶעלְט אִין דֶער וֶועלְט מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה, זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵוויינֶען? זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם ווִי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות. וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי טִיר אָדֶער וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי טִיר דַארְף מֶען קִישְׁן דִי מְזוּזָה, אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען וָואס שְׁטֵייט אִין דִי מְזוּזָה "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַוַיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הַוַיָ"ה אֶחָד" אַגַאנְצְן טָאג דַארְף אַ אִיד קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית אוּן קִישְׁן דִי צִיצִית, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶר אִיז אַ אִיד אוּן עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, עֶר הָאט אַ בָּארְד מִיט

פֵּיאוֹת, אוּן עֶר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט פַאר דִי עֶקְלְהַאפְּטִיגֶע גוֹיִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַדְרַבֶּה עֶר דַארְף זַיין שְׁטָאלְץ מִיט דִי מִצְווֹת, עֶר דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶר הָאט אָנְגֶעטוּהְן צִיצִית אוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג.

**גְלַייבּ** מִיר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן מוֹרָא הָאבְּן פַאר קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט, וָוארוּם וֶוער ס'הָאט אֱמוּנָה הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פַאר קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט, אֱמוּנָה בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

**אַז** דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, גֶעוואוֹינְט עֶר זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּ אִים, אוּן עֶר וֶוערְט נִיצוֹל פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שפ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה כ' חֶשְׁוָן ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט אִין אַ גְרוֹיסֶע צָרָה דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן ס'גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַסַאךְ דַחְקוּת וְכוּ' וְכוּ'.

דו דַארְפְסְט ווִיסְן דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִּירְט דִי וֶועלְט, און דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעֲלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אֲפִילוּ אִינֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען הָאט קוֹדֶם אוֹיסְגֶערוּפְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַזוֹי וַוייט אִיז דִי הַשְׁגָחָה פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ מֶענְטְשׁ כַּאפְּט אַ קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶערְל, צוּ עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעקְלֶעמְט בַּיי דִי טִיר וְכוּ', אָדֶער בַּיי אַ טִישׁ וְכוּ', גֶעבְּט עֶר אַ קְרֶעכְץ אוֹיף זִיךְ און עֶר זָאגְט, אֵיי ווִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ גוֹלָם, אִיךְ הָאבּ פַארְזֶעהְן, אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ וְכוּ', און עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, אוֹיבּ אַזַא קְלֵיינִיקֵייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹלָם עֶר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְן עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ עֶר אִיז שׁוּלְדִיג, זָאגְן דִי חֲזַ"ל נֵיין דוּ בִּיסְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, נָאר מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן פוּן הִימְל קוֹדֶם דוּ זָאלְסְט כַאפְּן אַ קְלַאפּ. עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁוֶועְרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז אַלֶעס פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ' וְכוּ'. נָאר וָואס דֶען? אַ אִיד הָאט אַ בְּחִירָה, עֶר דַארְף בּוֹחֵר זַיין בְּטוֹב, אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז אִים צוּ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן צוּ אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מִיט אַן עַקְשָׁנוּת רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ אַפָּאר

װערְטֶער, װָארום דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אונְז מְגַלֶה גֶעװֶוען דֶעם עִנְיָן פון רֶעדְן צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס װעט מָשִׁיחַ אַרייִנְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע װעלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג׳) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם הַוָיָ"ה" װָארום מָשִׁיחַ װעט אָנְפִילְן דִי גַאנְצֶע װעלְט נָאר מִיט גֶעטְלִיכְקֵייט, דָאס הֵייסְט עֶר װעט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי גַשְׁמִיוּת פון דִי בְּרִיאָה, און מֶען װעט זֶעהְן נָאר יַד הַוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ.

יֶעצְט װערְט גֶעבְּרֶענְגְט פון דִי תַּלְמִידֵי הָאֲרִיזַ"ל שַׁבָּת לַייכְט עֶצֶם הָאֲצִילוּת, נָאר גִילוּי אֱלֹקוּת מִיט אַזַא מַדְרֵיגָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אָבֶּער אִינְמִיטְן וָואךְ װערְט נִתְלַבֵּשׁ דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט אִין עוֹלָמוֹת וָואס װערְט אָנְגֶערופְן בְּרִיאָה יְצִירָה בִּיז עֲשִׂיָה דְעַשִׂיָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַז מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר פִירְט דִי װעלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, בִּיז מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָל, פון דֶעם קוּמְט אַרוֹיס אַלֶע צָרוֹת און אַלֶע מִלְחָמוֹת פון אַלֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם װען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ װעט קוּמֶען װעט עֶר מְגַלֶה זַיין דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט פון עֲשִׂיָה דְעַשִׂיָה וְכוּ׳, וואו יֶעדֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט, און עֶר אִיז, זָאל עֶר דָארְטְן אוֹיכֶעט טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צו הָאבְּן אַ לוֹיטֶערְן מֹחַ און אַ לוֹיטֶערְן שֵׂכֶל, װָארום װען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן װערְט אִים דֶער

מֹחַ פַארְטַאמְט בִּיז עֶר זֶעהְט גָארְנִישְׁט, אוּן סְ'אִיז אִים בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער וְכוּ' וְכוּ'.

**אָבֶער** ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא: יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין פַּרְנָסָה, אוּן הָאט זַיין שְׁלִיחוּת אוֹיסְצוּפִירְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אִיךְ ווייס אַז סְ'גֵייט דוּרְךְ אוֹיף דִיר שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, זָאלְסְט זִיךְ נָאר מְדַבֵּק זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶּה אוּן מְקַיֵּים דִי בְּרִיאָה, אוּן זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אוּן בֶּעטְן פוּן אִים וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, וֶועסְטוּ זֶעהְן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִיר אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע מְנִיעוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**גֶעדֶענְק** וָואס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִיר פוּן דַיין ווַייבּ וְכוּ', ווִי דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז עֶס וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל קַיין שָׁלוֹם בַּיִת נִישְׁט זַיין וְכוּ', וָוארוּם זִי אִיז אַנְטְלָאפְן צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ', אוּן זִי וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען וְכוּ', אוּן צוּם סוֹף זֶעהְסְט אַז עֶס הָאט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט לְטוֹבָה וְכוּ', פַארְוָואס? וַוייל דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן לֵב נִשְׁבָּר, אוּן דֶעמָאלְט

הָאסְטוּ גֶעלָאזְט אַפָּאר וַוארֶעמֶע און הֵייסֶע טְרֶערְן פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט.

**אִיבֶּערְדֶעם** יֶעצְט וָואס דוּ בִּיסְט אִין אַזַא דַחְקוּת אִין אַזַא צִמְצוּם וָואס דוּ בִּיסְט פַארְזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת וְכוּ', זָאלְסְטוּ אוֹיכֶעט גִיסְן הֵייסֶע טְרֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און בֶּעטְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ קַיין פַּרְנָסָה נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט חוֹבוֹת, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת אִיךְ זָאל אָפְּגֶעבְּן אַלֶע חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַאֲרִיךְ זַיין בִּתְפִלָּה וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

ח'ו'ב' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'תֵן חֶ'לְקֵינוּ בְּ'תוֹרָתֶךָ, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, און אַ פֶּרֶק אָדֶער צְווֵיי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און אַ דַף גְמָרָא, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת. הַאלְט דָאס נִישְׁט גְרִינְג וַוייל דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַלְמוּד; וָואס הֵייסְט אַ אָרֶעמַאן אַז עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן וְכוּ', און אַ בֶּגֶד אָנְצוּטוּהְן וְכוּ', דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת אִין דִי דְרֵיי שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, אָבֶער דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם.

**דַארְפְסְט** ווִיסְן דָאס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:) כַּךְ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָמַר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל, בְּנִי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין; דֶער יֵצֶר הָרַע ווייסְט אַז דִי תּוֹרָה אִיז אִים מְבַטֵל, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דִי תּוֹרָה צוּבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרַע אִינְגַאנְצְן, אַזוֹי ווִי מֶען שְׁלָאגְט אַ מְשׁוּגֶעְנֶעם מִיט אַ שְׁטֶעקְן וְכוּ' בִּיז עֶר זִיךְ אִינְטֶערְגֶעבְּן וְכוּ', עַיֵין שָׁם. אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, עֶס צוּבְּרֶעכְט דֶעם שְׁלֶעכְטְס ווָאס עֶס אִיז דָא אִין מֶענְטְשׁ.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים צוּבְּרֶעכְן, ווִיל נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים מְבַטֵל זַיין, אִיבֶּערְדֶעם רֶעדְט עֶר צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אַלֶעם זָאלְסְטוּ טוּהְן, נָאר לֶערְן נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי ווָאכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין מִשְׁנַיוֹת, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין גְמָרָא, וְכוּ', וְכוּ', צוּ אֵיינֶעם קוּמְט עֶר מִיט אַ תֵּירוּץ דוּ הָאסְט דָאךְ אַ שְׁווֶערְן קָאפּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, צוּ דֶעם אַנְדֶערְן קוּמְט עֶר מִיט אַ תֵּירוּץ הָאסְט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ', דֶעם דְרִיטְן קוּמְט עֶר מִיט אַ תֵּירוּץ אַז דוּ מוּזְט עוֹסֵק זַיין אִין פַּרְנָסָה וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין תֵּירוּץ, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן אַרוֹיסְגַנְבְ'עֶנֶען יֶעדְן טָאג בָּאטְשֶׁע עֶפֶּעס צַייט אוֹיף לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, ווָארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ד) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גַזְלְ'עֶנֶען פוּן זַיין צַייט אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דָאס

אִיז וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת לא.) אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ 'קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה'? 'קָבַע' אִיז אַ לָשׁוֹן גְזֵילָה, דָאס הֵייסְט מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ, זָאג דוּ הָאסְט גֶעגַזְלְ'ט פוּן דַיין צַייט וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְיָאגְט צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה?

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערְס פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, בִּפְרַט אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערְן קָאפּ זָאל עֶר נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז עֶר וֶועט דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן עֶר וֶועט אַזוֹי פִיל מָאל זָאגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דֶעם קָאפּ, אוּן אַזוֹי אוֹיבֶּעט זָאל עֶר נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא אוּן זָאגְן דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דֶער מֹחַ וֶועט עֶר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דָאס זָאל זַיין פַאר דִיר אַ חוֹב, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, ווִי סְ'שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג') מִיוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילֵךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר; דָאס מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין פוּן זוּנְטָאג, אוּן דָאס אִיז מִדִינָא דִגְמָרָא, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט דָארְטְן אוֹיפְן פְּלַאץ אַז אַזוֹי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן דֶער גְרָ"א וָוארוּם עֶר

אִיז גֶעגַאנְגֶען אַלְץ עַל פִּי דִינָא דִגְמָרָא, אִיבֶּערְדֶעם קֶענְסְטוּ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דֶעם, אוּן אָנְהֵייבְּן שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וָוארוּם וויסְן דַארְפְסְטוּ וויסְן, אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה דֶעם וָואךְ הָאט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע שָׁאדְן אִין גֶעלְט אָדֶער אִין גֶעזוּנְט וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם הֵייבּ אָן פוּן נַיי, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דָאס וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע צָרוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיבֶּעט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן צוּם וויִנְצִיגְסְטְן אֵיין דַף גְמָרָא, וֶועסְטוּ זִיךְ שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זַייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, ווַייל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיף דִיךְ רַחְמָנוּת גֶעהַאט עֶר הָאט דִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶער פַאךְ אִין דִי הַאנְט, בֶּעט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כֵּלִי אוֹיף פַּרְנָסָה פִיל מִיר אָן דִי כֵּלִי וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַאֲרִיךְ זַיין בִּתְפִלָּה, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, דֶער עִיקָר אִיז תְּפִלָּה, דָאס הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק) אַז אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַייעֶר מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ אוֹיבֶּעט צוּ, צוּ דֶעם, רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין אַלֵיין, וואוּ דוּ גֵייסְט, וואוּ דִי שְׁטֵייסְט, וואוּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ, דָארְטְן זָאלְסְטוּ טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָארְטְן זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועסְטוּ זֶעהְן יְשׁוּעוֹת.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן וֶועסְטוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין פְרֵיילִיכֶער'ער מֶענְטְשׁ ווִי אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא אוּן עֶר רֶעדְט צוּ אִים, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי דִיבּוּרִים אִין זַיין הַארְץ, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שפא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ה חֶשְׁוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, הֵן אֱמֶת דוּ מַאכְסְט מִיט זֵייעֶר מִיט דַיין זוּהְן וָואס אִיז זֵייעֶר ווִילְד אוּן מַאכְט אָן הֶזֵיקוֹת וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַמָאל אַזַא סִיפּוּר בַּיים הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זַ"ל ס'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר הָאט אַ ווִילְדְן זוּהְן וָואס צוּבְּרֶעכְט שׁוֹיבְּן בַּיי מֶענְטְשֶׁנְ'ס הַייזֶער, טוּט ווִילְדֶע

שְׁטִיקֶעס, פַארְבְּרֶענְט זְנָבוֹת פוּן קִיעֶן וְכוּ׳, אוּן אַלֶע גוֹיִים קוּמֶען צוּ אִים זִיךְ בַּאקְלָאגְן אוּן מָאנֶען פוּן אִים עֶר זָאל בַּאצָאלְן דִי הֶזֵיקוֹת וְכוּ׳, וָואס זָאל עֶר טוּהְן? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן גֶעגֶעבְּן אַ עֵצָה, מַאךְ אִים חֲתוּנָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן עֶר וֶועט זַיין אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט וֶוער וֶועט דֶען וֶועלְן נֶעמֶען אַזַא ווִילְדְן זוּהְן? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן גֶענְטְפֶערְט זָאלְסְט זֶעהְן נִישְׁט צוּ קְלוֹיבְּן, נָאר דֶעם עֶרְשְׁטְן זִיווּג וָואס מֶען אִיז מַצִיעַ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען, אוּן פוּנְקְט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ אַ שִׁידוּךְ פַאר דַיין זוּהְן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט שׁוֹין מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר אַזוֹי נִשְׁתַּנָה גֶעוָוארְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער זוּהְן הָאט גֶעהֵייסְן הִירְשׁ, נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן מַמָשׁ אַזַא צַדִיק, אַז מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער דֶער וֵוייסֶער פֶעטֶער, וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאלִיבְּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד יוּנְג, פַארְשְׁפָּארְט מֶען אַלֶע צָרוֹת.

**לֵיידֶער** הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ מִנְהָג אַז מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ בַּיי שִׁידוּכִים וְכוּ׳, מֶען פַארְגֶעסְט אַז זַיין זוּהְן אִיז אַ ווִילְדֶער יוּנְג וְכוּ׳, עֶר בְּרֶענְגְט אָן דִי צַייט אוּן פִיסְטֶעוֶועט וְכוּ׳, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט וֶוערְט עֶר נִכְשָׁל אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן חַטְאוֹת נְעוּרִים רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן אַנְשְׁטָאט עֶלְטֶערְן

זָאלְן אַנֶערקֶענֶען דִי סְחוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן, זֵיי זָאלְן גְלַייךְ חֲתוּנָה מַאכְן מִיט וועמֶען ס'לָאזְט זִיךְ וָואס דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי הָאבְּן פוּן אִים אַסַאךְ נַחַת, אַנְשְׁטָאט דֶעם קְלוֹיבְּט מֶען זִיךְ נָאךְ... מֶען וויל גֶעלְט, אָדֶער יִחוּס, אָדֶער בֵּיידֶע, אַיין קְלֵיינִיגְקֵייט אִיךְ הָאבּ אַזַא תַּכְשִׁיט פַאר אַ בָּחוּר... מֶען לָאזְט זִיךְ נַארְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי טוֹבָה פוּנֶעם קִינְד, נָאר מֶען קוּקְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע גֵיאוּת אוּן יֵשׁוּת, אוּן דֶערְוַוייל וֶוערְט דֶער בָּחוּר עֶלְטֶער אוּן פַאלְט אַרַיין אִין אַ יֵאוּשׁ אוּן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע, אוּן צוּבִיסְלֶעךְ שְׁטִיצְט עֶר זִיךְ דֶעם בָּארְד, אוּן עֶר מַאכְט קֶערְצֶער דִי פֵּיאוֹת וְכוּ', בִּיז עֶר גֵייט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ וַוייל דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן זֵיי לֶעבְּן נִישְׁט מִיט דִי מְצִיאוּת, (רִיַאלִיטֶעט).

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין זוּהְן, אוּן מַאךְ אִים גְלַייךְ חֲתוּנָה, פְרֶעג נִישְׁט קַיין שְׁאֵלוֹת, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר קוּק אוֹיף דִי טוֹבָה פוּן דַיין זוּהְן, דָאס הֵייסְט גֶעטְרֵייעֶ עֶלְטֶערְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ, וָוארוּם דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר עֶנְק בֵּיידְן, זַייט נִישְׁט קַיין נַעֲרָנִים, וַוארְט נִישְׁט בִּיז דֶער זוּהְן וֶועט אַרָאפְּגֵיין חָלִילָה וְחַס פוּן דֶעם אִידִישְׁן וֶועגְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זִיךְ רַייסְן בַּיי דִי הָאר וְכוּ', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין זֵייעֶר שְׁפֶּעט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל חֲתוּנָה מַאכְן די קִינְדֶער זֵייעֶר יוּנְג אֵיידֶער זֵיי וֶוערְן פַארְשְׁמִירְט מִיט חַטְאוֹת נְעוּרִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## שפב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ה חֶשְׁוָן ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַלְסְדִינְג וָואס עֶס דְרִיקְט דִיךְ וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וִויל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז די וֶועלְט הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי שְׁלֵימוּת וְכוּ'.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ זָקֵן מוּפְלָג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ אַלְט גֶעוֶוען זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע זָאל אִים בֶּענְטְשְׁן, וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אַ שְׁפְּרִינְג גֶעגֶעבְן אוֹיף צוּרִיק, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט ווִי קֶען אִיךְ בֶּענְטְשְׁן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס הַקָּדוֹשׁ אֵיינִיקְל? אוּן אַדְרַבָּה עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אַז

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל אִים בֶּענְטְשְׁן, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זָקֵן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַּאר אוּנְזֶערֶע לַייט, אַז עֶר הָאט שׁוין גֶעזֶעהְן אַסַאךְ צַדִיקִים, אָבֶּער שְׁלֵימוּת הָאט עֶר גֶעזֶעהְן בַּיים הֵיילִיגְן רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז נָאר יְחִידֵי סְגוּלָה זֶענֶען זוֹכֶה צוּם שְׁלֵימוּת, מִכָּל שֶׁכֵּן מִיר זֶענֶען פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, און הַלְוַאי הַלְוַאי זָאלְן מִיר זַיין פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, מִיר זֶענֶען לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפוילְט מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד וְכוּ' וָואס מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּהְן יֶעדְן טָאג און יֶעדֶע שָׁעָה און יֶעדֶע רֶגַע אויף אוּנְזֶער עָבַר, קֶען מֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען אַז עֶס זָאל שׁוין זַיין דָאס שְׁלֵימוּת וְכוּ', מִיר הַאלְטְן נָאךְ זֵייעֶר זֵייעֶר וַוייט פוּן שְׁלֵימוּת, אַוַודַאי און אַוַודַאי דַארְף מֶען בֶּענְקְן און הָאפְן און שְׁטְרֶעבְּן צוּקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, אָבֶּער מֶען קֶען דָאךְ נָאכְנִישְׁט זָאגְן אַז מֶען הַאלְט שׁוין בַּיי שְׁלֵימוּת, און מִמֵילָא קֶען מֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען אַז עֶס זָאל שׁוין זַיין דֶער תִּיקוּן הַשָּׁלוֹם וָואס דָאס וֶועט נָאר זַיין וֶוען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען, אָבֶּער בִּיז דֶעמָאלְט הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אויסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת, און טְרֶעפְן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַ נְקוּדָה טוֹבָה, אָבֶּער קוֹדֶם דַארְף מֶען טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ אַ נְקוּדָה טוֹבָה, מֶען דַארְף טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ גוּטְס, און נָאכְדֶעם וֶועט מֶען קֶענֶען זוּכְן און טְרֶעפְן בַּיי יֶענֶעם אַ נְקוּדָה טוֹבָה, וָוארוּם עַל פִּי רוֹב דִי אַלֶע וָואס זֵיי זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת און מוּמִים

בַּיי יֶענֶעם זֶענֶען אַלַיין נָאכְנִישְׁט פַּארָאכְטְן וְכוּ', דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן פַּיינְט יֶענֶעם דָאס קוּמְט וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַּיינְט וְכוּ', דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען דַן דִי אַנְדֶערֶע לְכַף חוֹב דָאס נֶעמְט זִיךְ וַוייל זֵיי זֶענֶען זִיךְ דַן לְכַף חוֹב, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ אַרְבֶּעטְן קוֹדֶם אוֹיף זִיךְ.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי אַז מֶען זֶעהְט אַ עַוְולָה מוּז מֶען צוּגֵיין אוּן מְקַיֵים זַיין מִצְווֹת תּוֹכָחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יט) "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא" וָוארוּם אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט יֶענֶעם וָואס מֶען הָאט צוּ זָאגְן וְכוּ', קוּמְט נָאכְדֶעם אַז מֶען הָאט אִים פַּיינְט, אוּן דָאס אִיז אַ זִינְד, מֶען טָאר נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן קַיין שׁוּם אִיד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם) "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ", אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען זֶעהְט עֶפֶּעס אַן עַוְולָה דַארְף מֶען צוּגֵיין אוּן זָאגְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז תּוֹכָחָה הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח) דַארְף זַיין מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט, אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מוֹכִיחַ גֶעוֶוען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהְן דֶעם עֵגֶל, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (גִּיטִּין לו:) עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן; אִיר זָאלְט וִויסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז לִיבּ, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אַ אִיד וִויל זָאגְן תּוֹכָחָה פַּאר'ן צְוֵוייטְן דַארְף דָאס זַיין מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אוֹיפְקְלֶערְן אִיךְ מֵיין נִישְׁט גָארְנִישְׁט וְכוּ' נָאר עֶס הָאט פַּאסִירְט אַזַא אוּן אַזַא זַאךְ וְכוּ' וּבִפְרַט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעסְט וְכוּ' קוּמְט דָאךְ עֶס אַרוֹיס אַ חִילוּל

הַשֵּׁם אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן ס"ט) מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק צָרִיךְ לִשְׁמוֹר אֶת הַצַּדִּיק שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רַע; מִיט דֶעם וָואס עֶס וֶוערְט אַן עַוְולָה אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן סְ'קוּמֶען אַרַיין פְרֶעמְדֶע גֶעסְט אוּן זֵיי זֶעהְן זַאכְן וָואס עֶס טוֹיג נִישְׁט וְכוּ', אָדֶער סְ'אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן עַל פִּי הֲלָכָה וְכוּ', אוּן דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען אִיז מֶען דָאךְ גוֹרֵם אַ בּוּשָׁה אוּן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען יָא זָאגְן, אָבֶּער מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט, מַסְבִּיר זַיין הַיּתָכֵן סְ'אִיז גֶעוֶוען גֶעסְט אוּן זֵיי קוּמֶען זִיךְ אָנְוַוארֶעמֶען צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, אוּן צוּם סוֹף זֶעהְן זֵיי אַזֶעלְכֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ'.

נִישְׁט אֵיינְמָאל אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין אִין אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר שׁוּהְל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן דָארְטְן זַאכְן וָואס אִין אַ פּוֹיעֶרִישְׁן שׁוּהְל זֶעהְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אַ נֵס אַז אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶעהְן נָאךְ יָארְן הָארֶעוַואנְיֶע וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהָארְוֶועט אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט קֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעלֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל אוּן אִיךְ זֶעה שְׁלֶעגֶערַייעֶן אִין אַ שׁוּהְל וְכוּ', פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ מִיט דִי הֶענְט וְכוּ', הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפְרֶעגְט הֲזֹאת נָעֳמִי? אַזוֹי דַארְף אוֹיסְזֶעהְן דֶעם רֶבִּינְ'ס בֵּית הַמִּדְרָשׁ?

הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם וְכוּ', הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן זֵיי הֵייבְּן גָארְנִישְׁט אָן צוּ ווִיסְן אֵיין דִיבּוּר פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי שׁוּהְל הֵייסְט נָאר פוּן דְרוֹיסְן אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר שׁוּהְל אוּן אִינֶעווֵייגְנִיג אִיז דָא פִּיסְטֶע לֵיידַאקֶעס, גְרָאבֶּע יוּנְגֶען וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט מְקַבֵּל מָרוּת זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, קוּמֶען זֵיי דָא אַרַיין, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (גִיטִין יג.) עַבְדָא בְּהֶפְקֵירָא נִיחָא לֵיהּ; אוּן דָאס בֵּית הַמֶדְרָשׁ הָאט בִּכְלָל נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בִּין דִיר נִישְׁט מְגַזֵם וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶעהְן אִין עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער, לֵיידֶער לֵיידֶער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים ווֵייסְט מֶען נִישְׁט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעווָאלְט, דֶערְפַאר וֶוען מֶען בּוֹיעֶט אוֹיף אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר שְׁטִיבְּל דַארְף מֶען קוֹדֶם אַדוּרְכְלֶערְנֶען אַלֶע הֲלָכוֹתֶ'ער פוּן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת בֵּית הַכְּנֶסֶת, אוּן מֶען זֶעהְט דָארְטְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן אִיז מַאֲרִיךְ ווִי אַ בֵּית הַכְּנֶסֶת עַל שֵׁם הַצַדִיק דַארְף זַיין, אוּן דָארְטְן זָאל מֶען רֶעדְן נָאר דִי דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם ווָאוּ מֶען רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָארְטְן אִיז דִי רֶבִּי דָא, אוּן ווָאוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דִי רֶבִּי דָארְטְן נִישְׁט דָא, אֲפִילוּ מֶען לֵייגְט אַרוֹיס אַ גְרוֹיסְן סַיין אַז דֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ אִיז אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר שְׁטִיבְּל וְכוּ', אָבֶער אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן נָאר מֶען רֶעדְט נַארִישְׁקֵייטְן, מִכָּל שֶׁכֵּן מֶען פִּירְט

זִיךְ אוֹיף וִוי פְּרָעִים, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אַרוּם, מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים וְכוּ', אוּן מֶען רֶעדְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען וְכוּ', דָאס אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלְבֶ'ר שׁוּהְל וְכוּ'.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר לַייד דִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן דִי זַאכְן, אָבֶער אִיךְ בַּאשׁוּלְדִיג דִיר, אַז דוּ הָאסְט גֶעזֶעהְן אַזַא זַאךְ הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט צוּקוּמֶען צוּם גַבַּאי'ן אָדֶער וֶוער סְ'אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן זָאגְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ זָאגְן, בְּנִיחוּתָא, אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן מַסְבִּיר זַיין אַז עֶס קוּמֶען אַרַיין פְּרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, עֶס פַּאסְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי גְרָאבֶּע יוּנְגֶען וְכוּ' וְכוּ'.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז אִין אוּמַאן אִין קְלוֹיז הָאט מֶען גֶעדַאוֶוענְט וָתִיקִין, וָוארוּם אוּנְזֶערֶע לַייט פְּלֶעגְן אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, אוּן גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן אָפְּרֶעכְטְן חֲצוֹת, אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט חֲצוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט חֲצוֹת אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט חֲצוֹת אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן מֶען הָאט זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ מְקַיֵים זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) "הַנֵיעוֹר בַּלַיְלָה" אַז מֶען זָאל אוֹיפְזֵיין בַּיינַאכְט אוּן מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דִי פֶּעלְדֶער, אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן דָארְטְן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן

זִיךְ דָאס הַארְץ, און מְמֵילָא הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט דַאוֶונֶען וָותִיקִין, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז גֶעוֶוען שְׁטָאטִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן לִיבּ גֶעהַאט צוּ דַאוֶונֶען צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ רַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל און גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי ווילְן מַאכְן אַ מִנְיָן פוּן אַכְט אַזֵייגֶער, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעדַאוֶוענְט וָותִיקִין, און אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט וָותִיקִין, און אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זַ"ל עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט וָותִיקִין, און מְמֵילָא דָא אִין דֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ וָואס אִיז אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, דֶער קְלוֹיז, טָאר מֶען נִישְׁט צוּ לָאזְן אַ אַנְדֶערֶע מִנְיָן, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי טַעֲנָה פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, אָבֶער רַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט נֵיין, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער גַבַּאי הָאט עֶר גֶעזָאגְט נֵיין נָאכְאַמָאל נֵיין, אִיךְ ווִיל אַז סְ'זָאל יָא זַיין אַ מִנְיָן אַכְט אַזֵייגֶער פַאר דִי שְׁטָאטִישֶׁע מֶענְטְשְׁן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז אַייעֶר טַעַם וָואס אִיר עַקְשֶׁנְ'ט זִיךְ? הָאט עֶר גֶעֶנְטְפֶערְט ווייבַּאלְד דִי שְׁטָאטִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן אַרַיינְקוּמֶען דָא אִין קְלוֹיז דַאוֶונֶען, ווִי נִישְׁט וֶועלְן זֵיי הֶערְן אַ גוּטְן דִיבּוּר, אַ וַוארִימֶען דַאוֶונֶען, און זֵיי וֶועלְן זִיךְ אָנְוַוארֶעמֶען מִיט דִי דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועלְן זֵיי אוֹיבֶעט מְקוּרָב וֶוערְן. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶעם עֶרְשְׁטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט רַבִּי נָתָן זִיךְ אַיינְגֶע'עַקְשֶׁנְ'ט אַז מֶען דַארְף דַאוֶונֶען צְווִישְׁן דִי וֶועלְט, וָוארוּם עֶר הָאט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן "אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַז אִיר זָאלְט זַיין אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דֶער וֶועלְט", אַז מֶען דַאוֶונְט מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן קֶען מֶען מְקַרֵב זַיין אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען רֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אָבֶער סְ'אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען יָארְן וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע מַחֲלוֹקֶת אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן וְכוּ' וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן גֶעמוּזְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קְלוֹיז פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ דַאוֶונֶען, מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט טְרַייבְּן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, אָבֶער דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ זָאל מֶען נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, אַדְרַבָּה דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז פַאר יֶעדְן אִיד.

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיבּ דֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ אִיז אָפֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דַארְף מֶען זֶעהְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין חִילוּל שֵׁם רַבֵּינוּ זַ"ל, מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען דַארְף דַאוֶונֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק מִיט עֶרְלִיכְקֵייט, נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען, נִישְׁט מַאכְן לֵיצָנוּת בַּיים דַאוֶונֶען וְכוּ' וְכוּ'.

**וָוארוּם** ווִיסְן דַארְפְסְטוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ') אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן עֶר אִיז אִין נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּה,

דֶעמָאלְט אִיז דִי תְּפִלָּה בַּיי אִים מַיִין מְרוּרִין, ס'אִיז אִים בִּיטֶער, ס'קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען, מִמֵּילָא אִיז עֶר מְזַלְזֵל אִין דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר רֶעדְט אוּן פְּלוֹיְדְשְׁט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט יֶעצְט גֶעוֶוען אִין אַ מַארְק וְכוּ', מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע מֹחַ וְכוּ', אוּן עֶר הַאלְט בַּיי תִּיקוּן הַבְּרִית וְכוּ', אִיז דֶער דַאוֶוענֶען בַּיי אִים מַיִין מְתוּקִין, אַ זִיסְקֵייט, עֶר דַאוֶוענְט מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, דֶער גַאנְצֶער דַאוֶוענֶען אִיז בַּיי אִים אַ חַיוּת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ה) וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז נִכְלָל אִין אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן עֶר מַאכְט פוּן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען אֶחָד, אִיז דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען לָאזְן אִים נִישְׁט נָאךְ, וָוארוּם עֶר זָאגְט דָאס מִיט אַזַא מִין חַיוּת, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקֶר שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה, אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ מְצַיֵּיר זַיין אוֹיסְמָאלְן וִוי דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיז אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען אִיז אוֹר שָׁחוֹר עַל גַּבֵּי לָבָן, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקֶר דְבֵיקוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, בַּיי אִים, אִין אִים, אוּן לֶעבְּן אִים, אוּן עֶר דַאוֶוענְט מִיט כַּוָּונָה פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת אִין סִידוּר, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוערְט עֶר נִכְלָל אִין אִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים י') "הוּא תְהִלָּתְךָ וְהוּא אֱלֹקֶיךָ" דָאס אִיז דֶער עִיקֶר שְׁלֵימוּת, בִּשְׁעַת'ן דַאוֶוענֶען דַארְף מֶען קוּמֶען צוּ אַזַא מִין דְבֵיקוּת אַז עֶר זֶעהְט דִי אוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה פוּן סִידוּר וִוי עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים אַלֵיין, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר אִיז מַזְכִּיר דֶעם שֵׁם הַוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, צִיטֶערְט עֶר אוּן טְרֵייסְלְט זִיךְ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט נָאר וֶוען מֶען הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְן מִיר אַלֶע דָאס ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקְן, אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס מֶען כַאפְּט אָפּ דֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ',

מֶען רֶעדְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען וְכוּ', מֶען שְׁפֶּעט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען וְכוּ', דָאס בַּאוַוייזְט אַז מֶען אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן תִּיקוּן הַבְּרִית תִּיקוּן הַמֹּחַ, מֶען אִיז זֵייעֶר פָּגוּם, וָוארוּם אַז מֶען קֶען מְזַלְזֵל זַיין אִין דַאוֶוענֶען, אָפְּכַאפְּן דֶעם דַאוֶוענֶען, אָדֶער רֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אָדֶער שְׁטֶערְן אַן אַנְדֶערְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, דָאס וַוייזְט דֶעם גְרִיעַת הַנֶּפֶשׁ וְכוּ' פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וְכוּ', דָאס הֵייסְט ווִי פַארְדָארְבְּן עֶר אִיז וְכוּ'.

**דָאס** אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט, וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט. נָאר כְּדֵי צוּ ווִיסְן ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ אִיז דָא אִין דֶעם סֵפֶר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל מַכִּיר זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף עֶר אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶוערְט נִזְדַכֵּךְ דֶער נֶפֶשׁ, אוּן מֶען פִירְט זִיךְ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ אוֹיף.

**איבּערדעם** פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אֶמֶת קֵיינֶער הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי דֶעם שְׁלֵימוּת, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט דִי גַבָּאִים, אוּן מִיט דֶעם, אוּן מִיט יֶענֶעם, אַלְץ מִיט לִיבְּשַׁאפְט מִיט אַהֲבָה, אַ תּוֹכָחָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶעמָאלְט וֶועט נִתְקַבֵּל וֶוערְן דַיינֶע וֶוערְטֶער.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי גוּט דַיין צַעַר דַיין עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס דוּ הָאסְט, אַז דוּ קוּמְסְט אַרַיין אִין אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ר שְׁטִיבְּל אוּן דוּ וָואלְסְט גֶעוָואלְט זֶעהְן דֶעם שְׁלֵימוּת, מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן אַז שְׁלֵימוּת אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט, אָבֶער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן, נָאר מֶען דַארְף זֶעהְן צוּ פַארְרֶעכְטְן וְכוּ׳, אוּן פַארְרֶעכְטְן קֶען מֶען נָאר מִיט זָאגְן אוּן רֶעדְן וְכוּ׳, אָבֶער אַלְץ מִיט לִיבְּשַׁאפְט. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין מַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז אִיךְ בִּין דָא גָארְנִישְׁט מַגְזִים.

**גֶעלוֹיבְּט** אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר בּוֹיעֶט אַיין ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״ ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ״ט) אַז דֶער צַדִיק בּוֹיעֶט אַ ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן דֶעם רַע פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דֶעם הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָוארוּם זֵייעֶר רַע קֶען זִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן צוּקְלֶעבְּן אִין אוּנְז, אוּן דִי עֵצָה אִיז זָאגְט דָארְטְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, מֶען דַארְף זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אוֹיבּ מִיר

וֶועלְן זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אַלֶעס פַארְרָאכְטְן וֶוערְן, אוּן אַלֶע וֶועלְן קוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, אוּן סְ'וֶועט זַיין אַ אֱמֶת'ר בְּרֶסְלְבֶ'ר שְׁטִיבְּל ווִי סְ'דַארְף צוּ זַיין.

זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, אָבֶער דָאס אִיז עִיקְרִים וָואס מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אוּן ווִיסְן אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ עֶר דַאוֶוענְט אַלֵיין וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ז) דַארְף זַיין מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן אֱמֶת, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר דַאוֶוענְט בַּיי אַ רַבִּים דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אַזוֹי ווִי עֶר אִיז אַלֵיין, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם תְּנוּעוֹת מְשׁוּנוֹת וְכוּ', אוּן עֶר זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם גֶעוַואלְדֶעוֶוען וְכוּ', אוּן נִישְׁט נַארִישׁ מַאכְן זִיךְ וְכוּ', עֶר זָאל דַאוֶוענֶען מִיט אַן אֱמֶת אָן קַיין שׁוּם פְּנִיוֹת, אוּן דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר אַז מֶען אִיז בָּטוּל וּמְבוּטָל אֶל הָאֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן דָאס זֶענֶען מִיר מְקַבֵּל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז דָאס מְקַיֵּים, וֶועט עֶר מְקַדֵּשׁ זַיין דֶעם נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֶועט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ז) אַז מֶען אִיז מְקַדֵּשׁ אוּן מְגַדֵּל דֶעם נָאמֶען פוּן צַדִיק, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט נִתְגַדֵל אוּן נִתְקַדֵּשׁ דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שפג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ו חֶשְׁוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה ווִי דוּ מֶעלְדְּסְט אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַלֶע בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט אִיז שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ אַ אִינְגֶערְמַאן וויל הָאבְּן אַ אֶמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף עֶר זַיין אַ וַותְּרָן, נָאכְגֶעבְּן וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ פַּאר אַ אִינְגֶערְמַאן, וָוארוּם דֶער טֶבַע פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז דָאס עֶר הָאט אִין זִיךְ גֵיאוּת אוּן יֶשׁוּת וְכוּ', וָואס הֵייסְט אַז אִיךְ וֶועל נָאכְגֶעבְּן? אִיךְ וֶועל זַיין אַ וַותְּרָן? אוּן עֶר וֶוערְט אַן עַקְשָׁן וְכוּ', אוּן פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס נָאכְדֶעם וִיכּוּחִים בִּיז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָבֶער וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז קְלוּג, אוּן עֶר גֶעבְּט נָאךְ, אוּן עֶר אִיז אַ וַותְּרָן וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז גִיעֶנְדִיגְט אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף נָאר אוֹיף גַשְׁמִיּוּת, דֶעמָאלְט דַארְף דֶער מַאן זַיין אַ וַותְּרָן אוּן נָאכְגֶעבְּן אַלְסְדִינְג, וָוארוּם אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף דֶעם גַאנְצְן קָאפּ אַרַיינְלֵייגְן נָאר אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן קִיוּם מִצְווֹת מַעֲשִׂיּוֹת, אִיבֶּערְדֶעם טָאר עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם קָאפּ אִין נַארִישְׁקֵייטְן וָואס פַּאר אַ קִיטְשֶׁען

סֶעט וויל דָאס וַוייבּ וְכוּ׳, אָדֶער וָואס פַאר אַ גֶעשִׁיר (דִישֶׁעס) זִי וויל קוֹיפְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, און דָאס גְלַייכְן, בַּיי דְבָרִים גַשְׁמִיִּים טָאר זִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן נִישְׁט עַקְשֶׁנְ׳ן, נָאר שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן דֶעם אוֹיסְוַואל פַאר זַיין וַוייבּ.

**אָבֶער** וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ רוּחְנִיּוּת, דָארְטְן מוּז דֶער מַאן זִיךְ שְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטַארְק. צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַ פְרוֹי טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין הָאר אִינְגַאנְצְן, און דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר הַארְבּ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם עוֹנֶשׁ אוֹיף דֶעם, ווי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכ״ה:) תּוּנְבָא לֵיתֵי [אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען] עַל הַהוּא בַּר נָשׁ [אוֹיפְן מֶענְטְשׁ] דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ [וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ] דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָה דְּרֵישָׁהּ לְבַר [זָאל גֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר, אָדֶער מֶען זָאל אַרוֹיסְזֶעהְן דִי הָאר] וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָא [און דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן אַ פְרוֹי אִין שְׁטוּבּ] וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר [און אַ פְרוֹי וָואס זִי דֶעקְט אוֹיף אִירֶע הָאר] לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ [זִיךְ שֵׁיין מַאכְן מִיט דֶעם] גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא [אִיז גוֹרֵם אָרִימְקַייט אִין שְׁטוּבּ] וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא [און ס׳אִיז גוֹרֵם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין גֶעלוּנְגֶענֶע, און זֵיי זָאלְן נִישְׁט חָשׁוּב זַיין] וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא [און עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי סִטְרָא אַחְרָא און דִי חִצוֹנִים זָאלְן זַיין אִין דֶעם שְׁטוּבּ] מַאן גָּרִים דָא [און וֶוער אִיז גוֹרֵם דִי אַלֶע צָרוֹת] הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחַזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר. [דִי הָאר פוּן אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס]

וּמַה בְּבֵיתָא הַאי [און דִי אַלֶע קְלָלוֹת רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר אִין שְׁטוּב] כָּל שֶׁכֵּן בְּשׁוּקָא [און אַוַודַאי און אַוַודַאי וֶוען זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אוֹיפְן גַאס מִיט דִי הָאר] וְכוּ'. לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְז נָאכְאַמָאל דִי קְלִיפָּה אַז הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי הָאר, און זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואסֶערֶע צָרָה זֵיי בְּרֶענְגְן אוֹיף זִיךְ און אוֹיפְן גַאנְצְן הוֹיז-גֶעזוּנְט, אוֹיפְן מַאן, און אוֹיף דִי קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט קְרִיגֶערַיי אִין שְׁטוּב, און אָרֶעמְקֵייט, און פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדִיל פוּן רִימָאנוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אוֹיף אַ הָאר וְכוּ', און עֶר הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף וֶוען מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אֲפִילוּ אֵיין הָאר פוּן אַ פְרוֹי, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת און מֶען פַארְלֶענְגֶערְט דִי גָלוּת, און לֵיידֶער הָאט זִיךְ דָאס אַרַיינְגֶעכַאפְּט נָאכְאַמָאל צְווִישְׁן דִי הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אַז זֵיי לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי אֵייגֶענֶע הָאר, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער זִינְד.

**וֶוער** גֶעדֶענְקְט דֶען נִישְׁט דִי דְרָשׁוֹת בַּיי יֶעדְן כָּל נִדְרֵי נַאכְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט גֶעוֵויינְט און פַאפִּירְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי בַּיי-הָאר, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ און אוֹיף

זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁעְרְן דִי הָאר, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, נִישְׁט וִוי מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטֶע חוּמְרָא, נָאר מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז דֶער זוהַר הַקָדוֹשׁ שֶׁעלְט אַ פְּרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אִירֶע הָאר, אוּן אוֹיף דֶעם טָאר נִישְׁט דֶער מַאן אַיינְגֶעבְּן אוּן זַיין אַ וַותְּרָן, נָאר עֶר דַארְף זִיךְ עַקְשֶׁנְ'עֶן זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אוֹיפְפַאלֶענְדֶע קְלֵיידֶער.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר, אַז בְּגַשְׁמִיּוּת דַארְף מֶען זַיין שְׁטֶענְדִיג אַ וַותְּרָן, אוּן אוֹיף רוּחְנִיּוּת דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג עַקְשֶׁנְ'ן, אָבֶּער נִישְׁט מִיט קַיין קְרִיגֶעַרייעֶן, אוּן נִישְׁט מִיט קַיין גֶעשְׁרֵייעֶן וְכוּ' וְכוּ', נָאר שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן אַ פְּרוֹי וָואס זִי גֵייט מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר אוּן גֵייט אוֹיסְגֶעלַאסְן וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דָאס מִיט גוּטְן קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג פּוֹעֵלְ'ן.

**אַז** ווָאוֹיל אִיז דָאס פָּארְפָאלְק וָואס זֵיי לֶעבְּן גְלִיקְלִיךְ אוּן מִיט שָׁלוֹם צוּפְרִידֶענֶערְהֵייט, אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אִין אַזַא הוֹיז רוּהְט דִי שְׁכִינָה, אוּן ווָאוּ דִי שְׁכִינָה רוּהְט דָארְטְן אִיז דִי בְּרָכָה פַארְהַאנְדִין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# שפד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ו חֶשְׁוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין שְׁוָואגֶער אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס צַעַר אַז דוּ פָּאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק עֶס זָאל זַיין צְווִישְׁן זֵיי אַ קְרִיגֶערֵיי וְכוּ', וִויכּוּחִים וְכוּ', כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל זַיין מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ', אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן רס"ד) דָאס אַ וַוייבּ דַארְף מֶען זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין, וָוארוּם זִי מַאכְט מִיט, צַעַר הָעִיבּוּר, צַעַר הַלֵּידָה, אוּן צַעַר הַגִּידוּל וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם וֵויים אִיךְ נִישְׁט וָואס עֶס אִיז אַרַיין אִין דִיר אַזַא נַארִישְׁקֵייט אַז דוּ דַארְפְסְט רוֹדֶפְ'ן דַיין וַוייבּ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וְכוּ' וְכוּ', אִיז דֶען אַ וואוּנְדֶער אַז דַיין וַוייבּ הָאט דִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט? קַיין שׁוּם בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט לִיבּ קְרִיטִיק, קֵיינֶער וִויל נִישְׁט מֶען זָאל אִים קְרִיטִיקִירְן, אָדֶער סֶעקִירְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַ וַוייבּ וָואס זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיטְן מַאן וִויל זִי לֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, נִישְׁט דֶער מַאן זָאל אִיר שְׁטֶענְדִיג קְרִיטִיקִירְן אָדֶער סֶעקִירְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט.

איך שיק אַראָפּ צו עֶנק אַ יוּנגערמאַן ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס ער וועט אייך איבערגעבן וָואס איך הָאבּ צו זָאגן וְכוּ׳.

אַ יוּנג פָּארפָּאלק איז שְׁטֶענדיג בַּיים אָנְפַאנג דָא מִיס-פַארשְׁטֶענדֶעניִשְׁן וְכוּ׳, וָוארוּם זֵיי קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנֶדְערֶע וֶועלְטְן וְכוּ׳, אוּן בִּיז זֵיי פַּאסְן זִיךְ צוּ, נֶעמְט צַייט וְכוּ׳, אָבֶער דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִיז אַז בֵּיידֶע דַארְפְן מְוַותֵּר זַיין, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט עַקְשֶׁנְ׳ן אוֹיף יֶעדֶע נַארִישְׁקֵייט.

אוּן יֶעדֶער פָּארְפָּאלְק דַארְף וויסְן אוֹיבּ ס׳מַאכְט זִיךְ צְווִישְׁן זֵיי אַ מִיסְפַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ אָדֶער אַ וִויכּוּחַ אָדֶער מֶען גְלַייבְּט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס וְכוּ׳ וְכוּ׳, זָאל מֶען גְלַייךְ גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד אוּן נִישְׁט שֶׁעמֶען זִיךְ, אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַאר אִים דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע "שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ׳ס" אוּמְוויסֶנְדִיגֶע דָאמֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט פַאר דֶעם, נִישְׁט נָאר זֵיי וֶועלְן נִישְׁט מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת, נָאר זֵיי וֶועלְן דָאס נָאךְ אַרְגֶער מַאכְן בִּיז חָלִילָה זֵיי וֶועלְן בְּרֶענְגְן אַ גֶט, עֶס אִיז אַ פְּשׁוּטֶע סְבָרָא, אַז אֵיינֶער נֶעמְט גֶעלְט פַאר מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן בַּיי יֶעדֶער וִויזִיט נֶעמְט עֶר אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט דָאלְלֶער (וָואס עַל פִּי רוֹב נֶעמְט מֶען מֶער אוֹיף יֶעדֶע וִויזִיט), פַארְוָואס זָאל עֶר זַיין אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת? עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ קִיעֶלֶע וָואס עֶר קֶען מֶעלְקְן, צִיט עֶר עֶס אוֹיס ווילַאנְג עֶר קֶען נָאךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי פָּארְפָּאלְק

גֶעלְט, לַייְדער אִיז הַיינְט דָא אַזֶעלְכֶע גְרָאבְּ-יַאנֶעס פִּיסְטֶע יוּנְגֶעלַייט וָואס זַיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אַ פַּאךְ אִין דִי הַאנְט, אוּן זַיי רוּפְן זִיךְ "שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער'ס" אַז אָךְ אוּן וֵויי אַזֶעלְכֶע פִירֶערְ'ס, וָואס זַיי זֶענֶען פַארְפִירֶערְ'ס, וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) סְ'אִיז דָא וָואס זַיי רוּפְן זִיךְ מַנְהִיגִים, זַיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, אוּן זַיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פִירְן, וְוי אַזוֹי קֶענֶען זַיי פִירְן אוּן אַן עֵצָה גֶעבְּן אַנְדֶערֶע?

אַן אֶמֶתְ'ר עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶער דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק וָואס זַיי קוּמֶען צוּ אִים אוֹיסְגִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ אַז מֶען פַארְטְרָאגְט זִיךְ נִישְׁט וְכוּ', מֶען פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט וְכוּ', אוּן ווילְן אַ הַדְרָכָה עֶר זָאל מַאכְן בַּיי זַיי שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער אֶמֶתְ'ר עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט זַיי שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן פוּן זַיין צוּמֶער בִּיז זַיי וֶועלְן שָׁלוֹם מַאכְן, עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זַיי מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר וֶועט פַארְמַאכְן דִי גְמָרָא זַיינֶע, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זַיי, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זַיי, אוּן זַיי מַאכְן פַארְשְׁטֵיין וויאַזוֹי דֶער לֶעבְּן גֵייט וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר וֶועט זַיי נִישְׁט אָפְּלָאזְן בִּיז עֶר וֶועט זַיי אוֹיסְלֶערְנֶען וויאַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּזַאמֶען וְכוּ', אוּן דָאס לֶעבְּן צוּזַאמֶען וְכוּ', אוּן זַיי וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִים פְרֵייליךְ אוּן גְלִיקְלֶעךְ, וָוארוּם אַן אֶמֶתְ'ר עֶרְלִיכֶער אִיד וויל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פַאר שָׁלוֹם מַאכְן צְווִישְׁן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק, עֶר טוּט דָאס מִיט אַן אֱמֶתְ'ן רֵיינֶעם הַארְץ.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) כַּךְ אָמַר דָוִד לִפְנֵי הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם לֹא חָסִיד אֲנִי שֶׁכָּל מַלְכֵי מִזְרָח וּמַעֲרָב יוֹשְׁבִים אֲגוּדוֹת אֲגוּדוֹת בִּכְבוֹדָם וַאֲנִי יָדַי מְלוּכְלָכוֹת בְּדָם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי לְטַהֵר אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ; דָוִד הַמֶלֶךְ בַּארוּמְט זִיךְ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֶע מְלָכִים פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זִיצְן מִיט כָּבוֹד אִין זַייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער וְכוּ', אוּן אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט פַּסְקְנֶען שְׁאֵלוֹת וְכוּ', וָואס אָנְבַּאלַאנְגְט צוּ אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וְכוּ', אוּן גֶעבּ זִיךְ אָפּ שָׁלוֹם מַאכְן מִיט אַ אִידִישׁ פָּארְפָאלְק, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ, שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן אַ צוּבְרָאכְן פָּארְפָאלְק, אוּן זֵיי צוּרִיק בַּאהֶעפְטְן צוּזַאמֶען.

אִיבֶּערְדֶעם יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס מַאכְט זִיךְ חָלִילָה וְחַס אַז ס'אִיז דָא אַ מִיסְפַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ צְווִישְׁן אִים אוּן זַיין פְרוֹי, זָאל נָאר גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס זוּכְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר דֶעם, אוּן עֶר מֵיינְט דָאס אֱמֶת, אוּן עֶר וֶועט זֵיי אַוַודַאי בְּרֶענְגְן דֶעם אֱמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת. אָבֶּער דִי אַלֶע וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט פַארְן מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת זֶענֶען פִּיסְטֶע לֵיידִיגְגֵייעֶר'ס, גְרָאבֶּע יוּנְגֶען, לֵצִים, וְכוּ', וְכוּ', אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אַז ס'זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם זֵיי מַאכְן פַּרְנָסָה פוּן אִידִישֶׁע צָרוֹת, אִיז פַארְוָואס זָאלְן זֵיי עֶנְדִיגְן אִין אֵיין מָאל? וֶוען זֵיי קֶענֶען דָאס אוֹיסְצִיעֶן לְכָל הַפָּחוֹת אוֹיף אַ הַאלְבּ יָאר אָדֶער אַ יָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיסְמֶעלְקְן גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע "שָׁלוֹם בַּיִת

מַאכֶערְ'ס" זַיי מַאכְן מֶער קַאלְיֶע ווי נִיצְן, און דָאס אִיז בָּרוּר כַּשֶּׁמֶשׁ.

אִיךְ בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל עֶר עֶנְק בֵּיידְן גֶעבְּן שֵׂכֶל, און אִיר זָאלְט אוֹיסְהֶערְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשִׁיקְט, וָוארוּם עֶר ווּאוֹינְט נִישְׁט וַוייט פוּן עֶנְק, און עֶר קוּמְט אִין מַיין שְׁלִיחוּת, און עֶר וֶועט נִישְׁט רוּהֶען בִּיז עֶר וֶועט אוֹיסְגְלַייכְן דִי דִיפֶערֶענְסְן צְווישְׁן עֶנְק.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שפה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ח חֶשְׁוָן ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיסוּר יִחוּד, וָואס דָאס אִיז לוֹיט רוֹב פּוֹסְקִים אַ אִיסוּר מִדְאוֹרֵייתָא און מֶען טָאר נִישְׁט מֵקִיל זַיין אִין דֶעם בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן, ווי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יג:) אֵין אַפּוֹטְרוֹפּוֹס לַעֲרָיוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

פָּאלְג מִיר זָאלְסְט בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַזַא אָרְט וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאר אַ פְרוֹי אַ סֶעקְרֶעטַאר וְכוּ', זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ מִיט

פֵייעֶר, קֶענְסְט אָנְוֶוערְן אִין אֵיין מִינוּט דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט צוּזַאמֶען, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם וֶועט מֶען אוֹיף דִיר מוֹצִיא שֵׁם רַע זַיין רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן קֶענְסְט פַארְלִירְן דַיין וַוייבּ זַייעֶר גְרִינְג, אוּן דִי קִינְדֶער דַיינֶע וֶועלְן לַיידְן גְרוֹיסֶע בּוּשׁוֹת וְכוּ' וְכוּ', יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר וָואס דַארְפְסְטוּ דָאס הָאבְּן?

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ אִישׁ אֱלֹקִים אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען עֶסְן בַּיי אִים עֶפֶּעס וַוארֶעמְ'ס? הָאט דֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אַוודַאי אוּן אַוודַאי, נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרוֹיט, אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאפְן בָּארְגְן בַּיי אַ שָׁכֵן אַ בְּרוֹיט אוּן דֶערְוַוייל הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל אַלֵיין אִין דִי דִירָה אוּן עֶס אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען אַ קְלֵיין מֵיידֶעלֶע פוּן דְרֵיי יָאר, אִיז גְלַייךְ רֶבִּי אַבְרָהָם זַ"ל אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן דִי דִירָה, אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן, אוּן וֶוען דֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר אִים זַייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעמוּסֶרְ'ט אוּן אָנְגֶעשְׁרִיגְן, גֶעוַואלְד וָואס הָאסְטוּ מִיר גֶעטוּהְן? הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַ נִסָּיוֹן פוּן יִחוּד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קִילְן פוּן רוֹב וֵוייטָאג, בִּיז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגֶעסְן דָארְטְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אֲפִילוּ אַ קְלֵיין מֵיידֶעלֶע פוּן דְרֵיי יָאר וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז נָאר אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פַאר אַפָּאר מִינוּט צוּ אַ שָׁכֵן בְּרֶענְגְן אַ בְּרוֹיט, הָאט שׁוֹין רֶבִּי אַבְרָהָם

זַ"ל גֶעמַאכְט אַזַא מִין רַעַשׁ, וָואס הָאסְטוּ מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַזַא נִסָיוֹן פוּן אִיסוּר יִחוּד? מִכָּל שֶׁכֵּן אַז דוּ זִיצְט אַלֵיין אִין אַ אָפִּיס מִיט אַ סֶעקְרֶעטַאר זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ מִיט פַייעֶר, אוּן אוֹיף דֶעם זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי ו׳) "הֲיַחְתֶּה אִישׁ אֵשׁ בְּחֵיקוֹ וּבְגָדָיו לֹא תִשָּׂרַפְנָה: אִם יְהַלֵּךְ אִישׁ עַל הַגֶּחָלִים וְרַגְלָיו לֹא תִכָּוֶינָה: כֵּן הַבָּא אֶל אֵשֶׁת רֵעֵהוּ לֹא יִנָּקֶה כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהּ" אִיבֶּערְדֶעם לוֹיף אַוֶועק פוּן דָארְטְן אַזוֹי וִוי מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן פַייעֶר וְכוּ׳, וָוארוּם דוּ וֶועסְט בַּאצָאלְן פַאר דֶעם זֵייעֶר טֵייעֶר וְכוּ׳.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז זָאלְסְט אַוֶועקְשִׁיקְן דִי פְרוֹי אוּן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ מַאן פַאר אַ סֶעקְרֶעטַאר, אַנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ פַארְמַאכְן דַיין גַאנְץ גֶעשֶׁעפְט, עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זַיין אַ אָרֶעמַאן דֶעם גַאנְץ לֶעבְן, וִוי צוּ קוּמֶען אֵיין מָאל צוּ אַ נִסָיוֹן. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם, "אָדֶער אַ נִסָיוֹן, אָדֶער אַ בִּזָיוֹן" יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר וָואס פֶעלְט דִיר דָאס אוֹיס?

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן פַּרְנָסָה בְּהֶיתֵּר אוּן לֹא בְּאִיסוּר, וָוארוּם דָאס אִיז אַ אִיסוּר חָמוּר צוּ זַיין אַלֵיין אִין אַ אָפִּיס מִיט אַ פְרוֹי.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# שפו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ח חֶשְׁוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** בִּין זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן הֶערְנְדִיג וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, אַז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין חִינוּךְ אִיז אוֹיפְצוּבוֹיעֶן אַ קִינְד, נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן אַ קִינְד, מֶען דַארְף אִים שְׁטֶענְדִיג רִימֶען אוּן לוֹיבְּן אוּן אוֹיפְהֵייבְּן, וּבִפְרַט וֶוען מֶען הָאט אַ קִינְד וָואס אִיז צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן, דַארְף מֶען נָאךְ פוּן קְלֵיינְוַוייז אוֹיס נָאר אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוּן רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער. אִיךְ וֵויים אַז דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, בִּפְרַט וֶוען דֶער קִינְד אִיז אַ שְׁוֶוער קִינְד אוּן אַ צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן קִינְד וְכוּ' וְכוּ', אִיז אַדְּרַבָּה אַזַא קִינְד דַארְף מֶען מֶער אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין אִים בִּטָחוֹן עַצְמִי (סֶעלְף קַאנְפִידֶענְטְס בְּלַעַ"ז) דִי אַלֶע עֶלְטֶערְן אוּן מְלַמְּדִים וְכוּ', וָואס זֵיי קְלַאפְּן אַרָאפּ אַ קִינְד, זֵיי וֶועלְן עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין זַיין, וָוארוּם דָאס הֵייסְט רְצִיחָה, מֶען הַארְגֶעט דֶעם קִינְד נַפְשִׁיוּת'דִיג, עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרֶעלִירְן, אוּן זֵיי מוּזְן שְׁרַייעֶן אוּן אִינְטֶערְדְרִיקְן אַ קִינְד וְכוּ', שְׁפֶּעטְן פוּן אִים וְכוּ', זֵיי דַארְפְן גֵיין צוּ אַ פְּסִיכִיַאטֶער נָאךְ הִילְף, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט מְלַמְּדִים וָואס זֵיי אִינְטֶערְדְרִיקְן דִי תַּלְמִידִים אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן זֵיי בָּרַבִּים אוּן קְרִימֶען זֵיי נָאךְ ווִי זֵיי רֶעדְן וְכוּ' וְכוּ', דִי זֶענֶען לֵיידֶער

רוֹצְחִים, זֵיי הַארְגֶענֶען אָפּ דֶעם קִינְד, און עֶר וֶועט זַיין אַ קַאלִיקֶער דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן.

[אִיךְ וֵויים דָאס אִיז זֵייעֶר שַׁארְפֶּע וֶוערְטֶער, אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר דָאס שְׁרַייבְּן, וָוארוּם לֵיידֶער בְּמֶשֶׁךְ אַכְט און פֶּערְצִיג יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּטוּהְן מִיט אַ צִיבּוּר הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן אָן אַ שִׁיעוּר קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוָוארְן פְּרָאבְּלֶעם קִינְדֶער וְכוּ׳, נָאר וַוייל מֶען הָאט זֵיי אִינְטֶערְדְרִיקְט אִין שְׁטוּבּ אָדֶער אִין חֶדֶר, דִי קִינְדֶער אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער נָאכְדֶעם חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן וְכוּ׳, און אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ לֶעבְּן מִיט אַ פְּרוֹי, וָוארוּם זֵיי זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ לֶעבְּן אֵיינְזַאם און צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן].

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וַוייל סְ׳הָאט פַּאסִירְט אַזַא זַאךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, הֵייבּ אָן דוּ מִיט דַיין וַוייבּ אִים אוֹיפְצוּהֵייבְּן, און רֶעד אִים אוֹיס, און וַוייז אִים אַרוֹיס אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט, אִיךְ וֵויים דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִיר און פוּן דַיין וַוייבּ אַלֶע כּוֹחוֹת, אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט טְרַאכְטְן אוֹיף זַיין צוּקוּנְפְט, עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דַיין קִינְד זָאל אוֹיפְוַואקְסְן אַ בַּעַל מוּם נַפְשִׁיוּת׳דִיג וְכוּ׳, דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט, אִיבֶּערְדֶעם הֵייבּ שׁוֹין אָן דוּ מִיט דַיין וַוייבּ אִים זֵייעֶר מְקַרֵב זַיין, און דֶער עִיקָר נִישְׁט רֶעדְן מֶער פוּן דֶעם וָואס הָאט פַּאסִירְט וְכוּ׳, רֶעד נָאר זִיכֶער (פַּאזִיטִיוו בְּלַעַ״ז), מַאךְ נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, גֶעדֶענְקְט אַז דָאס אִיז דַיין זוּהְן, און דוּ און דַיין וַוייבּ דַארְפְן הָאבְּן

פוּן אִים נַחַת, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה אִים אוֹיפְצוּבוֹיעֶן מִיט וָואס אִיר קֶענְט נָאר, אוּן נָאר אַרוֹיסְוַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט, קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיטִיקִירְן וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל פַּאר רֶבִּי נָתָן זַ"ל אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען? ווִידֶעראוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַמָאל פַּאר אֵיינֶעם, מִיט גוּטְן פּוֹעֵלְ'ט מֶען מֶער ווִי מִיט שְׁטְרֶענְגְן, אוּן אוֹיבּ מֶען פּוֹעֵלְ'ט שׁוֹין יָא אַמָאל מִיט שְׁטְרֶענְגְן וְכוּ' וְכוּ', דַארְף מֶען ווִיסְן, אוֹיבּ מֶען וָואלְט גֶעגַאנְגֶען מִיט גוּטְן וָואלְט מֶען בֶּעסֶער גֶעפּוֹעֶלְ'ט.

**דָאס** אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז דָאס דוּ מִיט דַיין ווַייבּ זָאלְן יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי הַצְלָחָה פוּן דָאס קִינְד, וָוארוּם וָואס תְּפִלָּה פּוֹעֵלְ'ט קֶען קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט פּוֹעֵלְ'ן, אָבֶּער אִיךְ מֵיין טַאקֶע יֶעדְן טָאג חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי הַצְלָחָה פוּן דֶעם קִינְד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אֵיינֶעם "פְּרָאבִּיר מִיךְ אוֹיס אוּן בֶּעט אוֹיף אַ זַאךְ פֶּערְצִיג טֶעג, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַ שִׁינוּי לְטוֹבָה".

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פוּן אִים אַסַאךְ נַחַת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# שפז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ח חֶשְׁוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶועְן נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן אוּן נִישְׁט צוּ שְׁמֶעקְן טַאבֶּעק, בַּיי אוּנְז בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים אִיז יֶעדְן דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֵייעֶר הֵיילִיג, אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט נֵיין! ווייסְט מֶען אַז נֵיין! כָאטְשׁ מֶען הָאט אַ גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרָע צוּ רֵייכֶערְן וְכוּ' אָבֶּער אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶועְן מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן, צוּבְּרֶעכְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן מֶען רֵייכֶערְט נִישְׁט!.

**עֶס** אִיז אִיבְּרִיג צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, וָוארוּם דִי דָאקְטוֹרִים שְׁרֵייעֶן אַז פוּן רֵייכֶערְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען לוּנְגֶען קֶענְסֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**אוּן** לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, וויפִיל קָאסְט אַ פֶּעקְל צִיגֶערֶעטְלֶעךְ? לְכָל הַפָּחוֹת אִיבֶּער צֶען דָאלְלֶער. צוּ ווייסְטוּ וָואס מֶען קֶען קוֹיפְן פַאר צֶען דָאלְלֶער? אַ גַאנְצֶע בְּרוֹיט, מִיט אַ מִילְךְ, מִיט פִּיטֶער, מִיט אֵייעֶר, וְכוּ', אוּן מֶען קֶען שְׁפֵּייזְן מִיט דֶעם אַ מִשְׁפָּחָה פוּן פוּנְף קִינְדֶער, ווער רֶעדְט נָאךְ אַז אֵיינֶער דַארְף הָאבְּן צְוֵויי פֶּעקְלֶעךְ צִיגֶערֶעטְלֶעךְ אַ טָאג, אוּן עֶר פַּאטְשְׁקֶעט אַוֶועק אִיבֶּער

צְוַואנְצִיג דָאלְלֶער אַ טָאג וָואס עֶר קֶען שְׁפֵּייזְן מִיט דֶעם אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מִיט אַ בְּרֵייטְן נאכְטְמָאל, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי רֵייכֶערְן זֶענֶען פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט מְשׁוּגֶע, אוּן חָסֵר דֵעָה, מֶען נֶעמְט צֶען דָאלְלֶער אוּן מֶען צִינְדְט עֶס אָן מִיט אַ שְׁוֶועבֶּעלֶע אוּן עֶס גֵייט אַוֶועק אִין רוֹיךְ, אוּן וֶוען עֶר אִיז מֶער מְשׁוּגֶע נֶעמְט עֶר אַ צְוַואנְצִיגֶער דָאלְלֶער בִּיל אוּן צִינְדְט עֶס אָן מִיט אַ שְׁוֶועבֶּעלֶע אוּן סְ'גֵייט אַוֶועק אִין רוֹיךְ, בְּשְׁעַת עֶר וֵויינְט אוּן קְלָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן עֶסְן פַאר זַיין ווייב אוּן קִינְדֶער, אָדֶער עֶר אִיז שוּלְדִיג פַארְן גְרָאסֶערִי סְטָאר וְכוּ' וְכוּ', דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פָּשׁוּט מְאַבְּדִין עַצְמָן לָדַעַת.

[אִיךְ וֵויים עֶס וֶועט דִיךְ וֵויי טוּהְן אַז אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעשְׁרִיבְּן, אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר דָאס אוֹיפְקְלֶערְן אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל, דוּ זָאלְסְט אַלֵיין אַיינְזֶעהְן וָואס הֵייסְט אַ מְשׁוּגֶענֶער, עֶר נֶעמְט אַ צֶען דָאלְלֶער בִּיל, אוּן צִינְדְט עֶס אָן מִיט אַ שְׁוֶועבֶּעלֶע, אוּן בְּלָאזְט מִיטְן רוֹיךְ, אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט מְשׁוּגֶע?].

מִכָּל שֶׁכֵּן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, אִיז נִישְׁטָא אֲפִילוּ וָואס זִיךְ צוּ דִינְגֶען מִיט דֶעם, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר פָּשׁוּט, אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל זִיךְ אָנְרוּפְן בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד, מוּז פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אוּן אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיבֶעט מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין שׁוּם מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, נָאר וַויין

אויף קִידוּשׁ און הַבְדָלָה נִישְׁט מֶער, נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין בְּרוֹינְפְּן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן.

רַבִּי נַחְמָן טולְטְשִׁינֶער זַ"ל הָאט אַמָאל גֶעזֶעהְן ווי אֵיינֶער מַאכְט קִידוּשׁ אויף אַ גְרויסְן בֶּעכֶער בְּרוֹינְפְּן שַׁבָּת אִינְדֶערפְרִי, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, דִי אַלֶע וָואס זֵיי מַאכְן קִידוּשׁ אויף בְּרוֹינְפְּן, אָדֶער עֶר אִיז אַ שִׁיכּוֹר, אָדֶער עֶר אִיז אַן עַם הָאָרֶץ. טְרִינְקְט מֶען רוֹב כּוֹס פוּן אַ גְרויסְן בֶּעכֶער בְּרוֹינְפְּן אִיז מֶען אַ פְּרָאסְטֶער שִׁיכּוֹר, טְרִינְקְט מֶען פוּן אַ קְלֵיין גְלֶעזֶעלֶע בְּרוֹינְפְּן הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען קַיין קִידוּשׁ, וָוארוּם ס'הָאט נִישְׁט דֶער שִׁיעוּר.

דָאס אִיז אַלֶעס גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אויף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן, און נִישְׁט צוּ שְׁמֶעקְן טַאבֶּעק, און נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, מִכָּל שֶׁכֵּן אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס טְרִינְקְט דֶעם בִּיטֶערְן טְרָאפְּן וְכוּ', אָדֶער עֶר רֵייכֶערְט וְכוּ', דֶער אִיז עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִין, וָוארוּם זַיינֶע תַּלְמִידִים מוּזְן צוּקוּקְן ווי דֶער רֶבִּי אָדֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֵייכֶערְן וְכוּ', פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זֵיי וֶועלְן דָאס נָאכְמַאכְן וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן, וָוארוּם אַז דֶער מְלַמֵד אָדֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מֶעגְן, מֶעג אִיךְ אַוַודַאי, אִיבֶּערְדֶעם אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָדֶער אַ מְלַמֵד אַז זֵיי רֵייכֶערְן אִיז עֶר אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא אֶת הָרַבִּים, וּבִפְרַט עֶר מַאכְט אוּמְגְלִיקְלֶעךְ בָּחוּרִים וָואס זֵיי מַאכְן אִים נָאךְ.

אִיךְ הָאף אַז דו וֶועסְט מַיינֶע וֶוערְטֶער אַריינְלֵייגְן אִין דַיין הַארְץ, אוּן פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ אַוֶועקְוָוארְפְן דִי צִיגֶערֶעטְלֶעךְ אוּן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## שפח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיֵּצֵא רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דִיךְ צוּ זֶעהְן, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט גֶעזֶעהְן.

סְ'אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זַ"ל אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאזְט אָפּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן נֶעמְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן מְקוּרָב וָואס אִיז מְקוּרָב צוּ אוּנְז, אִים מַחְלִישׁ דַעַת זַיין וְכוּ' וְכוּ', עֶר בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין אַלֶע מִינֵי קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת, אַבִּי עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן יֶעדְן מְקוּרָב וָואס אִיז מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזֶעהְן, דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אַז דו בִּיסְט נָאךְ דָא מִיט אוּנְזֶער קִיבּוּץ.

ווִיידֶערְאוּם הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, אַז דו הָאסְט מִיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶטְץ הָאטְס גֶעמַאכְט אַן עֶקְסְטֶערְן

מִנְיָן, און אַזוי וֶועט אוֹיפְגֶעהֶערְט וֶוערְן אַלֶע וִויכּוּחִים וְכוּ', און קְרִיגֶערַייעֶן וְכוּ', און דִיפֶעֶרֶענְסְן וְכוּ', אָבֶּער אִיךְ זָאג דִיר אַרוֹים בְּפֵירוּשׁ כָּל זְמַן ס'וֶועט הֵייסְן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" זָאלְסְטוּ וִויסְן דָאס בַּאלַאנְגְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ט) אַז דֶער צַדִיק בּוֹיעֶט אַ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אָבֶּער מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי רַע פוּן דִי מְקוֹרָבִים זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אָנְכַאפְּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט וֶוען חָלִילָה וְחַס אֵיינֶער אִיז קְרַאנְק און עֶר אִיז אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט עֶפֶּעס אַ מַחֲלָה דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי אַנְדֶערֶע זָאלְן נִישְׁט אָנְגֶעשְׁטֶעקְט וֶוערְן מִיט דִי מַחֲלָה, אַזוֹי אוֹיכֶעט וֶוען מֶען מַאכְט אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי רַע פוּן יֶענֶעם זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְקְלֶעבְּן אִין אִים, [וָואס מֵיינְסְטוּ אִיז דֶער רַע פוּן יֶענֶעם? מָרָה שְׁחוֹרָה און עַצְבוּת וְכוּ', מַחֲלוֹקֶת און וִויכּוּחִים וְכוּ', וָוארוּם קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערְן דַעַת פוּן אַ צְוֵוייטְן, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס"ג) כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶם שׁוֹנוֹת כַּךְ דֵיעוֹתֵיהֶם שׁוֹנוֹת;] אִיךְ הָאף זֵייעֶר אַז אִין דֶעם נַייעֶם בֵּית הַמִדְרָשׁ זָאל דָארְטְן אוֹיךְ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן נָאכְדֶעם וִויכּוּחִים און פֵּירוּדִים וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי רַע פוּן אַ צְוֵוייטְן וְכוּ'.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי דָאס ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז שׁוֹין זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס און עֶס אִיז זֵייעֶר וַוייט צוּ גֵיין פוּן אֵיין עֶק צוּם אַנְדֶערְן, בִּפְרַט וֶוען עֶס רֶעגְנְט וְכוּ', און וֶוען עֶס שְׁנַייט וְכוּ',

אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיךְ צְווֵיי זַאכְן, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז, עֶס זָאל זַיין אָפִּיצְיֶעל אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ". אוּן דִי צְווֵייטֶע, אֵיינֶער זָאל אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן אַלֶע זָאלְן צוּשְׁטֵייעֶר גֶעבְּן פַּאר דִירָה גֶעלְט אוּן לֶעקְטֶער וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי וֶועלְן זֵיי הָאבְּן צוּזַאמֶען אַ קֶשֶׁר מִיטְן בֵּית הַמִדְרָשׁ.

זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס פוּן אֵיין בֵּית הַמִדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אוֹיפְן צְווֵייטְן בֵּית הַמִדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" וָוארוּם אִיךְ קֶען נִישְׁט לַיידְן קַיין מַחֲלוֹקֶת, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אִין מַיין לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלִיטְן פוּן מַחֲלוֹקֶת.

דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען צְווֵיי פְּרָאסְטֶע טְרֶעגֶער'ס קְרִיגְן זִיךְ שְׁטֶעכְט מִיר דִי זַייטְן, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מַחֲלוֹקֶת, וַוייל דָאס פַארְלֶענְדְט אַלֶעם רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן ס"ו) בְּמָקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְט אִיר הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ צַאמְקוּמֶען אוּן מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, וָוארוּם עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אַז עֶס זָאל זַיין אִין אַלֶע עֶקְן פוּן שְׁטָאט אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ".

דֶער עִיקָר פַארְגֶעס נִישְׁט רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אַבִּיסְל, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט

ווי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְנְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ; אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דָאס מְקַיֵּים יֶעדְן טָאג בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן חוֹדֶשׁ**

## שפט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר וַיֵּצֵא רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען גוּט אַלֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט דִיר נָאכְן שִׁיעוּר נֶעכְטְן בַּיינַאכְט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**מַאךְ** דִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן פוּן גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי ס׳וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען וְכוּ׳, דוּ גֵיי אָן מִיט דִי יְשִׁיבָה, אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרֵיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַסַאךְ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת,

וָוארוּם סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זַאךְ וָואס עֶס פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת וִוי מִשְׁנַיּוֹת, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אוּן יְרוּשַׁלְמִי (הוֹרָיוֹת פֶּרֶק ג' הֲלָכָה ה') רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָן אָמַר מִשְׁנֶה קוֹדֶם לְתַלְמוּד, וּמַה טַעֲמָא קְנֵה חָכְמָה קְנֵה בִּינָה וְגוֹ'; זָאגְט דֶער "פְּנֵי מֹשֶׁה" אוֹיף דֶעם, חָכְמָה הִיא הַמִשְׁנֶה, וּבִינָה הִיא הַתַּלְמוּד, שֶׁעַל יְדֵי הַגְּמָרָא נוֹתְנִים לֵב לְהָבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר וְטַעַם הַמִשְׁנֶה, וְהִקְדִּים חָכְמָה לְבִינָה; דָאס הֵייסְט אַז קוֹדֶם דַארְף מֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַ בָּחוּר וָואס עֶס אִיז אוֹיף אִים אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וָואס עֶס אִיז אוֹיף אִים אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ' וְכוּ' אִיז דִי עֵצָה אַז עֶר זָאל זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת כְּסִדְרָן, אוּן דָאס וֶועט רֵיינִיגְן זַיין נְשָׁמָה פוּן אַלֶע פְלֶעקְן וָואס עֶר הָאט דָאס פַארְפְלֶעקְט, אוּן מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת בְּרֶענְגְט דֶער מֶענְטְשׁ אִין זִיךְ אַרַיין אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אַנְדֶערֶע לִימוּדִים אוֹיךְ, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ"ד ו') "כִּי בְתַחְבּוּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְךָ מִלְחָמָה" אָמַר רַבִּי אַחָא בַּר חֲנִינָא אָמַר רַבִּי אַסִי אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנֶה; אַ בָּחוּר הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, בִּפְרַט וֶוען עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער מִיט זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת מִיט דֶעם רֵיינִיגְט עֶר זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען נָאכְדֶעם אוֹיךְ גְּמָרָא אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ' וְכוּ', דָאס לִימוּד מִשְׁנַיּוֹת בִּינְדְט צוּ דִי נְשָׁמָה צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶס אִיז מְחַבֵּר דִי

עוֹלָמוֹת צוּזַאמֶען אַזוֹי ווִי עֶס ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית מ"ב) מַאן דְּקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְּיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְּׁרָא קִשּׁוּרָא וְיִחוּדָא דְּמָארֵיהּ כִּדְקָא יָאוּת, אִילֵין אִינּוּן דִּמְקַדְּשִׁין שְׁמָא קַדִּישָׁא דְּמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; [ווֶער עֶס לֶערְנְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער ווַייסְט ווִיאַזוֹי מְחַבֵּר צוּ זַיין דִי עוֹלָמוֹת וְכוּ', אוּן דוּרְךְ אִים ווֶערְט גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע יִחוּדִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ', אוּן דִי ווָאס זֵיי לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג מִשְׁנָיוֹת זֶענֶען מְקַדֵּשׁ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען יֶעדְן טָאג].

**רֶעד** נִישְׁט פוּן דֶעם נַייעֶם בֵּית הַמִּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" ווָאס זֵיי הָאבְּן גִיעֶפְנְט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט וְכוּ', וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט פַאר דִי בָּחוּרִים וְכוּ', ווֶעסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס ווֶעט אַיינְגֶעשְׁטִילְט ווֶערְן דִי מַחֲלוֹקֶת אוּן דִי ווִיכּוּחִים, אוּן עֶס ווֶעט בַּיים סוֹף אַלֶעם גוּט זַיין.

**דֶער** עִיקֶר אִיז זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן דַיין גַאנְצְן קָאפּ אוּן מֹחַ ווִיאַזוֹי מְחַזֵּק זַיין דִי בָּחוּרִים אוּן זֵיי שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס זֵיי זָאלְן ווֶערְן זֵייעֶר עֶרְנְסְט אוּן זָאלְן זַיין גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער.

**מֶען** דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן מִיט זֵיי, זֵיי זָאלְן אַוֶועקְוַוארְפְן דִי כְּלֵי מַשְׁחִית ווָאס הֵייסְט אַיי-פַּאד וְכוּ' בְּלֶעקְבֶּערִי וְכוּ' ווָאס מֶען קֶען דָארְטְן זֶעהְן אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ', אוֹיךְ דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין דִי בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט רֵייכֶערְן קַיין צִיגֶערֶעטְלֶעךְ ווָארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם

זַייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, און נִישְׁט שְׁמֶעקְן טַאבַּאק, און נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר. אַוַודַאי אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע, אָבֶער דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם יֵצֶר הָרָע וְכוּ' וְכוּ'.

**זָאלְסְט** זֶעהְן צוּ זַיין שְׁטַארְק, און דוּ זָאלְסְט פָּארְלֶערְנֶען דֶעם סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת שַׁבָּת אִינֶדערְפְרִי, און לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זָאלְסְט רֶעדְן נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און פוּן תּוֹרָה און פוּן תְּפִלָּה און פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און דוּ וֶועסְט זֶעהְן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רַבִּי נָתָן זַ"ל דוּ רֶעד מִיט מֶענְטְשְׁן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף יֶענֶעם דוּרְךְ, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, דוּ רֶעד, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט וִויסְן וָואס מִיט יֶענֶעם גֵייט דוּרְךְ, הָאט רַבִּי נָתָן זַ"ל פַארְשְׁטַאנֶען דָאס אַז מֶען רֶעדְט מִיט יֶענֶעם פּוֹעֵל'ט מֶען בְּוַודַאי יָא. שְׁטַארְק דִיךְ וֶועט דִיךְ שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג און אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

# שצ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ג' כִּסְלֵיו ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ זְכוּת דוּ הָאסְט וָואס דוּ דְרִיקְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, עֶס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, אוּן וְוִיסְן דַארְפְסְטוּ וְוִיסְן אַז רוֹב רוּבָּם פוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן נָאר דוּרְךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן נִישְׁט דוּרְךְ מֶענְטְשְׁן וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצב) דָאס פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ פוּן צַדִּיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דָאס זֶעהְט מֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶוער עֶס קוּקְט נָאר אַרַיין אִין אֵיין סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוערְט גְלַייךְ דֶערְוֶועקְט זַיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֶּענְקֶענִישׁ וָואס מֶען גֶעפִינְט נִישְׁט אִין אַ אַנְדֶערֶע פְלַאץ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זַ"ל הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט צַוָואָה אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן "אֵייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין עֶס זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה, מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין גֶעלְט אִין רָצוֹן אוּן אִין טִירְחָה".

**רַבִּי** אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט אַז אַ בִּירוּר אִין רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז נָאר דָא אִין דְרַיי זַאכְן: [א].

דָאס צַאמְקוּמֶען זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי". [ב]. דֶעם עִנְיָן פוּן הַדְפָּסָה, דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. [ג]. אָנְצִינְדְען אַ נֵר תָּמִיד אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.

**אוֹיפְן** עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר מַרְבֶּה מַסְבִּיר זַיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם, אוּן וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן. אוּן אוֹיפְן עִנְיָן פוּן נֵר תָּמִיד אִיז עֶר מַסְבִּיר וְויאַזוֹי מֶען מַאכְט אַ נֵר תָּמִיד עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶעשְׁן אוּן נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְן דִי וֶוענְט, אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נֵר תָּמִיד סִימָן א') בִּזְכוּת נֵר תָּמִיד הַדוֹלְקִין בְּשֶׁמֶן זַיִת נִיצוֹלִין מִגְזֵירַת שְׁמַד. אָבֶער אוֹיפְן עִנְיָן פוּן הַדְפָּסָה זָאגְט עֶר אוֹיף דֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים מַסְבִּיר זַיין וִוי גְרוֹיס דָאס אִיז, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן צוּשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**זָוארוּם** דוּ דַארְפְסְט וִויסְן הַיינְטִיגֶע צַייטְן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹיפִיל צוּבְרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת וְכוּ', מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט פוּן דִי גְרוֹיסֶע צָרוֹת וָואס זֵיי לַיידְן וְכוּ', דֶער טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ וְכוּ', דֶער הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת וְכוּ', דֶער הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער וְכוּ', דֶער הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ', דֶער הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן עֶר אִיז פַארְוויקֶעלְט מִיט חוֹבוֹת וְכוּ',

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין צָרָה מִיט זַיין אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, בִּיז סְ'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט פוּן זֵייעֶרֶע צָרוֹת דָאס רַחֲמָנָא לִיצְלָן זֵיי בֶּעטְן דֶעם טוֹיט וְכוּ' פוּן רוֹב יְאוּשׁ וְכוּ', און צוּ זֵיי קוּמְט אִינְטֶער אַ סֵפֶר'ל אַ קוּנְטְרֵס'ל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז הוֹילֶע הִתְחַזְקוּת און זֵיי וֶוערְן אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם בִּיז זֵיי וֶוערְן נִשְׁתַּנֶּה מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, און מַמָּשׁ דָאס סֵפֶר'ל אִיז אִים מְחַיֶּה, און דָאס אִיז זַיין גַאנְץ חַיּוּת, און זַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז תָּלוּי אִין דֶעם סֵפֶר'ל אָדֶער אִין דֶעם קוּנְטְרֵס'ל וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן, פְרֶעג אִיךְ דִיר, אִיז נִישְׁט כְּדַאי אִינְוֶועסְטִירְן צַייט מִיט כֹּחַ מִיט מִיָה מִיט טִירְחָה מִיט גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', צוּ רַאטֶעוֶוען אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת? עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן דֶעם, ווי די חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא יא.) כָּל הַמְקַיֵּים נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא; וָוארוּם אַז מֶען רַאטֶעוֶועט אָפּ אֵיין אִידִישׁ נֶפֶשׁ אִיז אַזוֹי ווי מֶען הָאט אָפְּגֶערַאטֶעוֶועט אַ גַאנְצֶע וֶועלְט, וָוארוּם פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס נָאכְדֶעם דוֹרוֹת און דוֹרֵי דוֹרוֹת. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיטְן עִנְיָן פוּן הַדְפָּסָה.

**עֶס** אִיז בַּאווּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען און עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ דְרִיקֶערֵיי בַּיי אִים אִין שְׁטוּב, און עֶר אַלֵיין מִיט זַיין זוּהְן רֶבִּי שַׁבְנָא זַ"ל הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעמַסֶר'ט, אִיבֶּערְדֶעם

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר, אוּן רוּהְ נִישְׁט אֵיין טָאג, נָאר זָאלְסְט דְרִיקְן יֶעדְן טָאג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן דִי בָּחוּרִים וֶועלְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן, אוּן מִיט דֶעם מֶעגְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן, וָוארוּם עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא שִׁימוּשׁ פַארְ'ן צַדִיק ווִי דְרִיקְן זַיינֶע סְפָרִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב' סִימָן י"ד) עַל יְדֵי שִׁימוּשׁ הַצַדִיק בָּא חֵירוּת וְנִתְבַּטֵל הַקְלָלוֹת; אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז מְשַׁמֶשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם אוֹת יִרְאָה סִימָן ט') עַל יְדֵי שִׁימוּשׁ צַדִיקִים יָבֹא לְיִרְאַת שָׁמַיִם.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ לֶעבְטִיגְן תָּמִיד**

## שצא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ז' כִּסְלֵיו ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶעה נִישְׁט צוּ מוּטְשֶׁען דַיין זוּהְן, אוֹיבּ עֶר שֶׁעמְט זִיךְ וְכוּ', לָאז אִים גֵיין דַאוֶועןנֶען וואוּ דַיין טַאטֶע גֵייט, אַזוֹי וֶועט עֶר כָאטְשֶׁע הָאבְּן הַשְׁגָחָה, מֶען קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען אַ קִינְד, בִּפְרַט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל דֶערְוַואקְסְן, אוּן עֶר אִיז אַ קְלוּג קִינְד וְכוּ', אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן זַיי דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קַיין שוּם זַאךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן, דֶער עִיקֶר זָאלְסְטוּ זֶעהְן אַסַאךְ צוּ בֶּעטְן, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע וָואךְ**

## שצב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ז׳ כִּסְלֵיו ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן קַיין שוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס דוּ טוּהסְט אוֹיף מִיט דִי סְפָרִים וָואס דוּ דְרִיקְסְט, עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין דִי טוֹיזֶענְטֶער אָן קַיין שוּם גוּזְמָא, אוּן דָאס וֶוערְט צוּכַאפְּט בַּיי יֶעדְן אִיד, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דַיין אַרְבֶּעט, כָּאטְשֶׁע עֶס קוּמְט דִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָוארוּם דוּ בִּיסְט פַארְוִויקְלְט מִיט חוֹבוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער גְלֵייבּ מִיר אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ, וָוארוּם סְ׳אִיז דָא לֵיידֶער אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שוּלְדִיג חוֹבוֹת אוֹיף נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דוּ בִּיסְט כָּאטְשֶׁע שוּלְדִיג חוֹבוֹת אוֹיף רוּחְנִיוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ׳לְווּ עָלַי וַאֲנִי פּוֹרֵעַ׳.

גְלֵייבּ מִיר אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מְקַנֵא, וָוארוּם מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס הֵייסְט מְקָרֵב זַיין אַ אִיד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס הֵייסְט אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין אַ אִידִישׁ קִינְד פָּשׁוּט אֱמוּנָה, אַז וואוּיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֵיי אָן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווִי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן. אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען הַצְלָחָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵייליכֶע וָואךְ**

# שצג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיִשְׁלַח ח' כִּסְלֵו ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דוּ** דַארְפְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין גֶעלְט וְכוּ', עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף אַ אִיד וָואס עֶר פַארְנַאכְטְלֶעסִיגְט זַיין גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, ווִיפִיל תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ אָן כְּדֵי עֶר זָאל פַארְדִינֶען דִי גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם עֶר הָאט שׁוֹין דִי גֶעלְט אִיז מִיט אַ גְרִינְגֶע סִיבָּה פַארְלִירְט עֶר עֶס אִינְגַאנְצְן.

אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ דִיר אוּן עֶר בֶּעט דִיךְ דוּ זָאלְסְט אִינְוֶועסְטִירְן בַּיי אִים, אוּן עֶר גֶעבְּט דִיךְ נָאךְ צֶען פְּרָאצֶענְט, זָאלְסְטוּ שׁוֹין ווִיסְן אַז דָאס אִיז גְנֵיבָה וְכוּ', דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, דֶער קֶרֶן אִיז נִישְׁט זִיכֶער, וָוארוּם דֶער בַּאנְק גֶעבְּט אֵיין פְּרָאצֶענְט, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן עֶר גֶעבְּט דִיךְ צֶען פְּרָאצֶענְט זֶעהְסְטוּ גְלַייךְ אַז דָא טוֹיג נִישְׁט עֶפֶּעס. אוּן דָאס אִיז פָּשׁוּט. אִיבֶּערְדֶעם פָאלְג מִיר, דוּ זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, טוּה נִישְׁט גָארְנִישְׁט אָן קַיין לוֹיעֶר, וַוייל מֶען קֶען דִיךְ צוּנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, אִין אֵיין נַאכְט הָאסְטוּ פַארְלָארְן אַלְסְדִינְג.

אִיךְ מוּז דִיר וָוארֶענֶען, וָוארוּם רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה וְכוּ', אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעוָוארְן אִין אֵיין נַאכְט מִיט אַזֶעלְכֶע חָכְמוֹת.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, מֶען זָאל הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

# שצד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח ח' כִּסְלֵו ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּריוו.

אִיךְ ווייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט אַרָאפְּקְלַאפְּן דַיין זוּהְן וְכוּ', דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶר אִיז נָאךְ מִיט דִי פֵּיאוֹת אוּן עֶר לֵייגְט יֶעדְן טָאג תְּפִילִין וְכוּ', הֶעכְסֶנְס גֵייט עֶר מִיט, מִיט דִיר וְכוּ', אִיז וָואס אִיז? אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט זִיךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר קֶען זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פוּן אוּנְטֶער דִי עֶרְד זוּכְט עֶר פְּרָאבְּלֶעמֶען, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מִיט דִיר, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶר אִיז דֶערְוַוייל בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ אִיד אַ שׁוֹמֵר תּוֹרָה וּמִצְווֹת, עֶר לֵייגְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, עֶר הָאט נָאךְ דִי פֵּיאוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָואס דַארְפְסְטוּ אִים אַזוֹי מְצַעֵר זַיין אוּן אַזוֹיפִיל צוּבְּרֶעכְן, אַדְרַבָּה בּוֹי אִים אוֹיף, זָאג שְׁטֶענְדִיג וָואסֶערֶע פַיינֶער בָּחוּר עֶר אִיז, וָואסֶערֶע גוּטֶע מִדּוֹת עֶר הָאט וְכוּ' וְכוּ', אוֹיף אַזַא אוֹפְן וֶועט עֶר בֶּאֱמֶת וַואקְסְן, אָבֶער אַז דוּ קְלַאפְּסְט אִים אַלְץ אַרָאפּ אוּן דוּ זָאגְסְט אִים מוּסָר, וֶועְרט עֶר הֶערְשְׁט צוּבְּרָאכְן, אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ שֵׂכֶל, צוּבְּרֶעךְ נִישְׁט דַיין זוּהְן, פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ אִים נָאר לוֹיבְּן, וָוארוּם דָאס אִיז דִי יְסוֹד אִין חִינוּךְ, אַז מֶען דַארְף אַ קִינְד שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְבּוֹיעֶן וְכוּ', אוּן לוֹיבְּן וְכוּ', אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן אִים אַסַאךְ נַחַת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

# שצה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח ט' כִּסְלֵיו ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ אָנְנֶעמֶען מִיט שְׁטַארְקֶע גֶעדוּלְד, אוֹיף דִי וֶועלְט אַז מֶען וִויל הָאבְּן הַצְלָחָה מוּז מֶען הָאבְּן סַבְלָנוּת, זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, וַוייל אָן גֶעדוּלְד קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי מִדָּה פוּן גֶעדוּלְד, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שֶׁענֶערֶע מִדָּה פוּן דֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) צוּקוּמֶען צוּ סַבְלָנוּת, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אֲרִיכוּת אַפַּיִם, גֶעדוּלְד, קֶען מֶען נִישְׁט נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן אִים, דֶעמָאלְט קֶען קַיין שׁוּם זַאךְ אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, וֶוען וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן? וֶוען עֶר פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶר מֵיינְט אַז אַלְסְדִינְג אִיז טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָל, דָאס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְצַעֵר דֶעם צְוֵויטְן, וַוייל עֶר וִויל אַזוֹי וְכוּ', עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דִי צַעַר וָואס עֶר לַיידְט אִיז נָאר וֶועגְן זַיינֶע חֲטָאִים אוּן עֲווֹנוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') דָאס וָואס

אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט, לַיידְט עֶר נָאר וֶועגְן זַיינֶע חַטָאִים וָואס אִיז אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, און זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים לד) "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה" וֶוער הַארְגֶעט אַוֶועק דֶעם רָשָׁע? דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן. אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, דֶער לַיידְט צָרוֹת צְרוּרוֹת, וָוארוּם דִי חַטָאִים וֶוערְן אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, און זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, און דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז מֶענְטְשְׁן רוֹדֶפְ'ן אִים וְכוּ' וְכוּ', עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר רוֹדֶפְ'ט זִיךְ אַלֵיין וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דָא אֵיין עֵצָה זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, הַאלְטְן אִין אֵיין אוֹיסְזָאגְן פַּארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, און בֶּעטְן מְחִילָה סְלִיחָה וְכַפָּרָה, און דוּרְךְ ווידוי דְבָרִים גֵייט אַרוֹיס דִי אַלֶע עֲווֹנוֹת וָואס עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן זַיין שְׁטַארְק אִין דִי נְקוּדָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז אַלֶעם וֶועט אַדוּרְכְגֵיין וִוי סְ'דַארְף צוּ זַיין.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָוארוּם סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## שצו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח ט׳ כִּסְלֵיו ה׳תשע״ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** וָואלְט זֵייעֶר דִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן שְׁרַייבּ נִישְׁט אוֹיף מִיר קַיין גְרוֹיסֶע טִיטְלֶען פוּן צַדִיק יְסוֹד עוֹלָם וְכוּ׳, הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ וְכוּ׳, כָאטְשֶׁע מִיר מַאכְט דָאס גָארְנִישְׁט אוֹיס, פַארְוָואס? וַוייל ס׳שְׁטֵייט (דְּבָרִים א׳) ״מוֹל סוּף בֵּין פָּארָן וּבֵין תֹּפֶל״ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ צַדִיק טַייטְשְׁ׳ן, אוֹיבּ ס׳לִיגְט פַאר דִי אוֹיגְן דֶעם סוֹף, ווִי מֶען וֶועט זַיין אַ מֵת אוּן אַ גוֹסֵס, אוּן מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, אוּן מֶען וֶועט בַּאגְרָאבְן, דָאס אִיז ׳מוֹל סוּף׳ אַז ס׳לִיגְט פַאר דִי אוֹיגְן דֶעם סוֹף, דֶעמָאלְטְס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק ׳בֵּין פָּארָן׳ אַז מֶען רוּהְמְט אִים לָשׁוֹן הִתְפָּאֲרוּת, ׳וּבֵין תֹּפֶל׳ לָשׁוֹן תִּפְלוּת, אַז מֶען אִיז אִים מְבַזֶה, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר טְרַאכְט אוֹיפְן תַּכְלִית, אִים אִינְטֶרֶעסִירְט שׁוֹין נִישְׁט אַז דֶער שְׁרַייבְּט אוֹיף אִים גְרוֹיסֶע טִיטְלֶען אוּן דֶער אַנְדֶערֶער רֶעדְט אוֹיף אִים כָּל דָבָר אָסוּר.

**בָּרוּךְ** הַשֵּׁם פוּן זִינְט מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט עֶר אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי יְדִיעָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת זַיין אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג אוּן אַ שָׁעָה אוּן אַ רֶגַע וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, יֶעצְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אוֹיף דֶעם, גֵייט אִים דִי לֶעבְּן אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, אִים אִינְטֶרֶעסִירְט שׁוֹין

נִישְׁט צוּ מֶען רוּהְמְט אִים, צוּ מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, אָדֶער מֶען לוֹיבְּט אִים וְכַדּוֹמֶה, אִיבֶּערְדֶעם אִינְטֶרֶעסִירְט מִיר נִישְׁט, אָבֶּער מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג זִיךְ רֶעכֶענֶען וָואס יֶענֶער זָאגְט, יֶענֶער קוּקְט דָאס אָן זַייעֶר זַייעֶר פְרֶעמְד, וָואס שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיף אִים צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ וְכוּ' וְכוּ', מִיר זֶענֶען זַייעֶר וַוייט פוּן דִי אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן, דִי אַלֶע טִיטְלֶען אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקַייטְן.

**עֶם** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דִי תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע פְלֶעגְן גֵיין בַּיים סֵדֶר נַאכְט צוּהֶערְן וִוי פָּשׁוּטֶע אִידְן רֶעכְטְן אָפּ דֶעם סֵדֶר, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלֶערְנְט פוּן דֶעם אַ מוֹרָא'דִיגֶער מוּסַר הַשְּׂכֵל, וָוארוּם אַזוֹי הָאט זֵיי דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז אִיר זָאלְט זֶעהְן וִוי חָשׁוּב אוּן טַייעֶר אִיז דָאס אֱמֶת פוּן פָּשׁוּטֶע אִידְן, דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ הָאט אַמָאל גֶעשִׁיקְט תַּלְמִידִים אוֹיבֶעט צוּ גֵיין אוּנְטֶער הֶערְן דֶעם סֵדֶר, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אִינְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אַ פֶענְסְטֶער, הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט וִוי אַ דָארְפְ'ס אִיד וַויינְט זַייעֶר שְׁטַארְק אוּן עֶר שְׁרֵייט "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר", "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר", אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אוּן עֶר וַויינְט זַייעֶר, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען זַייעֶר נֵייגֶעריג וָואס הָאט עֶר זִיךְ דָא אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי תָּם, אוּן וָואס וַויינְט עֶר אַזוֹי, זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, ר' אִיד וָואס וַויינְט אִיר אַזוֹי? זָאגְט עֶר אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן דֶעם אֱמֶת אִיךְ הָאבּ דָא גֶעזֶעהְן אַרְבָּעָה בָּנִים ס'אִיז דָא פִיר קִינְדֶער, ס'אִיז דָא אַ חָכָם, ס'אִיז דָא אַ רָשָׁע, זֵיי זָאגְן עֶפֶּעס, דֶער חָכָם זָאגְט

עֶפֶּעס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ 'תָּם מָה הוּא אוֹמֵר', "תַּם" אוֹיף רוּסִישׁ פּוֹלִישׁ מֵיינְט דָארְטְן, אָבֶּער דָארְטְן אִין הִימְל וָואס זָאגְט מֶען? אוֹיף דֶעם הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, מֶען אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן דָאס פַארְ'ן מַגִּיד אִיז עֶר אוֹיסְנַאם אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת, אַ אִיד וֵויינְט "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר" וָואס זָאגְט מֶען אוֹיבְן, אוֹיף דֶעם עוֹלָם, דֶעם רוּפְט מֶען חָכָם, אוּן דֶעם רוּפְט מֶען רָשָׁע, דֶעם שְׁרַייבְּט מֶען שְׁבָחִים הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם, אוּן דֶעם שְׁרַייבְּט מֶען אַלֶע זִלְזוּלִים, דִי אַלֶע זַאכְן אִיז נַארִישְׁקֵייטְן, "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר" וָואס זָאגְט מֶען אוֹיבְן?

דִי עִיקָר וָואס מִיר הָאבְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט עֶנְק; מְמֵילָא גֶעבּ אַכְטוּנְג שְׁרַייבּ נִישְׁט אוֹיף מִיר קַיין שׁוּם טִיטְלֶען וָואס מֶענְטְשְׁן זָאלְן לַאכְן, סְ'אִיז נָאר גוֹרֵם אַז מֶען זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי סְפָרִים, דֶער עִיקָר אִיז דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג אַרְבֶּעטְן בִּקְדוּשָׁה פַארְפְלֵייצְן דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שצז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י׳ כִּסְלֵיו ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִּיכוּת דָמִים וָואס דוּ לַיידְסְט וָואס מֶען רוֹדֶפְט דִיךְ עַד לְחָרְמָה פַּאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט נָאר וַוייל דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין מְקָרֵב זַיין בָּחוּרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, בֶּעט אִיךְ דִיר, דוּ זָאלְסְט בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, דוּ זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין אִין דַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, מְחַזֵּק זַיין אוּן פְּרֵיילִיךְ מַאכְן יוּנְגֶע בָּחוּרִים, אוּן זֵיי אַרַיינְבְּרֶענְגְן אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז׳ סִימָן ג׳) אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; זָאלְן זֵיי לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אִיז אוֹיבֶּעט אַ סְגוּלָה פַּאר דִי נְשָׁמָה, יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער תִּיקוּן זֵיי זָאלְן זַיין צוּגֶעוְואוֹינְט צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, עֶנְדִיגְן אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן מַסֶכְתָּא בִּיז זֵיי וֶועלְן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט

(ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ו') אַז עִיקַר הַתְּשׁוּבָה אִיז יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק; דִי עִיקַר פוּן תְּשׁוּבָה אִיז, אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז דִיר מְבַזֶה, שְׁוַוייג אָפּ, עֶנְטְפֶער נִישְׁט.

אִיךְ גֶעדֶענְק אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן שְׁנַת תשכ"ו, הָאבּ אִיךְ גֶעלִיטְן זֵייעֶר אַסַאךְ בִּזְיוֹנוֹת אִין שְׁפִיכוּת דָמִים, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעדְרִיקְט אִין אֵיין יָאר אַלֶע דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת", "סֵפֶר הַמִדּוֹת", "שִׂיחוֹת הָרַ"ן", "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן", וְכוּ', וְכוּ', אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס פַארְפְלֵייצְט פַאר גָאר בִּילִיג, אַזַא זַאךְ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי הִיסְטָארְיֶע פוּן בְּרֶסְלְבֶ'ר חַסִידוּת, נוּ נוּ זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף מִיר בַּעֲלֵי מַחֲלוֹקֶת, בַּעֲלֵי קִנְאָה, בַּעֲלֵי תַּאֲוָה וְכוּ' וְכוּ', מֶען הָאט מִיר גֶעשְׁלֶעפְּט צוּ דִינֵי תּוֹרָה וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער אִיךְ הָאבּ אוֹיף גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוְוּיסְט אַז אִיךְ דַארְף מֵפִיץ זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר.

וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט מִיר, מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהֶעצְט אוֹיף מִיר דֶעם גַאנְצְן עוֹלָם, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַלֵיין, נָאר אֵיין אִיד אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל, עֶר הָאט גֶעלִיטְן אַזוֹיפִיל בִּזְיוֹנוֹת, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט, זֶעהְסְט, אִיךְ לַייד אוֹיבֶעט בִּזְיוֹנוֹת אוּן אִיךְ שְׁוַוייג אָפּ, אַז דוּ ווִילְסְט מִיר פָאלְגְן שְׁוַוייג אוֹיבֶעט אָפּ אוֹיף דַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת

װֶעסְטוּ זֶעהְן װֶועט דִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְפִירְן, און עֶר הָאט מִיךְ אַהֵיימְגֶערוּפְן צוּ זִיךְ, און עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן זַייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת און סִיפּוּרִים פון דִי פְרִיעֶדִיגֶע דוֹרוֹת פון אוּנְזֶערֶע לַייט, פון דֶעם הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן און זַיינֶע תַּלְמִידִים, און פון רַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער מִיט זַיינֶע מְקוֹרָבִים, דָאס אַלֶעס הָאט עֶר גֶעהֶערְט פון רַבִּי אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן ז"ל וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אִים.

עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ סִיפּוּר, אַז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען אַמָאל מִיט נָאךְ אֵיינֶעם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, גֵייעֶנְדִיג אַזוֹי אוֹיפְן גַאס, טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּהְן מִיט בְּכָבוֹד'יגֶע מַלְבּוּשִׁים אַזוֹי ווִי סְ'פַּאסְט פַּאר אַזַא גְרוֹיסְן רָב, זַיידֶענֶע מַלְבּוּשִׁים, און פְּלוּצְלִינְג פוּנְדֶערְוַוייט קוּמְט צוּ לוֹיפְן אַ יוּנְגַאטְשׁ אִין אַ זֶעקְל פון פַּאפִּיר אִיז גֶעלֶעגְן פִיל מִיט צוֹאָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, און עֶר גֶעט עֶס אַ וַוארְף אוֹיף זֵיי, און סְ'הָאט אַוַודַאי גֶעטְרָאפְן אוֹיף רִיקְן פון דֶעם טְשֶׁערִינֶער רָב זַ"ל, און עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, דֶער וָואס הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם טְשֶׁערִינֶער רָב זַ"ל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אַ גֶעוַואלְד און אָנְגֶעשְׁרִיגְן דֶעם שֵׁיגֶץ ווִי וַואגְסְטוּ זִיךְ צוּ טוּהְן אַזַא זַאךְ? ווִי שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּ בַּאוַוארְפְן אַזַא הֵיילִיגְן אִיד מִיט צוֹאָה? הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זַ"ל אָנְגֶעשְׁרִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט, שְׁוַוייג! שְׁוַוייג! דָאס אִיז אוּנְזֶער זַאךְ, מֶען דַארְף אָפְּשְׁוַוייגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז

מֶען אִיז מְבַזֶּה אַ מֶענְטְשׁ זָאל מֶען אִים נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר שְׁוַוייגְן. דֶערְוַוייל אִיז יֶענֶער שֵׁיגֶץ אַנְטְלָאפְן, אוּן טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז אַרַיין אִין עֶפֶּעס אַ דִירָה אָנְגֶעקְלַאפְּט בַּיי דִי טִיר אוּן גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים גֶעבְן אַבִּיסְל וַואסֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּהְן דֶעם זַיידֶענֶעם מַלְבּוּשׁ, אוּן הָאט עֶס אַלֵיין אָפְּגֶעוַואשְׁן. אוּן דֶער אִיד וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט אִיז נִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן, וָואס פַאר אַ גֶעטְלִיכְן כֹּחַ דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב הָאט, אַ מֶענְטְשׁ בַּאוַוארְפְּט אִים מִיט צוֹאָה מַמָּשׁ, אוּן עֶר נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אִים, אוּן עֶר שְׁרֵייט מִיר נָאךְ אָן שְׁוַוייג! שְׁוַוייג! דָאס אִיז אוּנְזֶער זַאךְ, מֶען דַארְף שְׁוַוייגְן, הֶערְן בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁוַוייגְן. אוּן זֵיי הָאבְן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וְוִיפֶער זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, דֶעמָאלְט אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ אֹהֶל, טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער מֶענְטְשׁ אַ פִילֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ', הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן קֶעשֶׁענֶע אַ פַאטְשֵׁיילֶע אוּן עֶר הָאט עֶס אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת, אוּן גֶעזָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט אַזָא לֵב נִשְׁבָּר אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס הָאט אָפְּגֶעטוּהְן אַלֶע עֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם וְכוּ' וְכוּ', דֶער אִיד הָאט נָאכְדֶעם דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַזֶאנְס נִישְׁט גֶעזֶעהְן, אַזָא גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ ווִי דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זַ"ל, אַזָא גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן מְקוּבָּל אוּן הֵיילִיגֶער אִיד זָאל זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן אוֹיף דֶער עֶרְד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוּן גִיסְן אַזוֹיפִיל טְרֶערְן, אִיז עֶר נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן.

**דָאס** אַלֶעס הָאט מִיךְ דֶערְצֵיילְט הָרַב הַחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל, און עֶר הָאט אויסְגֶעלָאזְט מִיט דִי וֶוערְטֶער "אִיךְ זֶעה גַאנְץ גוּט וִוי מְ'אִיז דִיךְ מְבַזֶה און מֶען בַּארֶעדְט דִיךְ, שְׁוַוייג! שְׁוַוייג! דָאס אִיז אוּנְזֶער זַאךְ, מֶען דַארְף אָפְּשְׁוַוייגְן, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, צוֹאֶה וֶועט מֶען אוֹיף דִיר נִישְׁט וַוארְפְן, גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ זָאג דִיר".

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז מֶען רוֹדֶף'ט דִיךְ, און מֶען בַּארֶעדְט דִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט און נִישְׁט, נָאר וַוייל דוּ בִּיסְט מְקָרֵב בָּחוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דוּ בְּרֶענְגְסְט אַרַיין אִין זֵיי הַתְמָדָה זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, און זָאלְן לֶערְנֶען גְמָרָא, און מִיט דֶעם רַאטֶעוֶועסְטוּ זֵיי אָפּ זֵיי זָאלְן נִישְׁט זִינְדִיגְן, און וֶועגְן דֶעם קוּמְט דִיר בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים?

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט.

**און** דֶער צַייט פוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זִי"ע, אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר' יַעֲקֹב, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי צַדִיקִים נִסְתָּרִים וָואס נָאר דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זִי"ע הָאט גֶעוִויסְט פוּן אִים, זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהֵייסְן פֶּערְל, און בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און קֵיינֶער הָאט פוּן זֵיי נִישְׁט גֶעוִויסְט נָאר דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זִי"ע, קַיין קִינְדֶער הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען בֶּעטְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זִי"ע עֶר זָאל זֵיי אָנְוִוינְטְשְׁן מִיט קִינְדֶער, הָאט

זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע פַארְטְרַאכְט, אוּן עֶר הָאט זַיי גֶעזָאגְט "אַהֲרֹן" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "נִרְאָה" אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶעה אוֹיף דִיר ר' יַעֲקֹב בִּיסְטוּ אַ רוֹאֶה אֱלֹקוּת בְּמוּחָשׁ, דוּ זֶעהְסְט מִיט דַיין פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן נָאר אֱלֹקוּת, זָארְג נִישְׁט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן זַיי זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

ר' יַעֲקֹב מִיט זַיין וַוייבּ פֶּערְל הָאבְּן גֶעווָאוינְט אִין דִי שְׁטָאט פִּינְסְק, דָאס אִיז גֶעוֶועזְן אַ מִתְנַגְדִישֶׁע שְׁטָאט, ר' יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶועזְן דֶער שַׁמָשׁ פוּן דִי גְרוֹיסֶע שוּהְל, דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶועזְן דֶער מִנְהָג דָאס דֶער שַׁמָשׁ הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַארְן עָמוּד, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט, וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער בַּיי אִידְן יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, אוּן ר' יַעֲקֹב דֶער שַׁמָשׁ וָואס בֶּאֱמֶת אִיז עֶר גֶעוֶועזְן אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען כָּל נִדְרֵי מִיט מַעֲרִיב, בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה הָאט עֶר זַייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶועזְן פוּן רוֹב דְבֵיקוּת, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ פַארְגֶעסְן אִינְגַאנְצְן וואוּ עֶר אִיז.

דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּן זַיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיפְן חַזָן, אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער חַזָן מַאֲרִיךְ גֶעוֶועזְן אִין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן נֶערְוֶועז, וֶוען עֶר אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים דֶער גְבִיר פוּן שְׁטָאט אוּן הָאט אִים דֶערְלַאנְגְט צְוֵויי פְּרֶעסְק בָּרַבִּים, אוּן אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן, דוּ שַׁמָשׁ אֵיינֶער, צוּלִיבּ דִיר

מוז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וַוארְטְן? און אַוַודַאי הָאט דֶער שַׁמָּשׁ גָארְנִישְׁט צוּרִיק גֶענְטְפֶערְט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁטֶעלְט זִינְגֶען דֶעם פִּיוּט יַעֲלֶה, אַזוֹי ווִי עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהְן, און עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דִי אַלֶע פִּיוּטִים, און גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם דַאוֶונֶען, דֶערְוַוייל אִיז אִין שׁוּהְל גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ און אַ טוּמְל, ווִי קוּמְט דָאס יוֹם הַקָדוֹשׁ בַּיינַאכְט זָאל מֶען גֶעבְּן דֶעם חַזָן צְווֵיי פֶּעטְשׁ און מְבַזֶה זַיין בָּרַבִּים, און עֶר הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט.

**נָאךְ** יוֹם הַקָדוֹשׁ קוּמְט צוּ צוּ אִים אַן אַנְדֶערֶע עוֹשֶׁר און עֶר זָאגְט אִים, אִיךְ גֶעבּ דִיר ווִיפִיל גֶעלְט דוּ ווִילְסְט דוּ זָאלְסְט מִיר פַארְקוֹיפְן דֶעם בִּזָיוֹן וָואס דוּ הָאסְט גֶעכַאפְּט יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט, הָאט ר' יַעֲקֹב גֶעטַעֲנֶה'ט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט קַיין בִּזָיוֹן, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס אִיר ווִילְט, מִיךְ הָאט קֵיינֶער נִישְׁט מְבַזֶה גֶעוֶוען, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', אִיז אִין הִימְל גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ, ווִי קֶען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁוַוייגְן אַזַא בִּזָיוֹן וָואס מֶען הָאט אִים מְבַזֶה גֶעוֶוען בָּרַבִּים, און וֶוען? יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט? און פַארְוָואס? וַוייל עֶר הָאט מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה? הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה אַז עֶס אִיז גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן בַּיי אִים אַ זוּהְן, און עֶר הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן אַהֲרֹן, אוֹיף דֶעם אַרוֹיף וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט אִים גֶעזָאגְט אַזוֹי ווִי דוּ בִּיסְט אַ "נִרְאָה" דוּ זֶעהְסְט אֶלֹקוּת בְּמוּחָשׁ, "נִרְאָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "אַהֲרֹן", וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם זוּהְן "אַהֲרֹן", און דֶער אִיז

אויסְגֶעוואַקְסְן ר' אַהֲרֹן הַגָדוֹל פוּן קַארְלִין זי"ע, וָואס עֶר אִיז נָאכְדֶעם גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע.

**נָאכְדֶעם** הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט נָאךְ דְרֵיי קִינְדֶער, בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים, רַבִּי קַלְמָן זי"ע, רַבִּי מֹשֶׁה זי"ע, אוּן רַבִּי יִצְחָק זי"ע, וָואס אַלֶע זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף זַיין בִּזָיוֹן, צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, צוּ אַזַא זוּהְן וָואס הָאט פַארְלָאכְטְן נָאכְדֶעם דִי וֶועלְט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן אוֹיכֶעט אָפְּשְׁוַוייגְן, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי וֶוערְטֶער, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## שצח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר וַיִשְׁלַח י' כִּסְלֵיו ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וָואס דוּ לַיידְסְט פוּן דַיין זוּהְן וְכוּ', דוּ הָאסְט אִים גֶעכַאפְּט מִיט שְׁמוּץ אִין דִי הֶענְט וְכוּ',

און דו הָאסְט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ', מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אִים רַאטֶעוֶוען, לָאז אִים נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דַיינֶע הֶענְט, זֶעה עֶר זָאל דִיר בַּאדִינֶען, און וואוּ דוּ גֵייסְט זָאל עֶר מִיטְגֵיין מִיט דִיר, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ אוֹיג אוֹיף אִים, ווַיפֶער דוּ וֶועסְט אִים אָפְּלָאזְן הָאסְטוּ אִים פַארְלָארְן אִינְגַאנְצְן, חָלִילָה וְחַס עֶר וֶועט זִיךְ אַרָאפְּנֶעמֶען דִי פֵּיאוֹת, און עֶר וֶועט זִיךְ טְרֶעפְן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, און דוּ וֶועסְט אִים פַארְלִירְן אִינְגַאנְצְן וְכוּ' וְכוּ', עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען וְכוּ', ווַייל דוּ הָאסְט אִים דָאךְ גֶעבַּאפְּט מִיט שְׁמוּץ וְכוּ', אִיז כְּדֵי אִים צוּ רַאטֶעוֶוען זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶעם, דֶערְצֵייל אִים מַעֲשִׂיּוֹת, זָאלְסְט אִים אוֹיפְהֵייבְּן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ אִים רוּהְמֶען ווִי גְלִיקְלֶעךְ עֶר אִיז אַז עֶר קֶען דִיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן, און ווִי פְרֵיילִיךְ עֶר דַארְף זַיין אַז עֶר אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און זָאלְסְט מַרְבֶּה זַיין מִיט אִים מִיט דִיבּוּרִים, אַזוֹי וֶועסְטוּ ווִיסְן אַז דַיין זוּהְן וֶועט וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם בֵּייזְן.

דוּ זָאלְסְט אִים חָלִילָה וְחַס קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְשְׁרֵייעֶן, זָאלְסְט אִים נִישְׁט מַשְׁפִּיל זַיין, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ גַאנְץ גוּט אַז דוּ הָאסְט אִים גֶעבַּאפְּט מִיט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וְכוּ', קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט דֶערְמַאנֶען וְכוּ', נָאר אִים שְׁטַארְקְן, און אִים רִימֶען, ווָארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"ב) וֶוער ס'הָאט אַ קְלֵיין שֵׂכֶל דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן כָּבוֹד און רִימֶען, אִיבֶּערְדֶעם קִינְדֶער דַארְף מֶען

שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן כָּבוֹד און זֵיי אויפְהֵייבְּן, און מַחְמַת מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט פון דֶעם, אַנְשְׁטָאט נֶעמֶען דֶעם קִינְד צוּ זִיךְ אֲפִילוּ עֶר לֶערְנְט נִישְׁט וְכוּ׳, זָאל עֶר דִיךְ בַּאדִינֶען מִיט וָואס עֶר קֶען, נֶעם אִים צוּ דִי אַרְבֶּעט, גֶעבּ אִים אוֹיבֶעט אַרְבֶּעט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַזוֹי וֶועסְטוּ אִים אָפְּרַאטֶעוֶוען, וֶועט עֶר אַרוּמְגֵיין מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג, וֶועסְטוּ נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן פון אִים אַסַאךְ נַחַת.

**הַלְוַואי** וָואלְטְן עֶלְטֶערְן פַארְשְׁטַאנֶען זֵייעֶר קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶערְשְׁלָאגְן און דֶערְקְלַאפְּט וְכוּ׳ וְכוּ׳, און זֵיי וָואלְטְן זֵיי אויפְגֶעהוֹיבְּן, נִישְׁט גֶעגֶעבְּן פֶּעטְשׁ און מְבַזֶה גֶעוֶוען בָּרַבִּים, און גֶעצוֹיגְן דִי אוֹיעֶרְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, און גֶעשְׁטוּיסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, און גֶענֵייט זָאלְן זֵיי זִיצְן אִין אַ יְשִׁיבָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס דָארְטְן וָואלְטְן זֵיי הֶערְשְׁט גֶעטְרָאפְן נָאךְ שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאר אַזוֹי ווי אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן, זָאלְסְט אִים נָאר מְחַזֵק זַיין, הַלְוַואי וָואלְטְן אַלֶע עֶלְטֶערְן אַזוֹי גֶעטוּהְן, וָואלְטְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, וָואלְטְן זֵיי צוּם סוֹף גֶעזֶעהְן פון זֵיי גְרוֹיס נַחַת.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, זָאלְסְט אִים נָאר מְקַרֵב זַיין צוּ דִיר, קֵיינְמָאל נִישְׁט מַזְכִּיר זַיין דֶערְמַאנֶען וָואס דִי הָאסְט אִים גֶעבַאפְּט מִיט וְכוּ׳ וְכוּ׳, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ סוֹף כָּל סוֹף הָאבְּן פון אִים אַסַאךְ נַחַת, און דוּ וֶועסְט אִים פִירְן אִינְטֶער דִי חוּפָּה מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# שצט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י״א כִּסְלֵו ה׳תשע״ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו ווִי דִי גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶערְן הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי שְׁטוּבּ, מֶען טָאר נִישְׁט סֶעקִירְן דָאס וַוייבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רס״ג) דָאס דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם מְקַלְקֵל צוּ זַיין דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן, אוּן פוּן דֶעם מַכְשִׁיל זַיין מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

**אוֹיבּ** דוּ וֶועסְט זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, אוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן שַׁחֲרִית, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶועסְטוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה מִיט מִנְיָן, אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אוּן דוּ וֶועסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לְתוֹרָה זַיין, אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, כְּדֵי בִּיזְן סוֹף וָואךְ פְרַייטָאג וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם וָואכְנְדִיגְן סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט פֵּירוּשׁ רַשִׁ״י, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין דַף גְמָרָא,

וְעַל כּוּלָם לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, בִּפְרַט דִי וויכְטִיגֶע הֲלָכָה פוּן טַהֲרַת הַמִשְׁפָּחָה וְכוּ' וְכוּ', וֶועסְטוּ זֶעהְן ווי דִי וַוייבּ וֶועט אוּיף דִיר אַרוּיפְקוּקְן, אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט קוּמֶען קַיין קְרִיגֶערַייעַ צְווִישְׁן עֶנְק.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי אַ פְרוּי זֶעהְט אַז דִי מַאן שְׁלָאפְּט בִּיז מִיטָאג צְוֶועלְף אָדֶער אֵיינְס אַזֵייגֶער וְכוּ', אוּן דַאוֶוענְט נִישְׁט מִיט קַיין מִנְיָן, אוּן מַאכְט נִישְׁט אוּיף קַיין סֵפֶר, אוּן דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פִּיסְט אוּן פָּאר, אוּן זִי דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן וְכוּ', אַוַודַאי טוּט דָאס אִיר וֵויי, אַוַודַאי וֶועט זִי דִיר סֶעקִירְן וְכוּ', סְ'אִיז אַ זַאךְ וָואס עֶס לֵייגְט זִיךְ אוּיפְן שֵׂכֶל.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה זִיךְ צוּ בַּייטְן דַיין הַנְהָגָה, הֵייבּ אָן צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן דוּ זָאלְסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה זַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווי חָשׁוּב דוּ וֶועסְט זַיין בַּיי דַיין וַוייבְּ'ס אוֹיג.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט צִילֵייגְן נִישְׁט אוּיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אוּיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# ת

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י"א כִּסְלֵו ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ פּוּנְקְט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר דַיין שְׁוָואגֶער וְכוּ'.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ דִיר אוֹיבֶעט, דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז אַ אִינְגֶערְמַאן ווֶען עֶר הָאט חֲתוּנָה הָאט עֶר זִיךְ מְחַייֵב גֶעוֶוען אַז עֶר ווֶעט בְּרֶענְגְן פַּרְנָסָה, אַ פְּרוֹי דַארְף נִישְׁט גֵיין אַרְבֶּעטְן, דֶער מַאן דַארְף בְּרֶענְגְן פַּרְנָסָה.

**יֶעצְט** אוֹיבּ דִי פְּרוֹי ווִיל אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם מַאן עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אִיז וואוֹיל אִיז אִיר, אָבֶּער זִי טוּט עֶס נָאר בְּתוֹרַת הִתְנַדְבוּת, נִישְׁט בְּתוֹרַת חוֹב, אַ פְּרוֹי אִיז נִישְׁט מְחוּיָב אוֹיסְצוּהַאלְטְן דֶעם מַאן, דֶער מַאן הָאט זִיךְ מִתְחַייֵב גֶעוֶוען אִין דִי כְּתוּבָּה דָאס עֶר ווֶעט אִיר אוֹיסְהַאלְטְן.

**אִיבֶּערְדֶעם**, אוֹיבּ אַ אִינְגֶערְמַאן זִיצְט אוּן לֶערְנְט פְלַייסִיג, פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי אַ עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן, עֶר דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, שְׁטֵייט אוֹיף אִין צַייט, אוּן לֵייגְט זִיךְ אִין צַייט, לֶערְנְט פְלַייסִיג וְכוּ' וְכוּ', הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים, נוּ דֶעמָאלְט קֶען מֶען נָאךְ פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס וַוייבּ גֵייט אַרְבֶּעטְן כְּדֵי אִיר מַאן זָאל

זִיצְן אוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן זִי אִיז אַ גְרוֹיסֶע צַדֶקֶת, אוּן אַוַודַאי וֶועט זִי מְקַבֵּל זַיין שָׂכָר פַאר דֶעם.

**אָבֶּער** וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַ פִּיסְטֶע לֵיידִיגְגֵייעֶר, עֶר שְׁלָאפְט בִּיז אִינְמִיטְן טָאג אַרַיין, נִישְׁט עֶר לֶערְנְט, אוּן נִישְׁט עֶר דַאוֶוענְט, אוּן נִישְׁט עֶר אַרְבֶּעט וְכוּ', דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פּוּסְט אוּן פַּאר וְכוּ', וּמִכָּל שֶׁכֵּן עֶר רֵייכֶערְט אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וְכוּ', אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם הֶיתֵּר אַז דָאס וַוייבּ זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פוּן אַזַא שִׁידוּךְ וֶועט גָארְנִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען נָאר אַ גֶט רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זָאגְן דַיין שְׁוָואגֶער, אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט מְשַׁנֶה זַיין, זַיין הַנְהָגָה, זֶעה אִיךְ נִישְׁט אַז סְ'וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען עֶפֶּעס פוּן דֶעם.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי דִיךְ דָאס צוּ זָאגְן אוּן צוּ שְׁרַייבְּן וְכוּ', אָבֶּער דָאס אִיז דִי מְצִיאוּת.

**בַּיי** אוּנְזֶערֶע לַייט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעזֶעהְן דִי זַאךְ פוּן אָנְבְּרֶענְגְן קַיין צַייט. אָדֶער מֶען דַאוֶוענְט, אָדֶער מֶען לֶערְנְט, אָדֶער מֶען אַרְבֶּעט, אָדֶער מֶען גֵייט פַאר צְדָקָה, הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, טוּהְן חֲסָדִים, אָבֶּער סְתָּם אַרוּמְדְרֵייעֶן זִיךְ פּוּסְט אוּן פַּאר אָן אַ גָארְנִישְׁט, אָן אַ פַארְוָואס, אָן אַ פַארְוֶועען וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז נִישְׁטָא בַּיי אוּנְז.

**אַ** בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד הֵייסְט נָאר דֶער וָואס עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט ווִי בַּיים הֵיילִיגְן

רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ט) דָאס יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַ דִין אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן אֲפִילוּ אַ סְעִיף קָטָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וואוּ הֶערְט מֶען דָאס אַז אַ אִינְגֶערְמַאן זָאל נִישְׁט גֵיין מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ? אוּן אֲפִילוּ שַׁבָּת פַּארְפֶעלְט מֶען מִנְחָה אוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת וְכוּ', עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטֶער שִׁיסְטֶער אוּן שְׁנַיידֶער זֶענֶען מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, ווִי קוּמְט אַז אַזוֹי גֶערוּפֶענֶער חֲסִידִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר גֵייט מִיט אַ שְׁטְרַיימְל אוּן בֶעקֶעטְשֶׁע מִיט וֵוייסֶע זָאקְן זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאךְ אַרְגֶער ווִי אַ פּוֹיעֶר?

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵוי דָאס צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶער בַּיי אוּנְז זֶעהְט מֶען נִישְׁט דִי זַאכְן.

**דָאס** וָואס מֶען רֶעדְט וְכוּ' וְכוּ', אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וֶוער אִיז אַ אֶמֶת'ר בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד, וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואס עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג אִין דֶער הַאנְט מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת, וֶוען עֶר הָאט נָאר פְּרֵייעֶ צַייט כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אוּן לֶערְנְט כְּסִדְרָן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, אוּן צְווִישְׁן זֵיי דֶעם הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זַ"ל, עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, קוּק גוּט אַרַיין אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן קפ"ה) "לוֹמַר חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת" זָאגְן

מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דִי אוֹתִיוֹת הַתּוֹרָה אִיז מְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְהֵייבְּט אִים הוֹיעֶךְ הוֹיעֶךְ.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פּוֹעֵל'ן בַּיי דַיין שְׁוָואגֶער עֶר זָאל בַּייטְן זַיין הַנְהָגָה, וָוארוּם אַז נִישְׁט וֶועט חָלִילָה וְחַס דַארְטְן זַיין אַ גֶט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיפְלֵייגְן דֶעם גַאנְצְן עוֹל פוּן פַּרְנָסָה אוֹיפְן וַוייבּ אוּן עֶר זָאל זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן פּוּסְט אוּן פַּאר ווִי אַ לֵיידִיג גֵייעֶר וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אִידִישְׁן וֶועג, אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבוֹת נט.) הַבְּטֵילָה מְבִיאָה לִידֵי זִימָּה וְלִידֵי שִׁעֲמוּם; אַז מֶען דְרֵייט זִיךְ פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, קוּמְט מֶען צוּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן מֶען וֶוערְט מְשׁוּגָע פַאר לֵיידִיג-גֵיין, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַ זַאךְ וָואס עֶס רַייסְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן פוּן מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט ווִי דָאס זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן לֵיידִיג, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט מִיט אִים רֶעדְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז עֶר וֶועט פָאלְגְן וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג**

# תא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י"ב כִּסְלֵיו ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דַיין אַרְבֶּעט וָואס דוּ דְרִיקְסְט אַזוֹיפִיל סְפָרִים אִין אִידִישׁ וְכוּ', דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן אִין אֱמוּנוֹת כּוֹזְבִיּוֹת, אוּן דֵיעוֹת פְּסוּלוֹת פוּן הֲמוֹן עַם וְכוּ' וְכוּ'.

**מִיר** הַאלְטְן זִיךְ שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט בַּיי דִי אֱמוּנָה, אוּן מִיר וֶועלְן נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה כְּהוּא זֶה, אוּן עֶס אִיז פַאר אַלֶעמֶען שׁוֹין הַיינְט קְלָאר אַז דִי מַלְכוּת הַמִּינוּת דָאס אִיז דֶער לֶעצְטֶער נִסָּיוֹן פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פָאְרָאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) אַז אֵיידֶער מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערְן נִסָּיוֹן פַאר פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וָוארוּם אַלֶע וֶועלְן גֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת.

**מֶען** קֶען נִישְׁט זָאגְן אוֹיף אַ מַלְכוּת הַמִּינוּת וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹקֵר דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה רַחֲמָנָא לִיצְּלָן, שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן יֶעדֶע הֵיילִיגְקֵייט וָואס סְ'אִיז דָא בַּיי אִידְן, רַייסְן אוֹיס קְבָרִים וְכוּ' וְכוּ', ווִי קֶען מֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז פוּן

הִימְל? דָאס אִיז אוּנְזֶער נִסָיוֹן! אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה.

**אִיךְ** מוּז דִיר אָבֶּער זָאגְן, אִיךְ הָאבּ צַעַר, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ טְעוּתִים אִין דֶעם אִידִישׁ, אוּן דָא אוּן דָארְטְן אִיז דָא טְעוּתִים אִין מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל אוּן אוֹיךְ אִין מַרְאֶה מְקוֹמוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען מַגִיהַ זַיין אֵיידֶער מֶען דְרִיקְט, וָוארוּם נָאכְדֶעם וֶועט מֶען אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ צֶעטִיר נִישְׁט גוּט אַ מַאֲמַר חֲזַ"ל, אָדֶער אִיךְ שְׁרַייבּ נִישְׁט דֶעם רֶעכְטִיגְן מַרְאֶה מָקוֹם, וָואס דַאנְקֶען גָאט אִיז בַּיי מִיר אַלֶעס פּוּנְקְטְלִיךְ אוּן קְלָאר אוּן דֵייטְלֶעךְ, אִיבֶּערְדֶעם פוּן הַיינְט אָן, אַז דוּ דְרִיקְסְט אִין מַיין נָאמֶען וְכוּ', אָדֶער מַיינֶע סְפָרִים וְכוּ', זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי מַרְאֶה מְקוֹמוֹת זָאלְן זַיין פּוּנְקְטְלִיךְ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַ מַאֲמַר חֲזַ"ל זָאלְסְטוּ שְׁרַייבְּן פּוּנְקְטְלִיךְ ווִי סְ'שְׁטֵייט, וָוארוּם מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְדֶעם תּוֹלֶה זַיין אִין מִיר זַאכְן וָואס עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אִיךְ גֶעבּ אוֹיף דִי זַאכְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# תב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י"ב כִּסְלֵו ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן נָאר מִיט שִׂמְחָה, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בְּרָכָה, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ דָאס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, דִי שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט אִים צוּ אַ הֶעכֶערֶע שִׂמְחָה. אוּן אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זָאל עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי.

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער רֶבִּי, רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ פוּן סַאסוֹב זי"ע פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, וֶוען אִיךְ זָאג אִינְדֶערְפְרִי דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען אוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג. וָוארוּם עֶר פְלֶעגְט עוֹסֵק זַיין אַסַאךְ אִין פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט צְווִישְׁן דִי גוֹיִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וָואסֶערֶע רְשָׁעִים זֵיי זֶענֶען, וָואסֶערֶע רִשְׁעוּת זֵיי טוּעֶן אוּם פַאר דִי אִידִישֶׁע אַרֶענְדַארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט עוֹסֵק זַיין זֵיי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן תְּפִיסָה, וָואס דָארְטְן זֶענֶען דִי אִידְן גֶעפַּיינִיגְט גֶעוָוארְן

מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס אַכְזָרִיּוּת, אִיבֶּערְדֶעם פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ
שְׁטֶענְדִיג פְרֵייעֶן מִיט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי".

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַזָא גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען
דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר
נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט
וָואס זִיךְ מְחַיֶה זַיין זִיךְ, נָאר מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", עַל אַחַת
כַּמָה וְכַמָה ווִי אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וְכוּ' דַארְפְן זִיךְ מְחַיֶה
זַיין מִיט דֶעם, אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זַיין
שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען זָאל הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת
שְׁטֶענְדִיג.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י"ג כִּסְלֵו ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי
מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ
אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וְכוּ' וְכוּ'.

דַארְפְסְט גֶעדֶענְקְן מַיין טַייעֶרֶער גוּטֶער פְרֵיינְד וָואס דִי
חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) כָּל הַנִּמְשָׁךְ אַחַר הַצַּעַר
הַצַּעַר נִמְשָׁךְ אַחֲרָיו; אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען טְרֶעפְן

שְׁטֶענְדִיג דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אִים, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְש זָאל זִיךְ בֶּאֱמֶת אַרַיינְטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶעהְן אַז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִיז הוֹילֶע נִסִים, אוּן וָואס עֶס וֶוערְט מִיט אִים גֶעטוּהְן אִיז אַלֶעס נִסֵי נִסִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן אַ דַאנְק פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט אוּן מְ'הָאט גֶעזוּנְטֶע אֵבָרִים אוּן גֶעזוּנְטֶע חוּשִׁים וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם לֵיידֶער אִיז הַיינְט דָא אַזוֹיפִיל סוֹבְלֵי חֳלָאִים וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם צִי זִיךְ נִישְׁט נָאכְן צַעַר, קוּק אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט דִיר, וֶועט בְּוַודַאי בַּיים סוֹף אַוֶועקְגֵיין פוּן דִיר אַלֶעס וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁ'ט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ה) דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִים ד') "בַּצָר הִרְחַבְתָּ לִי" דָאס דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען דַן זַיין זִיךְ לְכַף זְכוּת, אוּן טְרֶעפְן אִין זַיינֶע צָרוֹת הַרְחָבוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אִים, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי דַארְף זִיךְ אַ אִיד פִירְן, אִין זַיינֶע צָרוֹת זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אִים, פוּן דֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז דִי אַלֶע צָרוֹת וֶועט פוּן אִים אַוֶועקְגֵיין.

**וֶוער** הָאט נָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעלִיטְן וִוי דָוִד הַמֶלֶךְ? דִי אֵייגֶענֶע בְּרוּדֶער הָאבְּן אִים פַארְטְרִיבְּן וְכוּ', דִי אֵייגְן שְׁוֶוער הָאט אִים גֶערוֹדְפְט, דִי אֵייגְן וַוייבּ מִיכַל הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים וְכוּ', עֶר הָאט גֶעלִיטְן פוּן זַיין אֵייגְן זוּהְן אַבְשָׁלוֹם וְכוּ', פוּן אַמְנוֹן וְתָמָר וְכוּ', אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט שׂוֹנְאִים מֶער

ווִי הָאר פוּן קָאפּ וְכוּ׳, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַלְמִי שְׁקָלִים פֶּרֶק ב׳ הֲלָכָה ה׳) אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵיצָנִין כְּדוֹרוֹ שֶׁל דָוִד; דָאס הֵייסְט דֶער דוֹר פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ זֶענֶען גֶעוֶוען הוּילֶע לֵצִים, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פוּן אִים לִיצֵי לֵצָנוּת, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצָה ״בַּצָר הִרְחַבְתָּ לִי״ אִין זַיינֶע צָרוֹת הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** טָארְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, דוּ טָארְסְט נִישְׁט נִמְשָׁךְ וֶוערְן נָאךְ דַיין צַעַר, וָוארוּם כָּל הַנִמְשָׁךְ אַחַר הַצַעַר צַעֲרוֹ נִמְשָׁךְ אַחֲרָיו זָאגְן דִי חֲזַ״ל (מֶדְרָשׁ אַגָדָה); אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט צִיעֶן שְׁטֶענְדִיג נָאךְ זַיין צַעַר, טְרַאכְטְן פוּן זַיינֶע צַעַר אוּן פוּן זַיינֶע יִסוּרִים וָואס סְ׳גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ וְכוּ׳, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נָאר טְרַאכְטְן אוֹיף דָאס גוּטְ׳ס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר הָאבְּן אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן.

**אִין** אַלֶע דוֹרוֹת הָאבְּן דִי צַדִיקִים גֶעלִיטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן אוֹיבֶּעט מְחַיֶה זַיין מְחַזֵק זַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן דָאס סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן אִים אוֹיסֶדֶערְצֵיילְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# תד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י"ג כִּסְלֵיו ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זוּכְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ אִיז, אַז דֶער בָּחוּר זָאל הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת, וָוארוּם אַז מֶען הָאט מִדוֹת טוֹבוֹת הָאט מֶען אַלֶעס, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִדוֹת טוֹבוֹת הָאט מֶען גָארְנִישְׁט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ חַיָה אִין גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען דֶער עִיקֶר הָאבְּן מִדוֹת טוֹבוֹת, וָואס דָאס שְׁטַאמְט פוּן אֱמוּנָה. אַ בָּחוּר וָואס עֶר הָאט אֱמוּנָה וֶועט הָאבְּן מִדוֹת טוֹבוֹת. לֶערְנֶען קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּלֶערְנֶען, אָבֶּער בַּיי מִדוֹת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶ'ענְסְק זי"ע גֶעזָאגְט, בִּיז אַכְצְן יָאר קֶען מֶען מְשַׁנֶה זַיין דִי מִדוֹת, נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער. אִיבֶּערְדֶעם דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז זָאלְסְטוּ זוּכְן אַ בָּחוּר פַאר דַיין טָאכְטֶער אַ בַּעַל מִדוֹת טוֹבוֹת.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זוּכְן בַּיי אַ בָּחוּר אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דָאס קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען וִויאַזוֹי עֶר דַאוֶונְט, מֶען זֶעהְט וִוי אַ בָּחוּר דַאוֶונְט קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז אַ יִרְאַת שָׁמַיִם אָדֶער נִישְׁט, אוֹיבּ עֶר דַאוֶונְט אִין סִידוּר

עֶר דַאוֶועגְט עֶרְלִיךְ דָאס וַוייזְט אַז עֶר אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם, און אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם וֶועט עֶר הָאבְּן אַלֶעס.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט צוּטְרֶעפְן אַ גוּטְן בָּחוּר פַאר דַיין טָאכְטֶער, און בְּסִימָן טוֹב וּבְמַזָל טוֹב זָאלְסְטוּ שְׁלִיסְן דֶעם שִׁידוּךְ.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תה

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵשֶׁב כ' כִּסְלֵיו ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף זִיךְ, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לוֹיפְט דִיךְ נָאךְ מַכְשִׁיל זַיין מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת וָואס נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ בַּאצָאלְן פַאר דֶעם אַז דֶער גַאנְצֶער שְׁטוּבּ דַיינֶע וֶועט חָרוּב וֶוערְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ שֵׂכֶל אֵיידֶער סְ'וֶועט זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

זָאלְסְט וויסְן אַז אִיךְ מֵיין נָאר דַיין טוֹבָה, אִיבֶּערְדֶעם לָאז דִיךְ אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, וַוייל רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אַז מֶען זִינְדִיגְט פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים כַאפְּט מֶען נָאכְדֶעם אַזַא מִין קְלַאפּ אַז מֶען הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, וּבִפְרַט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן הָאסְט

אַ ווייבּ מִיט קִינְדֶער, וָואס דַארְפְסְטוּ הָאבְּן דִי גַאנְצֶע שְׁמוּץ? זֶעהְסְט נִישְׁט ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לוֹיפְט דִיךְ נָאךְ אוּן עֶר ווִיל דִיךְ אוּמְבְּרֶענְגְן?.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין אֵיידֶער ס'וֶועט זַיין שְׁפֶּעט, אִיךְ מוּז דִיר דָאס שְׁרַייבְּן, אָבֶּער זָאלְסְט ווִיסְן 'אֵין עוֹנְשִׁין אֶלָּא אִם כֵּן מַזְהִירִין', דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ מִיט פַייעֶר, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאזְט דִיךְ נִישְׁט אָפּ, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען גְלַייךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן לָאז אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב כ' כִּסְלֵיו ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** קֶען דִיר נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין מִיט וֶוערְטֶער דַיין גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

**וָוארוּם** ווִיסְן דַארְפְסְטוּ אַז כָּל זְמַן מִיר זֶענֶען אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ לְבוּשׁ גַשְׁמִי וְכוּ', דָאס הֵייסְט דֶער גוּף פַארְדֶעקְט דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וֶוער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז וְכוּ', דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט

רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזַא גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה וָואס רַאטֶעוֶועט כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּן כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן עֶר שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אַ אִיד וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַלֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וְכוּ' וְכוּ', בִּיטֶערְנִישְׁט אוּן אָרֶעמְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', עַגְמַת נֶפֶשׁ צַעַר אוּן וֵוייטָאג וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַארְלִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט, אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן זַיינֶע לוֹיפְט עֶר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, אוּן גִיסְט אוֹיס זַיין בִּיטֶער הַארְץ מִיט תְּפִלָּה צוּ אִים וְכוּ', מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס טוּט אוֹיף אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, אוּן וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וֶועסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף דִיר אַ הִימְלִישֶׁער לֶעבְּן, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) מַאי כְּרוּם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם אָמַר לֵיהּ אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם; וּפֵירוּשׁ רַשִׁ"י, דְּבָרִים שֶׁעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם: כְּגוֹן תְּפִלָּה, שֶׁעוֹלֶה לְמַעְלָה.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) **אַז** דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זַייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאב גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זַייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ.

**גְלֵייבּ** מִיר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט וֶוערְן צוּם גוּטְן, אוּן דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט דִיר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

# תז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב כ׳ כִּסְלֵיו ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... תִּחְיֶה**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בִּיטֶערְן בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ.**

**אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט צִיעֶן זִיךְ צוּ טְרוּיעֶר, וָוארוּם סְ׳אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דַרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן נ״ב) **דָאס אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא אַסַאךְ קַשְׁיוֹת וְכוּ׳, וָוארוּם מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ מִיט קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶעךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, קֶענֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף אוּנְז שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיף אִים וְכוּ׳, אָבֶּער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלָאזְט ״ווייל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וֵוייסְט דָאס אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן״.**

**דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט צוּ זָאגְן שְׁטֶענְדִיג** (דְבָרִים ל״ב) **״הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא״ וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט אִיז בְּוַדַּאי לְטוֹבָה, כָאטְשֶׁע מִיר פַּארְשְׁטֵייעֶן דָאס נִישְׁט. עֶס מַאכְט זִיךְ לֵיידֶער אַז אַ קִינְד גֵייט אַוֶועק**

פון דֶער וֶועלְט וְכוּ׳, און טַאטֶע מַאמֶע קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קִילְן פון רוֹב צַעַר און עַגְמַת נֶפֶשׁ, און זֵיי וֵויינֶען טָאג און נאכְט וְכוּ׳, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶס אִיז אִים לֵיידֶער אַוֶועק פִיר קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט לֹא עָלֵינוּ, דָאס עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ זֵייעֶר, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיבְן אִין אַ גוּט פְּלַאץ, און סוֹף כָּל סוֹף וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פון דִי וֶועלְט, וֶועט עֶר זִיךְ מִיט זֵיי פַארְאֵיינִיגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם טָארְסְטוּ נִישְׁט אַזוֹי טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֲבֵידָה וָואס דוּ הָאסְט פַארְלָארְן, אֱמֶת עֶס טוּט זֵייעֶר זֵייעֶר וֵויי, אָבֶער וֶוער וֵוייסְט וָואסֶערֶע נְשָׁמָה דָאס אִיז גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶעם עוֹלָם מַשְׁלִים זַיין זִיךְ אַפָּאר חֳדָשִׁים וְכוּ׳.

דִי זַאךְ פון גִלְגוּלִים אִיז פַארְהוֹילְן פון יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט צוּפַאלְן פון קַיין שׁוּם זַאךְ. ווִידֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ס"ה) דוּרְךְ שִׂמְחָה וֶוערְט מֶען נִיצוֹל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט שְׁטַארְבְּן, וָוארוּם דִי קְלִיפָּה וָואס רַייסְט אַוֶועק קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן נָאמֶען פון יְלָלָה, וְכוּ׳, וְכוּ׳, און שִׂמְחָה אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט פון אִיר, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה וֶוערְט מֶען נִיצוֹל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט פַארְכַאפְּט וֶוערְן לֹא עָלֵינוּ.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, און נִישְׁט צוּפַאלְן בַּיי זִיךְ. אִיךְ וֵויים אַז דָאס אִיז

זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, און עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער צוּ טְרֵייסְטְן עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן פַארְלָארְן לֹא עָלֵינוּ אַ קִינְד וְכוּ', וּבִפְרַט אִין אַזַא יוּנְגֶע עֶלְטֶער וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מוּז מֶען זִיךְ טְרֵייסְטְן וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וָוארוּם אַז מֶען טְרֵייסְט זִיךְ, מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען אַז מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דִי גְזֵירָה וָואס עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אִים, און בִּזְכוּת דֶעם וָואס מֶען טְרֵייסְט זִיךְ, וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**אִיךְ** בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל עֶנְק שׁוֹין אָפְּהִיטְן פוּן הַיינְט אָן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס און פוּן אַלֶעם בֵּייזְן, און עֶס זָאל עֶנְק לֶעבְּטִיג וֶוערְן אִין שְׁטוּב, און זֶעה נָאר צוּ טְרַאכְטְן גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען, הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת, דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ אָב הָרַחְמָן און וָואס עֶר טוּט אִיז בְּוַודַאי לְטוֹבָה, כָאטְשֶׁע מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס.

**זָאלְסְט** וִויסְן דָאס וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת, אִיז עֶר גוֹרֵם אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ אוֹיבְן אִין הִימְל, און מַלְאָכִים ווְאוּנְדֶערְן זִיךְ, און זֶענֶען מְקַנֵא דֶעם מֶענְטְשׁ, און זֵיי פְּרֶעגְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, ווִי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אַזוֹיפִיל אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער?

**דוּ** דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְּרֵייעֶן דָאס יוּנְגֶערְהֵייט הָאסְטוּ אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען עוֹל הַמִצְווֹת, און דוּ פִּירְסְט זִיךְ אִידִישׁ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר טְרֵייסְטְן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט וויסְן פוּן הַיינְט אָן פוּן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, נָאר עֶס זָאל דִיר גוּט זַיין שְׁטֶענְדִיג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## תח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב כ' כִּסְלֵו ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

**זָאלְסְט** וויסְן אוֹיף דִי וֶועלְט גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת וְכוּ', אוּן ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט "פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ מַיין זַאךְ? וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט אַ שְׁטַארְקְן שְׁמוּעֶס פוּן הִתְחַזְּקוּת, אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צוּפְלַאמְט, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן, פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעקוּמֶען צוּ וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ דִי מִידָה פוּן

הִתְחַזְקוּת, פַּארְוָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִי הַקָדוֹשׁ דִי אֲרִיזַ"ל, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ דִי מִידָה פוּן הִתְחַזְקוּת. אוּן פַּארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ דִי מִידָה פוּן הִתְחַזְקוּת, אוּן פַּארְוָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ דִי מִידָה פוּן הִתְחַזְקוּת, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אוּן פַּארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין, וַוייל אִיךְ הָאבּ אִין מִיר דִי מִדָה פוּן הִתְחַזְקוּת.

**דָאס** הֵייסְט אַז בְּזֶה הָעוֹלָם קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין שׁוּם דַרְגָא, נָאר מִיטְן מְחַזֵק זַיין זִיךְ, אִין פָּשׁוּט אֱמוּנָה דַארְטְן דַארְף מֶען הָאבְּן שְׁטַארְק חִיזוּק, וִויסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעפִירְט אַלֵיין, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אוֹיבְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**וֶועה** צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן פוּן אָנְפַאנְג בְּרָכוֹת, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ מְסַיֵים זַיין אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן, בִּיז דוּ וֶועסְט דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ מְזַכֵךְ זַיין, אוּן דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ

מִשְׁנַיוֹת און מֶען זָאגְט אַסאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶוערְט נִזְדַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, און דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָלְיוֹת הַלָלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אִיבֶּערְדֶעם אִיז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט און עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# תט

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיֵשֶׁב כ' כִּסְלֵיו ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, מִיט דִי גֶעלְט פַּאר פִּדְיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַמְתִּיק זַיין פוּן דִיר דִי דִינִים דוּרְךְ אַ פֶּלֶא עֶלְיוֹן, און דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ כָּל טוּב סֶלָה.

**זֶעה** מְקָרֵב זַיין דַיין זוּהְן, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט רֶעגְן אוֹיף אִים וְכוּ', אַ זוּהְן דַארְף מֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן, נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן, אוֹיבּ מֶען ווִיל הָאבְּן נַחַת פוּן קִינְדֶער מוּז מֶען זֶעהְן אוֹיפְבּוֹיעֶן, רֶעדְן מִיט זֵיי שְׁטֶענְדִיג פַּאזִיטִיוו וְכוּ', אַ קִינְד אִיז דָאךְ, דָאךְ אַ קִינְד, יֶעצְט וֶוען מֶען רֶעגְט זִיךְ מִיט אַ קִינְד קְלַאפְּט מֶען אִים אַרָאפּ וְכוּ', און וֶוען מֶען קְלַאפְּט אִים אַרָאפּ וְכוּ' וֶוערְט עֶר בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן, און עֶס וֶועט פוּן אִים גָארְנִישְׁט זַיין, אִיבֶּערְדֶעם בַּארֶעכְן זִיךְ, ס'וֶועט דוּרְכְלוֹיפְן אַפָּאר יָאר

און דַיין זוהְן וֶועט ווערן אַ בָּחוּר גְרייט זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן און עֶר וֶועט פַארְלִירְן די גַאנְצֶע זֶעלְבְּסְט-ווירְדֶע וְכוּ׳, עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֵייגֶענֶעם בִּטָחוֹן וְכוּ׳, עֶר וֶועט אוֹיפְוַואקְסְן צוּקְלַאפְּט וְכוּ׳, אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט וְכוּ׳, פַארְוָואס, וַוייל דוּ וֵוייסְט נִישְׁט ווי אוּמְקוּמֶען זִיךְ מִיט דַיין זוהְן וְכוּ׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אַרַיינְנֶעמֶען יֶעדְן שַׁבָּת אַפָּאר אוֹרְחִים, און גֶעוֶוענְלִיךְ זֶענֶען אִידְן שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען בַּעֲלֵי מַכְנִיסֵי אוֹרְחִים, וֶוען מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נֵייעֶ פָּנִימֶ׳ר וְכוּ׳, הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז אוֹרְחִים וְכוּ׳, הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער אַרַיינְגֶענוּמֶען אַן אוֹרֵחַ צוּ זִיךְ, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוַוארְט דֶער לֶעצְטֶער, און עֶר הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען וֶועמֶען קֵיינֶער הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶענוּמֶען, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פִירְן. אֵיינְמָאל הָאט עֶר אַרַיינְגֶענוּמֶען אַן אוֹרֵחַ וָואס אִיז גֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען קְרִיעָה בְּלִיעָה וְכוּ׳, שְׁמוּצִיג וְכוּ׳, סְ׳אִיז אַרוֹיס פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטְן גְרוּיךְ וְכוּ׳, אַזַא אוֹרֵחַ הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְנֶעמֶען, און וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אִים אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט הָאט זַיין זוהְן רֶבִּי יִצְחָק זַ״ל נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ, עֶר הָאט זִיךְ גִיעֶקְלְט פוּן אִים, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעבְּן צְוֵויי פֶּעטְשׁ און עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר מוּז זִיצְן בַּיים טִישׁ וְכוּ׳, און נָאךְ שַׁבָּת וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן

רֶבִּי'ן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט וְויאַזוֹי סְ'אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען שַׁבָּת, אוּן אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צְוֵויי פֶּעטְשׁ פַאר זַיין זוּהְן, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן, אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען? אוּן ווידֶער אִיךְ וויל דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען טַאקֶע אַ גוּטְן אוֹרֵחַ מִיט וֶועמֶען דוּ זָאלְסְט קֶענֶען רֶעדְן דִבְרֵי תּוֹרָה.

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער.

**סְ'אִיז** דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מִיט גוּטְן פּוּעֶלְ'ט מֶען בֶּעסֶער, אוּן אַמָאל אַז מֶען זֶעהְט אַז מֶען הָאט גֶעפּוּעֶלְ'ט מִיט פֶּעטְשׁ, דַארְף מֶען ווִיסְן אוֹיבּ מֶען וָואלְט זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן אוּן מֶען וָואלְט גֶעהַאט גֶעדוּלְד וָואלְט מֶען שֶׁענֶער גֶעפּוּעֶלְ'ט. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג אִין דִי עֶרְצִיעֶן קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן זֵיי, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי טָאר מֶען זֵיי נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן.

**דַארְפְסְט** פַארְשְׁטֵיין סוֹף כָּל סוֹף דָאס אִיז דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן דוּ ווילְסְט הָאבְּן פוּן זֵיי נַחַת, אוּן זֵיי וֶועלְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם גְרוֹיס זַיין אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זֵיי אַרָאפְּקְלַאפְּן אוּן שְׁלָאגְן יֶעצְט קְלֵיינֶערְהֵייט, אוּן צוּבְּרֶעכְן, אוּן זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלֶעגְנְהַייט אוֹיפְצִיוַואקְסְן, וָואס ווילְסְטוּ אַז שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן זֵיי זַיין בַּעֲלֵי מוּמִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ' אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאבּ שֵׂכֶל יֶעצְט, קְלַאפּ נִישְׁט אַרָאפּ דַיינֶע קִינְדֶער, וּמִכָּל שֶׁכֵּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאגְן,
רֶעד מִיט זֵיי אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט מִיט דֶערְוַואקְסֶענֶע, אוּן אַז זֵיי פְרֶעגְן עֶפֶּעס זָאלְסְטוּ זֵיי עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי ווִי מֶען עֶנְטְפֶערְט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶעם, מֶען זֶעהְט וֶוען אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער פְרֶעגְט דִיךְ עֶפֶּעס אַ נַארִישְׁקֵייט הָאסְטוּ גֶעדוּלְד אוּן דוּ עֶנְטְפֶערְסְט אִים, אָבֶּער וֶוען דַיין קִינְד פְרֶעגְט דִיךְ אַ נַארִישְׁקֵייט וְכוּ', וָואס עֶר אִיז נָאךְ דֶערְוַוייל אַ קִינְד מִיט אַ קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל וְכוּ', שְׁטוּפְּסְטוּ אִים אַוֶועק וְכוּ', קְלַאפְּסְט אִים אַרָאפּ וְכוּ', שְׁפֶּעטְסְט פוּן אִים וְכוּ', אִיז וָואס ווִילְסְטוּ פוּן אִים הָאבְּן וֶוען עֶר וֶועט זַיין גְרוֹיס? ווִי ווִילְסְטוּ עֶר זָאל אוֹיפְוַואקְסְן?

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת בָּנִים סִימָן ק"ז)
הַבָּנִים שׁוֹטִים כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן; קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹטִים וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז אַ כַּעַסְ'ן, אוּן עֶס אִיז צוּ פַארְשְׁטֵיין פָּשׁוּט, אַ קִינְד פְרֶעגְט אַ טַאטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זֶעהְט, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס זַיין טַאטֶע, וֶוען דֶער טַאטֶע עֶנְטְפֶערְט אִים אוּן עֶר אִיז אִים מַסְבִּיר יֶעדֶע זַאךְ, וַואקְסְט עֶר אוֹיף אַ קְלוּג קִינְד, אָבֶּער וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער אוּן עֶר קְלַאפְּט אַרָאפּ דֶעם קִינְד, אוּן וָואס עֶר פְרֶעגְט אִים עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים נִישְׁט, בְּלַייבְּט עֶר אַ שׁוֹטֶה.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְט נִישְׁט אָנְשְׁרַייעֶן דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זָאלְסְט זֵיי נִישְׁט שְׁפֶּעטְן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן זֵיי, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין זִיכֶער וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף אַז דו וֶועסט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן שַׁבָּת**

# תי

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ב כִּסְלֵיו ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, דָאס אַרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען פַּאסִירְן בַּיי אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר פַארְלִירְט זִיךְ אוּן עֶר גֶעבְּט אוֹיף דִי הָאפְּֽעֶנוּנְג צוּ לֶעבְּן וְכוּ'.

דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער צָרוֹת מִיט יִסוּרִים וְכוּ', אַלֶע סָארְטְן פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ', נָאר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין ווִיאַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, ווִיאַזוֹי עֶר קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ', צוּ בְּלַייבְּן מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נִישְׁט קֵיין חָכְמָה וְכוּ', דִי חָכְמָה אִיז ווִיאַזוֹי מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי פִינְסְטֶער פַאר לֶעבְּטִיגְקֵייט וְכוּ', דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ' אַז עֶס זָאל אִים גֵיין גוּט וְכוּ'. גוּט הֵייסְט נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי ס'שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמ"ה) "טוֹב הוי"ה לַכֹּל" אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מְחַזֵק אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט וֶועט אִים גֵיין גוּט.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, אִיךְ וֵויים גַאנְץ גוּט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיךְ אַדוּרְךְ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְסְטוּ ווִיסְן הָאבְּן מִיר אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) גֶעוַואלְד! זַייט אַייךְ נִיט מְיַיאֵשׁ, קַיין יִאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פַאר הַאנְדִין; אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אִיבֶּערְדֶעם פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, אִיךְ זָאג דִיר צוּ דוּ וֶועסְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב אוֹיב דוּ וועסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ הַאלְטְן מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תיא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ו כִּסְלֵיו ב' דַחֲנוּכָּה ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ גֶעזֶעהְן ווִי דוּ הָאסְט אָנְגֶעגְרֵייט צוּ דְרִיקְן דֶעם סֵפֶר "אוֹצַר הַשּׁוֹבָבִי"ם" עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, זָאל דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן בִּזְכוּת דֶעם, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, וָוארוּם אֵיינֶער וָואס עֶר אִיז מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים הֶעלְפְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיט'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְץ חַיוּת, וָוארוּם אִין אוּנְזֶער דוֹר גֵייט אִיבֶּער אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַזֶעלְכֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וָואס עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אָן קַיין שׁוּם גוּזְמָא.

**פוּן** אֵיין זַייט הָאבְּן דִי עֲמָלֵקִים יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם אוֹיסְגֶעהַארְגֶעט מִיט מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת אוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס אַכְזָרִיוּת מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶענֶער, פְרוֹיעֶן, אוּן פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, וָואס וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם גֵיהִנוֹם וְכוּ', קֶען זִיךְ נִישְׁט אֲפִילוּ פָארְשְׁטֶעלְן אִין ווִיסְטְן שְׁוַוארְצְסְטְן חָלוֹם וְכוּ', דִי רְצִיחוֹת אוּן דִי אַכְזָרִיוּת וָואס דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע עַמָלֵקִים הָאבְּן גֶעטוּהְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**אוּן** פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבְּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע עֵרֶב רַב וָואס רוּפְן זִיךְ צִיוֹנִיסְטְן אוֹיסְגֶ'שְׁמַדְ'ט מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זֵיי אַוֶועקְגֶערִיסְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אוּן זֵיי מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת, זֵיי אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי נִידְרִיגְסְטֶע שְׁטַאפְּל פוּן לֶעבְּן.

**אוּן** אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע חָרְבּוֹנוֹת וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אִין אוּנְזֶער דוֹר, אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ נַייעֶ צָרָה, וָואס דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע וֶוערְן אִין דֶעם נִבְשָׁל, דִי כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס ס'הֵייסְט אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אֵיי-פַּאד, אָדֶער בְּלֶעקְבֶּערִי וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי עֶקֶלְדִיגְסְטֶע אוּן גֶעמֵיינְסְטֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַמָאל אִין דֶער

װעלְט, מַמָש מֶען נֶעמְט אַריין דֶעם דור הַמַבּוּל בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער, און װֶער עֶס װֶערְט אִין דֶעם אָנְגֶעשְׁטֶעקְט אִיז אִים שׁוין שְׁװֶוער אַרויסְצוּגֵיין פוּן דֶעם, װִי ס'שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ב' י"ט) "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים" עֶס אִיז אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע און לֵיים וְכוּ', װָאס װֶער עֶס פַאלְט אַריין אִין דֶעם אִיז אִים שׁוין זֵייעֶר שְׁװֶער אַרויסְצוּגֵיין, װָארוּם דִי שְׁמוּץ פוּן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִיצְּלָן אִיז פוּנְקְט אַזוֹי װִי סַם (דְרָאגְס), װָאס װֶער עֶס אִיז אִין דֶעם אָנְגֶעשְׁטֶעקְט גֶעװָארְן אִיז אִים שׁוין זֵייעֶר שְׁװֶער אַרויסְצוּגֵיין פוּן דֶעם, און לֵיידֶער פוּלֶע טוֹזֶענְטֶער פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע און בֶּעסְטֶע אֵיידֶלְסְטֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָנְגֶעשְׁטֶעקְט גֶעװָארְן פוּן דִי שְׁמוּץ און זוּהֲמָא, און זֵיי קֶענֶען פוּן דֶעם נִישְׁט אַרויסְגֵיין.

**דָאס** אִיז אַזַא מִין אָנְשִׁיקֶענִישׁ, אַזַא מִין קְלִיפָּה װָאס עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעװֶוען פוּן זִינְט דִי װֶעלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעװָארְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען קוּקְן אַלֶע שְׁמוּץ בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער בְּחַדְרֵי חֲדָרִים און נִכְשָׁל װֶערְן מִיט בִּיטֶערֶע עֲװוֹנוֹת, װָארוּם הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זִינְד, װִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נִדָּה יג.) כָּל הַמוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָלָה חַיָּיב מִיתָה; װָארוּם פוּן יֶעדֶע טִיפָּה קֶען בַּאשַׁאפְן װֶערְן אַ וְלַד, און עֶר הַארְגֶעט עֶס אָפּ, אִיז עֶר דָאךְ אַ פְּשׁוּטֶער רוֹצֵחַ וְכוּ' וְכוּ', און צוּ דֶעם זִינְד קוּמְט מֶען נָאר דוּרְךְ װָאס מֶען קוּקְט זִיךְ צַאם אַלֶע שְׁמוּץ און גֶעמֵיינְהֵייט פוּן דִי בִּילִיגְסְטֶע גוֹיִים וְכוּ', און דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ח.) אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָא בַּמֶה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; װִיפִיל שְׁטוּבֶער זֶענֶען צוּבְרָאכְן

גֶעוואָרְן צוּלִיבּ דֶעם פַארְשָׁאלְטֶעגֶעם פֶּעיסְבָּאק וְכוּ׳, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דֶעם שְׁמוּץ וְכוּ׳, וֶוערְט זַיין מֹחַ אִינְגַאנְצְן פַארְטַאמְט וְכוּ׳, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט טְרַאכְטְן גְלַייךְ, עֶר אִיז מְבוּהָל אוּן מְבוּלְבָּל וְכוּ׳ צוּדְרֵייט אִינְגַאנְצְן וְכוּ׳, אוּן דֶער חֵטְא בְּרֶענְגְט צוּ כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר ט״ו) ״וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם״ דַרְשֶׁעגֶען דִי חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת י״ב:) אַחֲרֵי לְבַבְכֶם זוּ מִינוּת, וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם זֶה נִיאוּף; אוּן דָאס אִיז תָּלוּי אֵיינְס אוּן אַנְדֶערְן, ווִיפֶער אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָנְגֶעשְׁטֶעקְט אִין תַּאֲוַת נִיאוּף אִיז אִים שׁוֹין שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶר קוּמְט צוּ כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

**אוּן** צוּלִיבּ דִי דְרֵיי אוּמְגְלִיקְן וָואס הָאט בַּאטְרָאפְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין אוּנְזֶער דוֹר, גֵייעֶן אַרוּם מֶענְטְשְׁן צוּבְּרָאכְן וְכוּ׳, צוּגֶעלֵייגְט וְכוּ׳, אָדֶער מֶען אִיז אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעוֶועפְּט גֶעוואָרְן פוּן אַ גֶעפִיל צוּ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן קִיוּם מִצְווֹת מַעֲשִׂיּוֹת, עֶס אִיז גֶעוואָרְן אַלֶעס גְרִינְג וְכוּ׳.

**אָבֶּער** דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אִין דֶעם דוֹר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וָואס וֶוער עֶס קוּקְט אִין דֶעם אַרַיין, וֶוערְט אִים דֶערְוֶועקְט דִי נְשָׁמָה, אוּן זַיין הַארְץ הֵייבְּט אָן צוּ צִיעֶן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אוּן שְׁטַארְקְט אוּן מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וּבִפְרַט יֶעצְט וֶוען נָאךְ צְוֵויי וָואכְן וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס דִי פֶּערְצִיג טֶעג אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלֶע גְרָאבֶּע שְׁמוּצִיגֶע עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ', אוּן דוּ גֵייסְט דְרִיקְן דֶעם ווּאוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר "אוֹצָר הַשּׁוֹבָבִי"ם" וָואס דָאס אִיז אַסַאךְ קוּנְטְרֵסִים וָואס רֶעדְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן זִינְד, אוּן גֶעבְּן עֵצוֹת וְויִאַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם, אוּן וְויִאַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוּן וְויִאַזוֹי צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן בִּיז יֶעצְט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז גָאר קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדְן, (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח), אִיבֶּערְדֶעם מֶעגְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ גֵייסְט דְרִיקְן דֶעם סֵפֶר "אוֹצָר הַשּׁוֹבָבִי"ם", ווַאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט גֶעלְט אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דֶעם דְרִיקְן, אוּן נָאכְמֶער ווַאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט דָאס צוּשְׁפְּרֵייטְן אוּן מֵפִיץ זַיין, וָוארוּם עֶר וֶועט זַיין אַ מְזַכֶּה הָרַבִּים וָואס דֶער זְכוּת פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ זֵייעֶר אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וָוארוּם גָאט בָּרוּךְ הוּא וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן דוּ וֶועסְט זֶעהְן גְרוֹיסֶע נִסִים אִין דַיין לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חֲנוּכָּה**

# תיב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ו כִּסְלֵיו ב' דַחֲנוּכָּה ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אֱמֶת עֶס אִיז אוֹיף דִיר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערְן יוּגְנְט וְכוּ', אוּן עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר הָאט דִיךְ גֶעשָׁאנְקֶען דַיין מַתָּנָה, הָאסְט גֶעקֶענְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ קִינְד אוֹיבֶעט, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְּרֵייעֶן.

**אוּן** דִי עִיקָר דַארְפְסְטוּ זֶען מְכַבֵּד זַיין דַיין גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סוֹטָה יז.) אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן; אוּן אַזוֹי אוֹיבֶעט זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט' הֲלָכָה ח) אִי אֶפְשָׁר לְאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה וְאִי אֶפְשָׁר לְאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵיהֶן בְּלֹא שְׁכִינָה; אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶּה זַיין, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית י"ב) "וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ" וְהַיְינוּ דְּאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ, (תְּכַבְּדוּ וּתְיַיקְרוּ אֶת נְשׁוֹתֵיכֶם כְּדֵי שֶׁתִּתְעַשְּׁרוּ); דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט צוּ עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"ט) דִי עִיקַר עֲשִׁירוּת קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ.

און מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם וַוייבּ און אִיר נִישְׁט מְצַעֵר זַיין, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַיינְזֶעהְן דִי גְרוֹיסֶע מַתָּנָה וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעגֶעבְּן, און זָאלְסְט זִיךְ זֶען זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָּמִים א׳ ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוען אַ אִיד אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ. און עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק׳ ב׳) "עִבְדוּ אֶת הַוַיָ"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְּבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָּאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט]; אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, און פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:) אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ.

כְּדֵי דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, און זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים

מִשְׁנַיוֹת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן גְרוֹיס סִיפּוּק.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מְקַיֵים זַיין דָאס אַלֶעס, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חֲנוּכָּה**

## תי"ג

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת ו' דַחֲנוּכָּה ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בִּיטֶערְן בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גַאנְץ גוּט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין זִיךְ, אוּן זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין בֶּעט מִיט אַ טִיפְן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן יִאוּשׁ וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי ווִי עֶס הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם זִין צוּ לֶעבְּן וְכוּ', דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פַאר דִיר, דוּ דַארְפְסְט אִין זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט דִיר בַּיי דִיר לֶעבְּן דִיר, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (אַחֲרֵי ס"ז:) וֶוען אִידְן וָואלְטְן גֶעווּסְט ווִי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט זֵיי לִיבּ, וָואלְטְן זֵיי גֶעלָאפְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי אַ שָׁאף לוֹיפְט צוּ וַואסֶער, אַזוֹי ווִי ס'שְׁטֵייט (תְּהִילִים מב) "כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל אֲפִיקֵי מָיִם כֵּן נַפְשִׁי

תַעֲרֹג אֵלֶיךָ" דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווי אַ אַיָל אַ שָׁאף לוֹיפְט צוּ וַואסֶער וֶוען עֶר אִיז דָארְשְׁטֶעריג, גָארְנִישְׁט קֶען אִים אָפְּשְׁטֶעלְן, אַזוֹי אִיז אוּנְזֶער נֶפֶשׁ לוֹיפְט צוּ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִיל מֶער אוּנְז הָאבְּן ווִי אוּנְז ווִילְן אִים, וָוארוּם מִיר זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן גֶעוֶועינְדְלִיךְ אִיז אַ טַאטֶע הָאט לִיבּ זַיינֶע קִינְדֶער מֶער ווִי דִי קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ אַ טַאטְן, דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, לִיג נִישְׁט אִין בֶּעט, פוּן דֶעם וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען, וָוארוּם פוּן יֵאוּשׁ אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה קוּמְט גָארְנִישְׁט אַרוֹיס, דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין וָואס עֶר צוּבְּרֶעכְט דִיךְ אוּן עֶר רֶעדְט דִיךְ אַיין אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד וְכוּ', אוּן דוּ טוֹיגְסְט צוּ גָארְנִישְׁט, אוּן דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער טָעוּת, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּקְט אַרוֹיס אוֹיף יֶעדֶע נְשָׁמָה, אוּן יֶעדֶע דִיבּוּר וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּ אִים מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת.

**וָואס** אִיז דֶער כֹּחַ פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא? זֵיי בְּרֶענְגְן אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגְן יֵאוּשׁ אוּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע דִיפְּרֶעסְיֶע, אוּן זֵיי וַוייזְן אִים מִיטְן דִמְיוֹן כְּאִילוּ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַוֶעגְן אִים, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, אוּן פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין וְכוּ' וְכוּ', קַיין שִׁידוּךְ וֶועט עֶר נִישְׁט טְרֶעפְן וְכוּ', קַיין אַרְבֶּעט וֶועט עֶר נִישְׁט טְרֶעפְן וְכוּ', עֶר אִיז מַמָשׁ אַ לֹא יוּצְלָח וְכוּ', דָאס אִיז דִי

רייד פון דעם יֵצֶר הָרַע, וָואס הֵייסְט יֵצֶר הָרַע? עֶר בַּאשַׁאפְט דָאס שְׁלֶעכְטְס, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז שְׁלֶעכְט און סְ'אִיז שְׁלֶעכְט, און סְ'וֶועט זַיין שְׁלֶעכְט וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי. דֶער יֵצֶר טוֹב הֵייסְט עֶר בַּאשַׁאפְט דֶעם גוּטְס, עֶס אִיז גוּט און עֶס וֶועט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער.

**אַ** איד טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע, מֶען דַארְף זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין און צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיז אַ הַצְלָחָה נִצְחִיוּת, אַ אֵייבִּיגֶע הַצְלָחָה, וֶוען אַ איד זָאל וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט און חֲשִׁיבוּת וָואס זַיינֶע תְּפִילוֹת טוּעֶן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דֶעם, נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט אִים אִינְגַאנְצְן, און עֶר בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, און דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין אִין אַ מוֹרָא'דִיגֶע יֵאוּשׁ און דִיפְּרֶעסְיֶע.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָוארוּם עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן צוּ אוּנְזֶער דוֹר, מְחַזֵק זַיין און מְעוֹדֵד זַיין און מְשַׂמֵחַ זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע און גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז יֶעצְט גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן בָּחוּר שְׁוֶוערֶע און בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה וְטַהֲרָה, פוּן

רוֹב טִמְטוּם הַלֵב וָואס סְ׳קוּמְט פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וֶוערְט דֶער בָּחוּר צוּבְרָאכְן מִיט אַ יֵאוּשׁ, אוּן עֶר וֶוערְט בַּיי זִיךְ אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, אִיבֶּערְדֶעם הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְן אַ עֵצָה אַז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָוארוּם יֶעדֶע דִיבּוּר מַאכְט אַ רוֹשֶׁם אוֹיבְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן יֶעדֶער דִיבּוּר נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַרוֹיס פוּן זַיין בְּלָאטֶע, פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן סְ׳קְלֶעבְּט אִים צוּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**מַאךְ** זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, גֵיי אַרוֹיס פוּן בֶּעט וְכוּ׳, זֶעה אַיינְטֵיילְן דֶעם טָאג, אַ הַאלְבְּן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען כְּסִדְרָן, זָאגְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן דֶער עִיקָר זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּין גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר רֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה. אוּן אַ הַאלְבְּן טָאג זָאלְסְטוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ״ל (אָבוֹת פֶּרֶק ב׳) יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶרֶךְ אֶרֶץ, שֶׁיְגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן; אוּן אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ פֵיינֶעם שִׁידוּךְ, קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, אוּן קֵיינֶער הָאט דִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט וֶוערְד אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן דוּ טוֹיגְסְט אוֹיף גָארְנִישְׁט.

**אִיךְ** זָאג דִיר דוּ טוֹיגְסְט יָא, אוּן אַדְרַבָּה וָואס מֶער מֶען וֶועט דִיךְ צוּבְרֶעכְן זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

# תיד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיְחִי ו' טֵבֵת ה'תשע"ב

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט זֶען צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵייליךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב' סִימָן א') מִי שֶׁשָּׂמֵחַ תָּמִיד הוּא מַצְלִיחַ; וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז מַרְחִיב דֶעם דַעַת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') פַּארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ וַוייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת!, אוּן פַּארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת? וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט פְּרֵייליךְ! אוּן פַּארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט פְּרֵייליךְ? וַוייל עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט בַּיי זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת! יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) דָאס יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דַיין נְקוּדָה, וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעשָׁאנְקֶען, אוּן עֶר הָאט דִיךְ אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אַזָא מִין חֵשֶׁק אוּן תְּשׁוּקָה צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ דְרִיקֶערַיי, אוּן דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דוּרְכְדֶעם בִּיסְטוּ מְזַכֶּה טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, וָוארוּם לֵיידֶער יֶעצְט גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם צָרוֹת צְרוּרוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַלֶע סָארְטְן בִּיטֶערְנִישְׁן וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס

סְפָרִים קֶענֶען שְׁטַארְקְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן פָּשׁוּט מַצִּיל זַיין נִישְׁט אַרָאפְּצוּגֵיין פוּן זִינֶען וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דַיין נְקוּדָה, אוּן דוּרְךְ שִׂמְחָה וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט פֶעלְן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מ"א) דַעַת קָנִיתָ מָה חָסַרְתָּ; אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל הָאט מֶען אַלֶעס; אִיךְ הָאף צוּ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט אַריינְנֶעמֶען אִין דִיר דִי וֶוערְטֶער, אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן קַטְנוּת הַמּוֹחִין, אוּן עֶס וֶועט דִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תטו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיְחִי ו' טֵבֵת ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֶען צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כּוֹחוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה אַרָאפְּצוּפַאלְן, דַארְפְסְט וויסְן דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין בַּת זוּג, אוּן וָואס עֶס הַאלְט זִיךְ אוּיף, אַמָאל אִיז, זִי אִיז נָאךְ צוּ יוּנְג, אוּן מֶען דַארְף וַוארְטְן אַז זִי זָאל אִינְטֶער-וַואקְסְן, אִיבֶּערְדֶעם טָארְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, עֶס אִיז קַיין שׁוּם סָפֵק נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט אַ בַּת זוּג, אַז חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב.) אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת

הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי; דַארְפְסְטוּ וויסְן אַז מֶען הָאט פַאר דִיר אוֹיבֶעט אוֹיסְגֶערוּפְן אַ בַּת זוּג, דוּ דַארְפְסְט נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה, אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל דִיר מַזְמִין זַיין וָואס שְׁנֶעלֶער דַיין זִוּוג, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, וָוארוּם תְּפִלָּה הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אוֹיף צוּ טְרֶעפְן אַ בַּת זוּג, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִיתּוּן סִימָן ח׳) עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם; אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז תְּפִלָּה, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוּואוֹין זִיךְ צוּ יֶעדְן טָאג צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף טְרֶעפְן דַיין בַּת זוּג, וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען דִי יְשׁוּעָה, זֶעה זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין לִימּוּד גְּמָרָא, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אַלֶעס, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כְּסִדְרָן, הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן לֶערְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיַאֵשׁ זַיין, נָאר זָאג אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) לְעוֹלָם לִיגְרִים אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְמִשְׁכַּח וְאַף עַל גַּב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר; וֶוען דִי וֶועלְט זָאל ווִיסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען כְּסִדְרָן שַׁ״ס אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואלְט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ דַף אוּן נָאךְ אַ דַף, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רָצוֹן, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בַּאֲרִיכוּת אִין זַיין סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו) עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען

דַארְף אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג בְּרָכוֹת, אוּן זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט בְּרָכוֹת זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת וְכוּ' וְכוּ', בִּיז מֶען גֵייט דוּרְךְ גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן נָאכְאַמָאל, אוּן וֶוער עֶס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם שְׁפִּירְט אַלֶע טַעֲמִים אִין לֶעבְּן.

**וָוארוּם** וויסְן דַארְפְסְטוּ וויסְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט בִּפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית, וֶוערְט אִים דֶער קָאפּ אוּן דֶער מוֹחַ פַארְשְׁטָאפְּט מִיט טִינוּף אוּן מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת וְכוּ' וְכוּ', בִּיז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשׁוּטָן שֶׁל דְבָרִים, אָבֶער וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף כְּסִדְרָן, צוּם סוֹף עֶפְנְט זִיךְ אִים אוֹיף דֶער קָאפּ, אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר קֶען יָא פַארְשְׁטֵיין, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רי"ד) דָאס לִימוּד גְמָרָא אִיז מְבַטֵל דִי קְלִיפָּה וָואס עֶס מַאכְט זִינְדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עַיֵין שָׁם, אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג, בִּיז עֶר אִיז מְסַיֵים אַ מַסֶכְתָּא הֵייבְּט עֶר אָן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא כְּסִדְרָן דַיְיקָא, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, וָוארוּם דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, וּבִפְרַט לִימוּד גְמָרָא, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) "בְּמַחְשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם" אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה זֶה תַּלְמוּדָה שֶׁל בָּבֶל; אוּן לִכְאוֹרָה ווִי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף לִימוּד גְמָרָא בְּמַחְשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי? נָאר דֶער פֵּירוּשׁ אִיז, אַז דַיְיקָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין בִּיטֶערְן גָלוּת, אוּן עֶר פִילְט

זִיךְ אַז ס'אִיז אִים זֵייעֶר פִינְסְטֶער, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם חַיוּת אִין זַיין לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי אַ מֵת, אִיז דַוְיקָא אַזַא מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ, לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא, וֶוערְט אִים לִיכְטִיג.

**אִיבֶּערְדֶעם** ווייל עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַזוֹיפִיל פִינְסְטֶערְנִישׁ ווָארוּם דוּ בִּיסְט אַ בָּחוּר, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה; אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶען זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ דַפִּים, ווֶעסְטוּ זֶען אַז עֶס ווֶעט דִיךְ לֶעכְטִיג זַיין, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט ווָאס עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם וְכוּ' וְכוּ', ווָאס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם, יֶענֶער פַארְשְׁטֵייט בְּמֵילָא נִישְׁט ווָאס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ אַרַיינְצוּלֵייגְן אַסַאךְ אִין דִי גְמָרָא, זָאלְסְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג כְּסִדְרָן שַׁ"ס, אוּן דָאס ווֶעט דִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן דַיין יְשׁוּעָה, עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה.

דִי ווֶעלְט זָאגְט אַז נָאר זָאגְן זוֹהַר מִיט תִּיקוּנִים אִיז אַ סְגוּלָה פַאר דִי נְשָׁמָה, אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אִיז זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא אוֹיבֶעט אַ סְגוּלָה פַאר דִי נְשָׁמָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ ווָאס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ אַ סֵדֶר יֶעדְן טָאג זָאגְן כְּסִדְרָן מִשְׁנַיוֹת, אוּן גְמָרָא, אוּן זוֹהַר, אוּן תִּקוּנִים, ווֶעט עֶר נִיצוֹל ווֶערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:) כַּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָמַר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל, בְּנִי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי לוֹ

תּוֹרָה תַּבְלִין, וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית ד׳) ״הֲלוֹא אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת״ וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (שָׁם) ״לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ״ וְלֹא עוֹד, אֶלָּא שֶׁכָּל מַשָּׂאוֹ וּמַתָּנוֹ בְּךָ, שֶׁנֶּאֱמַר (שָׁם) ״וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ״, וְאִם אַתָּה רוֹצֶה אַתָּה מוֹשֵׁל בּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (שָׁם) ״וְאַתָּה תִּמְשָׁל בּוֹ״.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, פָאלְג וָואס מֶען זָאגְט דִיר, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ יֵאוּשׁ, אוּן אַ דִיפְּרֶעסְיֶע, דָאס אִיז עֶרְגֶער וִוי אַלְסְדִינְג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

## תטז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר וַיְחִי ו׳ טֵבֵת ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דִי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב׳) יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ, שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן; עֶס אִיז גוּט אַיינְצוּטֵיילְן דֶעם טָאג הֶעלְפְט לֶערְנֶען אוּן הֶעלְפְט עוֹסֵק זַיין אִין פַּרְנָסָה, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן עֶפֶּעס אַ פַּרְנָסָה אִין דִי הַאנְט, דָאס הֵייסְט עֶפֶּעס אַ פַאךְ, כְּדֵי דֶער מֹחַ

זָאל אִים זַיין פְרֵיי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה (עַיֵין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תק"א); זָאלְסְט וויסְן אַז אַ מֶענְטְש הָאט אַ גֶעהֶערִיגֶע פַאךְ אִין דֶער הַאנְט, דַארְף עֶר נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ קַיין טוֹבוֹת פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין אַ בְּרָכָה אִין זַיינֶע הֶענְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף נֶעמֶען אַזַא פַאךְ וָואס עֶס צִיט אִים צוּ דֶעם, אֵיינֶער אִיז אַ סוֹפֵר, אֵיינֶער אִיז אַ מְלַמֵּד, אֵיינֶער אִיז אַ שׁוֹחֵט, אֵיינֶער הָאט אַ סְטָאר וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶער מֶענְטְשׁ צִיט צוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער וִויסְן דַארְף עֶר וִויסְן אַז מֶען מוּז הָאבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס הִילְף, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין ד') לְעוֹלָם יְלַמֵּד אָדָם אֶת בְּנוֹ אוּמְנוּת נְקִיָּה וְקַלָּה, וְיִתְפַּלֵּל לְמִי שֶׁהָעֹשֶׁר וְהַנְּכָסִים שֶׁלּוֹ, שֶׁאֵין אוּמְנוּת שֶׁאֵין בָּהּ עֲנִיּוּת וַעֲשִׁירוּת, שֶׁלֹּא עֲנִיּוּת מִן הָאוּמָּנוּת וְלֹא עֲשִׁירוּת מִן הָאוּמָּנוּת, אֶלָּא הַכֹּל לְפִי זְכוּתוֹ.

**אִיבֶּערְדֶעם** וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ צוּשִׁיקְן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, זַיי נִישְׁט צוּפַאלְן בַּיי זִיךְ, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַ גוּטְן רָצוֹן דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען אַלֶעס, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג (תְּהִלִּים קמ"ה) "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן" וָואס לִכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי 'מָזוֹן', וִוי קוּמְט אַרַיין דָא "רָצוֹן"? נָאר אַז מֶען הָאט אַ רָצוֹן הָאט מֶען אַלֶעס, אוּן דִי וֶועלְט זָאגְט "אַז מֶען אִיז פוֹיל הָאט מֶען נִישְׁט אִין מוֹיל".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה פוּן אַ בַּעַל בִּטָּחוֹן, וָואס דֶער תַּמְצִית פוּן דִי מַעֲשֶׂה

אִיז אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, וָואס עֶס הָאט זִיךְ נָאר גֶעלָאזְט, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קְלוֹיבֶּערִישׁ וְכוּ' וְכוּ', עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דִי אַרְבֶּעט פַּאסְט מִיר נִישְׁט וְכוּ', דִי אַרְבֶּעט עֶקְל אִיךְ זִיךְ וְכוּ', נָאר יֶעדְן אַרְבֶּעט וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטְרָאגְן הָאט עֶר גֶענוּמֶען, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ אֵיין טָאג הָאט עֶר גֶעדַארְפְט רֵיינִיגְן אַ שְׁטַאל וְכוּ', אֵיין טָאג הָאט עֶר גֶעדַארְפְט מַאכְן אַ אַנְדֶערֶע שְׁמוּצִיגֶע אַרְבֶּעט וְכוּ', עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען, נָאר עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטְרָאגְן צוּ אַרְבֶּעטְן הָאט עֶר גֶענוּמֶען, אוּן אַזוֹי הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעפֶעלְט קַיין פַּרְנָסָה, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, וֶועסְטוּ זֶען אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ הָאבְן גֶעהֶערִיג פַּרְנָסָה, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן זָארְגְן וואו צוּ בָּארְגְן.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תיז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וַיְחִי ט' טֵבֵת ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיבּ דוּ ווילְסְט חִיזוּק זָאלְסְטוּ זִיךְ וֵוייקְן אִין דִי "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" פוּן דֶעם הֵיילִיגְן

רַבִּי נָתָן זַ"ל, וָואס נָאר עֶר הָאט אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען דֶעם רֶבִּי'ן מֶער פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים.

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זַ"ל אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי לֶעצְטֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן פוּנֶדעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר אַלֶעמֶען אִיבֶּערְגֶעשְׁטִיגְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן זַ"ל דֶער רָב פוּן בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעזָאגְט בְּעֵת דִי לְוָיָה פוּן הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זַ"ל, עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן שְׁפֶּעטֶער פוּן אוּנְז אַלֶע, אוּן דֶער גַאנְצֶער קַאסְטְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּט אִיז בַּיי אִים גֶעבְּלִיבְּן, אוּן אוּנְזֶערֶע לַייט פְּלֶעגְן זָאגְן דֶעם טַעַם פַארְוָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מֶער ווִי אַלֶע תַּלְמִידִים, וָוארוּם אַלֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעווּיסְט זֵייעֶר גְרוֹיסְקֵייט נִישְׁט מֶער אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַסַאךְ גְרֶעסֶער, אָבֶּער וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זַ"ל אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעלֵייגְט זַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אִינְגַאנְצְן, אוּן עֶר הָאט גֶעווּיסְט אַז אָן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גָאר קַיין שֵׂכֶל נִישְׁט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ דִיבּוּר אִיז נָאךְ אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל וְכוּ' וְכוּ', [כָּאטְשׁ וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זַ"ל אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען אַ אִישׁ שָׁלֵם אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן אַ צַדִיק, וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע, אוּן צוּם הֵיילִיגְן רַבִּי מָרְדְכַי מִקְרֶעמֶענִיץ זי"ע, פוּנֶדעסְטְוֶועגְן וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר

אַלֶעס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, און אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיסְגֶעשְׁטִיגְן צוּ וָואס עֶר אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטִיגְן].

**עֶר** הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ פַּארְמֶעגְן, דִי "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פֶּערְצִיג יָאר נָאכַאנַאנְד, און עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֶעהַאט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז בָּזֶה הָעוֹלָם אִיז דֶער עִיקָר "הִתְחַזְקוּת", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וָוארוּם אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ גֵייט אִיבֶּער כָּל מִינֵי צָרוֹת און יִסוּרִים און בִּיטֶערְנִישְׁן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ט) אַז דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם, וֶועלְדִיג וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן דוּרְךְ און וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט אִיז דָא פָּשׁוּט דֶער גֵיהִנוֹם. עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין עוֹלָם הַזֶה. אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אַלֶע זַיינֶע חִידוּשִׁים, אוֹיפְן וֶועג פוּן "הִתְחַזְקוּת", שְׁטַארְקְן אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע און גֶעפַּאלֶענֶע און גֶעלִיטֶענֶע נְשָׁמוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט הָאבְּן "הִתְחַזְקוּת" זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִקוּטֵי הֲלָכוֹת", און דוּ וֶועסְט זֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן וֶועט דִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַּאלְן.

**גְלֵייבּ** מִיר מַיין גַאנְצֶער הִתְחַזְקוּת וָואס אִיךְ הָאבּ וְכוּ', און אִיךְ הָאבּ דוּרְכְגֶעלֶעבְּט מַיין לֶעבְּן אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן וָואס אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעמַאכְט וְכוּ' וְכוּ', אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען אַ דַאנְק וָואס אַלְץ יוּנְגֶער בָּחוּר הָאבּ אִיךְ

זַייעֶר אַסַאך גֶעלֶערְנְט "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען מַיין חַיוּת, אוּן וֶוען עֶס אִיז מִיר גֶעוָוארְן עֶנְג בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין דִי "לִקוּטֵי הֲלָכוֹת" אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבֶּעט, פוּן הַיינְט בַּיינַאכְט עַשָׂרָה בְּטֵבֵת וָואס עֶס אִיז רַבִּי נָתָן זַ"ל יָארְצַייט, הֵייבּ אָן צוּ מַאכְן זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין "לִקוּטֵי הֲלָכוֹת" ווֶעסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין.

מֶען טָאר נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אֱמֶת עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע צַייטְן וְכוּ', פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, וָוארוּם קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין; כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, עֶר דַארְף זִיךְ נָאר נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אִיךְ הָאף דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן פוּן הַיינְט בַּיינַאכְט לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין "לִקוּטֵי הֲלָכוֹת" אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף זַיין סֵפֶר "לִקוּטֵי הֲלָכוֹת" דָאס אִיז הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ'ס גַן עֵדֶן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תיח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיְחִי עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

הַיינְט איז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ס יָארְצַייט, דַארְף מֶען מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען כְּסִדְרָן "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן אַז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין וֶועט מֶען קֶענֶען עֶנְדִיגְן אִיבֶּערְס-יָאר גַאנְץ "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת", אַוודַאי אוּן אַוַודַאי אַז מֶען קֶען עֶנְדִיגְן עֶטְלִיכֶע מָאל אִין יָאר דִי גַאנְצֶע סִפְרֵי "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת" אִיז אַסַאךְ בֶּעסֶער, וָוארוּם נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן הָאט אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען דִי נְקוּדָה הַפְּנִימִיּוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, פוּן מִיר וֵוייסְן נָאר רַבִּי נָתָן, אוּן רַבִּי נַפְתָּלִי אַבִּיסְל. דֶערִיבֶּער ווַאוִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ בַּאפְלַייסְן אַסַאךְ אִין סִפְרֵי "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת", עַל כָּל פָּנִים אֵיינְמָאל אַ יָאר מוּז מֶען עֶנְדִיגְן דָאס גַאנְצֶע "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת" אוּן וויסְן דַארְפְסְטוּ וויסְן דָאס וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק אִין דֶעם, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת", וֶועט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן נִישְׁט לָאזְן פַאלְן, דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה, וָוארוּם דָאס אִיז הִתְחַזְּקוּת וָואס עֶס אִיז דָא אִין "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת" דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טְרֶעפְן אִין עֶרְגֶעץ, אַז ווַאוִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין רֹאשׁוֹ וְרוּבּוֹ אִין דִי "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת", וֶועט עֶר הָאבְּן

הִתְחַזְּקוּת נִישְׁט נָאר פַאר זִיךְ, נָאר עֶר וֶועט קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוֹיךְ אַנְדֶערֶע.

**רֶבִּי** נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט אַז הַיינְט אַז מִיר הָאבְּן דִי "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת" וֶועט מֶען עָתִיד לִיתֵּן דִין זַיין אוֹיף יֶעדְן טָאג וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין דֶעם, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן אִיז מְחַזֵּק אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לֶערְנֶען אִין זַיינֶע סְפָרִים.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט נָאךְ פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק, דָאס אִין אוּמַאן פְלֶעגְט מֶען זָאגְן, דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוֵוייקְט אִין דִי "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת" הָאבְּן זִיךְ שֶׁענֶער דֶערְהַאלְטְן, (וָוארוּם וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער אַלֶע סָארְטְן יְרִידוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ', צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וְכוּ', עֲנִיוּת אוּן דַחְקוּת אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ', אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מוּז הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן דָאס וֶועט עֶר טְרֶעפְן נָאר אִין דִי "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת"). אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הֵייבְּט אָן הַיינְט עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ס יָארְצַייט צוּ לֶערְנֶען כְּסִדְרָן דִי סִפְרֵי "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת", וֶועט אִים גוּט זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תיט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר וַיְחִי עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּיטֶערְן בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז מְקַצֵר זַיין, וָוארוּם אִיךְ פַּאסְט זֵייעֶר שְׁוֶוער וְכוּ׳.

**בְּעִנְיָן** מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת וְכוּ׳, דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן נִישְׁט קוֹיפְן קַיין שׁוּם מַאֲכָל וָואס עֶס הָאט אוֹיף דֶעם אַ חֲשַׁשׁ דְחָשָׁשׁ וְכוּ׳, אַ סָפֵק אוּן אַ סָפֵק סְפֵיקָא וְכוּ׳ פוּן עֶפֶּעס אַ אִיסוּר פוּן מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ צוּ קוֹיפְן אַ מַאֲכָל אַבִּי וָואס וְכוּ׳ אֲפִילוּ מִיט אַ הֶכְשֵׁר פוּן אָהָ יָא OU וָואס דָאס אִיז בַּאוואוּסְט נָאר אַ הֶכְשֵׁר בְּדִיעֶבַד דְבְדִיעֶבַד וְכוּ׳, אוּן אוֹיבֶּעט נָאר פַּארֶעוֶוע זַאכְן וָואס סְ׳וֶוערְט נִישְׁט אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין דֶעם קַיין שׁוּם חָלָב עַכּוּ״ם אָדֶער חָלִילָה וְחַס בָּשָׂר טְרֵיפוֹת, אָבֶּער אַזוֹי טָאר מֶען דָאס נִישְׁט נִיצְן, אָהָ יָא OU אִיז אַ הֶכְשֵׁר בְּדִיעֶבַד שֶׁבְּדִיעֶבַד אוֹיבֶּעט נָאר אוֹיף אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס מֶען וֵוייסְט זִיכֶער אַז סְ׳וֶוערְט אִין דֶעם גָארְנִישְׁט אַרַיינְגֶעמִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**הַיינְט** קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַלֶע מַאֲכָלִים מִיט דִי בֶּעסְטֶע הֶכְשֵׁרִים פוּן עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים יִרְאֵי הַשֵּׁם.

**אַוַדַאי** אוּן אַוַדַאי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶער אוּן מֶער, וַוייל דָארְטְן זֶענֶען זֵיי

אִינְטֶרְעסִירְט מַכְשִׁיל צוּ זַיין אִידְן מִיט מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, וָוארוּם דֶער רַמְבַּ"ם בְּרֶענְגְט (אִגֶּרֶת תֵּימָן) דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת אִיז אִים שׁוֹין שְׁוֶוער מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם אִיז גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַּארְפְלֵייצְט מִיט נְבֵילוֹת אוּן טְרֵיפוֹת פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, בְּשַׂר הַשְּׁפַנִים וְהַחֲזִירִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַלֶעס בְּהֶכְשֵׁר פוּן דִי רַבָּנוּת וְכוּ', אוּן דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גוּזְמָא, וֶוער ס'וואוינְט אוּן יַבְנְאֵל אוּן זֶעט וָואס דָארְטְן טוּט זִיךְ אָפּ מִיט דִי רַע-הַמְקוֹמִי (מִיטְן שְׁטְרָאף פוּן שְׁטֶעטְל), וָואסֶערֶע הֶכְשֵׁרִים עֶר גֶעבְּט אוֹיף טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ הַיינְטִיגֶע צַייטְן צוּ קוֹיפְן אַ מַאֲכָל אָן אַ הֶכְשֵׁר פוּן אַן עֶרְלִיכְן רָב, ס'אִיז דָא!.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֲכִילָה חֵלֶק ב' סִימָן י') מִי שֶׁנִּזְהַר מִמַּאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, הוּא נִצּוֹל מֵחַיּוֹת רָעוֹת; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט עֶסְן קַיין שׁוּם מַאֲכָל וָואס עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַ סְפֵק-סְפֵקוֹת וְכוּ', אֲפִילוּ סָאדֶע אִיז נִישְׁט גְלַייךְ צוּ קוֹיפְן נָאר מִיט אַ הֵיימִישְׁן הֶכְשֵׁר! מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיפְן אָהֶה יָא OU, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דַעַת סִימָן כ"ב) מִי שֶׁיִּשְׁמוֹר אֶת עַצְמוֹ מִבִּשּׁוּלֵי עַכּוּ"ם וּמִנֶּסֶךְ, זוֹכֶה לְחָכְמָה וּמֵבִין בְּכָל סֵפֶר; דֶערְפַאר זֶעט מֶען עֶס אִיז דָא לֵיידֶער אַזוֹיפִיל קִינְדֶער וָואס דֶער קָאפּ אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, אַלֶעס ווייל דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט נִזְהַר גֶעוֶוען מִיט מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, אוּן מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטוּב עֶסְנְוַוארְג אָן קַיין שׁוּם הֶכְשֵׁר

וְכוּ׳, לֵייְדֶער גֵייעֶן אַרוּיס אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ לְתַרְבּוּת רָעָה, אַלֶעס ווייל דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט נִזְהָר וָואס זֵיי בְּרֶענְגֶן אַרַיין אִין שְׁטוּב, מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת זֶענֶען מְטַמְטֵם אֶת הַלֵב, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וּבִפְרַט פְלֵייש זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוֹיפְן, נָאר מִיט אַ הֵיימִישְׁן הֶכְשֵׁר, מִיט הֵיימִישֶׁע רַבָּנִים וָואס מֶען קֶען זֵיי, מְפוּרְסָם בְּיִרְאֵי הַשֵׁם, אוּן סְ׳אִיז הַיינְט דָא אַזֶעלְכֶע, אִיז פַארְוָואס דַארְף מֶען גֵיין קוֹיפְן פְלֵייש פוּן אַ פְלַאץ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט זִיכֶער? אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הַיינְט אָן נִישְׁט עֶסְן קַיין שׁוּם מַאֲכָלִים וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין הֶכְשֵׁר, אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג מִיט אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תכ

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר שְׁמוֹת י״ג טֵבֵת ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה הַקְדוֹשָׁה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה" נֵרָם יָאִיר וְיִזְרַח.**

הַיינְט הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי״ם, וָואס דָאס מֵיינְט דִי וָואכְן וָואס מֶען לֵיינְט שְׁ׳מוֹת וָ׳אֵרָא בּ׳א בְּ׳שַׁלַח יִ׳תְרוֹ מִ׳שְׁפָּטִים, זָאגְט דִי אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ דִי טֶעג זֶענֶען מְסוּגָל צוּ פַארְעֶכְטְן אַלֶע פְּגָמֵי הַבְּרִית וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק

ב׳ סִימָן פ״ז) אַז דָאס אִיז גוֹרֵם פַאר אַ בָּחוּר עֶס זָאל אִים שְׁוֶוער אָנְקוּמֶען טְרֶעפְן זַיין בַּת זוּג, און אוֹיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וֶועט אִים אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער דִי שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּהן, וֶועט אִים אַלֶעס פַארְרָאכְטְן וֶוערְן.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים אַז דִי פֶּערְצִיג טֶעג דַארְף מֶען פַאסְטְן, אָבֶּער עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ פַאסְטְן און מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין תַּעֲנִיתִים, עֶס אִיז עֶנְק אַלֶע בַּאוואוּסְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי עֶנְק אִין דִי יְשִׁיבָה חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וָואס אִיז פֶּערְצִיג טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי וֶועלְן עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג מַסֶכֶת תַּעֲנִית, וֶועלְן טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, און עֶס אִיז גֶעוֶוען קְלוּגֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען מַיינֶע ווערְטֶער און זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מַמָּשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ יֶעדְן טָאג מַסֶכֶת תַּעֲנִית, אֲפִילוּ עֶס אִיז זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, און עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוערֶע צַייטְן וְכוּ׳, ווי פַארְפְלֵייצוּנְגֶען וְכוּ׳, און עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶלֶעקְטֶערִיק וְכוּ׳, און מֶען הָאט גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען מִיט לֶעכְט וְכוּ׳, הָאט זֵיי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן, און זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן יֶעדֶער אֵיינֶער אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, און דִי וָואס זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן וְכוּ׳, קֶען זַיין אַז זֵייעֶר אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיבֶּערְדֶעם בִּין אִיךְ מַצִיעַ כַּאפְּט אַרַיין כָאטְשֶׁע דִי פֶּערְצִיג טֶעג פוּן הַיינְט אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מַסֶכֶת תַּעֲנִית, אַנְשְׁטָאט צוּ פַאסְטְן, וֶועט עֶטְץ זֶען וואוּנְדֶער אִיבֶּער

**וואוּנְדֶער דָאס אַלֶע וֶועלְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים, נָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין.**

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן, אִיבֶּערְדֶעם דֶער וָואס עֶר וִויל זִיךְ אָנְרוּפְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, דַארְף זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין נִישְׁט רֵייכֶערְן קַיין צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, כָאטְשֶׁע סְ'קוּמְט אָן שְׁוֶוער, אָבֶּער מֶען מוּז פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר אָדֶער דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר וַוארְפְּט אַוֶועק דִי צִיגֶערֶעטְלֶעךְ אוּן רֵייכֶערְט נִישְׁט, אוּן פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**שִׂמְחָה** אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') **כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו;** וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ דֶערְמָאלְט וַוייזְט עֶר אַז עֶר אִיז אַ אֱמֶת'ר אִיד, עֶר פְרֵייְדט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין יֶעדְן טָאג, צִיצִית תְּפִלִין מְזוּזָה תוֹרָה תְּפִלָּה וְכוּ' וְכוּ', מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס שִׂמְחָה טוּט אוֹיף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ד) **אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט שׁוֹין אִין מְדוֹר הַקְלִיפּוֹת** דוּרְךְ זַיינֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד, אָבֶער אוֹיבּ עֶר פְרֵייְדט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין, רַייסְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס פוּן עוֹלָם הָעֲשִׂיָה אוּן עֶר גֵייט אַרוֹיף צוּ עוֹלָם הַיְצִירָה בְּרִיאָה בִּיז עוֹלָם הָאֲצִילוּת, אוּן עֶר אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ הֶעכֶערֶע סָארְט לֶעבְּט, עֶר זֶעט אֱלֹקוּת עֶר הֶערְט אֱלֹקוּת

און רֶעדְט אֱלֹקוּת, וְכוּ׳, וְכוּ׳, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס שִׂמְחָה אִיז, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְט אִיר זִיךְ זַייעֶר זַייעֶר שְׁטַארְקְן נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קס״ט) אַז אַ מֶענְטְש אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ הִיט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָפּ אַז עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיבֶּערְדֶעם מוּזְט אִיר זֶען יֶעדְן טָאג צוּ טַאנְצֶען נָאךְ יֶעדְן דַאוֶוענֶען, און זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגְן צוּ אַ מוֹרָא׳דִיגְן יִשּׁוּב הַדַעַת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן י׳) פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וַוייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, און פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת? וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, און פַארְוָואס זֶענֶען זֵיי נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל זֵיי טְרֶעפְן נִישְׁט בַּיי זִיךְ דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ גוּטְס, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד׳) ״כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ״ מַאי רַקָּתֵךְ, אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְווֹת כְּרִמּוֹן; און דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, נָאר צוּ טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן אִיד, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפ״ב) דָאס דֶער צַדִיק עֶר אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה וָואס קֶען דַאוֶוענֶען מִיט אַלֶע גוּטְס פוּן יֶעדְן אִיד. אִיבֶּערְדֶעם זֶעה נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, און זָאלְסְט דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִיר אַלֶע עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, בָּאטְשֶׁע אִיךְ וַוייס אַז עֶס אִיז דִיר זַייעֶר זַייעֶר שְׁוֶוער, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס״ב) הַשָּׁרוּי בְּלֹא אִשָּׁה שָׁרוּי

בְּלֹא שִׂמְחָה; פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין אַזוֹי פִיל אֱמוּנָה און אַזוֹי פִיל הִתְחַזְקוּת, וָואס דָאס אַלֵיין אִיז דִי גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קע"ב) אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַזַא רֶבִּי'ן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, זָאלְסְט זֶען נָאר פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, און אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיךְ אָן זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ה') לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רַבִּי אֱלִיעֶזֶר פַּאפּוֹ זַצַ"ל (פֶּלֶא יוֹעֵץ אוֹת שִׂמְחָה) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָה פוּן שִׂמְחָה, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס צִיט אִים שְׁטֶענְדִיג צוּ עַצְבוּת און צוּ מָרָה שְׁחוֹרָה און עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, און עֶר טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, עֶר בַּאקוּמְט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער שְׂכַר, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ און זַיי פְרֵיילִיךְ, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן דוּרְכְגֵיין דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן יְמֵי שׁוֹבָבִים, און דוּ וֶועסְט קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג מַסֶכֶת תַּעֲנִית, וָואס דָאס וֶועט דִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן דַיין זִיווּג, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת, נָאר זֶעה צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, און זָאלְסְט זֶען עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הַפָּצָה מְקַרֵב זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן, זַיי זָאלְן אוֹיבֶעט וִויסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן.

וֶועה צו בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת, אוּן זָאלְסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע כְּפִי דֶער סֶדֶר פוּן אֲרִיזַ"ל, וֶועט מֶען דִיר מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲווֹנוֹת פוּן פְּגָמֵי הַבְּרִית, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה הֲלָכָה ב), אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר קֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִים, וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס, נָאר גֶעט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט מִישְׁן זִיךְ אִין נַארִישֶׁע פָּאלִיטִיק וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, אוּן סְ'נֶעמְט צוּ פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ דָאס גַאנְצֶע שֵׂכֶל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן ס"ו) בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת.

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תכא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט"ו טֵבֵת ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ וֵוייסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ רֵייבֶערְן צִיגֶערֶעטְלֶעך, מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס דִי דָאקְטוֹרִים וָוארֶענֶען אַז מֶען קֶען בַּאקוּמֶען קֶענְסֶער אוֹיף דִי לִינְגֶען רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וֶוען מֶען רֵייבֶערְט צִיגֶערֶעטְלֶעך, אָבֶּער פָּשׁוּט אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים אִין

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן און פָאלְגְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֵייכֶערְן צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט** אָנְזָאגְן דִי חֲבֵרִים דַיינֶע וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין שִׁיעוּר לֵיל שִׁשִּׁי זָאל קֵיינֶער נִשְׁט רֵייכֶערְן נִשְׁט

אִין בִּנְיָן און נִישְׁט אִינְדְרוֹיסְן, דָאס אִיז אַ חִילוּל הַשֵּׁם אַז בָּחוּרִים וָואס זֵיי ווִילְן זַיין בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים און זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אַז מֶען גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין אַ רֶבִּי'ן, וָואס דַארְף מֶען פָארְן צוּ אִים? דֶער סִיפּוּר אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי שְׁטָאט אוּמַאן און עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיין רֶענְצְל אִין זַיין אַכְסַנְיָה און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לוֹיפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פִירְן, אַרָאפְּלֵייגְן זַיין פֶּעקְל אִין זַיין אַכְסַנְיָה וְכוּ', אִין לוֹיפְן גְלַייךְ צוּ הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער ז"ל וָואס פְלֶעגְט אִים בַּאדִינֶען אוֹיבֶעט מִיט גֶעלָאפְן, אָבֶער זַיין רֶעקְל אִיז גֶעוֶוען צוּרִיסְן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, גֵיי צוּרִיק און נֵיי צוּ דַיין רֶעקְל, און נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, הָאט זִיךְ רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער ז"ל גֶ'עַקְשְׁנְט אִיךְ ווִיל גֵיין מִיט אַייךְ צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט רֶבִּי נָתָן, אַז מֶען גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין אַ רֶבִּי'ן וָואס

פָּארְט מֶען צוּם רֶבִּי'ן? דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט גֵיין מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, אוּן דוּ הָאסְט אַ צֶערִיסְן רֶעקְל אוּן קֶענְסְט עֶס נִישְׁט צוּנֵייעֶן קוֹדֶם? אוּן נָאכְדֶעם גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?! קוּם אִינְגַאנְצְן נִישְׁט!

**זֶעט** מֶען וִוי וַוייט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוֹיבּ מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דַארְף מֶען קוּמֶען צוּ אִים, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט רֵייכֶערְן צִיגֶערֶעטְלֶעךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט רֵייכֶערְן צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, דַארְף מֶען פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן דַארְף מֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים, מִכָּל שֶׁכֵּן זַיין אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס אִיז אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען אוּן דָארְטְן צוּ רֵייכֶערְן, דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עַוְולָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֵייכֶערְן אִינְגַאנְצְן, אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן דַיינֶע חֲבֵרִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אַהֶער מִיט קַיין צִיגֶערֶעטְלֶעךְ.

**נֶעם** זִיךְ שׁוֹין אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים אִיז אַ הִימְלִישֶׁער הַצְלָחָה, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶערְן אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת, אוּן מֶען זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תכב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט"ו טֵבֵת ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט אוֹיף הַדְפָּסָה, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן הַצְלָחָה, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְנַדֵב זַיין גֶעלְט פַאר הַפָּצָה אוּן הַדְפָּסָה, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, וָוארוּם מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מִצְוָה, וָוארוּם לֵייְדֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹיפִיל צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת, אוּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען זֵיי הֶעלְפְן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, זָאלְסְט טוּן אַלֶעם וָואס דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען דְרִיקְן דִי סְפָרִים, וּבִפְרַט אַז יֶעצְט קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ים, זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְהֶעלְפְן פַארְפְלֵייצְן דֶעם סֵפֶר "אוֹצַר הַשׁוֹבָבִ"ים" וָוארוּם דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר, אוּן וואוּיל אִיז דֶעם אִינְגֶערְמַאן, וָואס עֶר קֶען מֵפִיץ זַיין דֶעם סֵפֶר אוּן מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תכג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט"ו טֵבֵת ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זַיין אַ סַבְלָן, הָאבְּן גֶעדוּלְד, וָוארוּם וֶוער עֶס הָאט מֶער גֶעדוּלְד דֶער אִיז מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן, אָבֶּער כְּדֵי צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד מוּז מֶען זַיין אַ וַותְּרָן, מְוַותֵּר זַיין אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אַוַודַאי קוּמְט עֶס נִישְׁט אָן גְרִינְג, וָוארוּם דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, עֶר דַארְף מְנַצֵחַ זַיין, עֶר דַארְף אוֹיסְפִירְן זַיינְס וְכוּ', דָאס אִיז דֶער טֶבַע פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, קֵיינֶער וִויל נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים בֵּייקוּמֶען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת אִיז צוּ זַיין אַ וַותְּרָן, מְוַותֵּר צוּ זַיין, נָאכְגֶעבְּן, אוּן שְׁוַוייגְן וְכוּ' וְכוּ', דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען דָאס בַּאוַוייזְן אָפְּשְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, דֶער אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אֱמֶת קֶען זַיין בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי, אוּן עֶר הָאט צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס עֶר כַאפְּט אַרַיין וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער נָאכְדֶעם שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ דֶער גְלִיקְלֶעכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן ל"ה) מִי שֶׁהוּא עָצוּר בְּמִלִּין, לֹא יוּכַל אוֹתוֹ שׁוּם אָדָם; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ אַיין פוּן רֶעדְן, קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט בֵּייקוּמֶען. בִּכְלַל אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הִיטְן אוֹיפְן דִיבּוּר, אַזוֹי וִוי דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי

כ"א) "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ" אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט, הָאט מֶען נִישְׁט חֲרָטָה.

וְזִיסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן, צוּקוּמֶען צוּ דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְד הָאבְּן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס אִיז תָּלוּי אִין אֱמוּנָה, וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַ יֶעדֶע זַאךְ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט קוּמְט עֶר צוּ דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, עֶר וֶוערְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אִין כַּעַס, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט דֶענֶערְוִוירְן, אַ אִיד דַארְף קוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה, זַיין דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטֵי פְּרָטִיוּת, אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אָדֶער אַ קְלֵיינֶע זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר מִיטְן רָצוֹן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעֲלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן פוּן הִימְל קוֹדֶם, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אַזוֹיפִיל צָרוֹת פוּן זַיין וַוייבּ פוּן דִי קִינְדֶער פוּן מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אַוַודַאי אִיז דָאס אַלֶעס פוּן אוֹיבְן, נָאר וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי מַחֲשָׁבָה לַיידְט עֶר צָרוֹת צְרוּרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען אַ אִיד אִיז פּוֹגֵם מִיט זַיין דִיבּוּר לַיידְט עֶר צָרוֹת צְרוּרוֹת

פון זיין ווייב, און ווען אַ איד האָט פּוֹגֵם געווען אין זיינע מַעֲשִׂים ער האָט געטון עֶקְלְדִיגֶע זאכן וְכוּ׳ וְכוּ׳ לַיידְט ער פון מענטשן, איבערדעם דארף מען תְּשׁוּבָה טון יעדן טאָג אויפן מַחֲשָׁבָה דִּיבּוּר וּמַעֲשֶׂה זיינע, דעמאָלט וועט בָּטוּל ווערן אַלע קְלִיפּוֹת און מַשְׁחִיתִים וואס ער האָט באַשאַפן מיט זיינע שווערע ביטערע עֲווֹנוֹת.

**נעם** דאָס נישט אָן אַזוי גְרינג, זאָלסט ווִיסְן אַלעס וואס דו לַיידְסְט איז נאָר וועגן דיינע עֲווֹנוֹת, אַזוי ווִי דער הייליגער רֶבִּי זאָגט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ד׳) אַז דִּי עֲבֵירוֹת פון אַ מענטש ווערט אַריינגעקריצט אין זיינע ביינער, און דאָס איז זיך נוֹקֵם אין אים, אַזוי ווִי עס שְׁטֵייט (תְּהִילִּים ל"ד) "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", ווער הארגעט אַוועק דעם רָשָׁע? דאָס שְׁלֶעכְטְס וואס ער האָט געטון! איבערדעם זאָגט דער הייליגער רֶבִּי דארף מען זיך מִתְוַודֶה זיין פאַר׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און מיט דעם וואס מען איז זיך מִתְוַודֶה גייט אַרויס אַלע עֲווֹנוֹת פון זיינע ביינער, און ער האָט אַ רְפוּאָה בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת.

**איך** בעט דיר זייער, זאָלסט זיך נעמען אין דִּי הענט אַריין, דו זאָלסט זיין שְׁטַארְק אין אֱמוּנָה, זאָלסט ווִיסְן אַז דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִּי וועלט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת. פאַרוואס שְׁפִּירְט מען דאָס נישט? וואָרום ווִיפֶער דער מענטש זינדיגט שְׁטִיפְּט ער אַוועק דִּי שְׁכִינָה פון זיך, וואס דאָס איז דִּי אֱמוּנָה, אַזוי ווִי דִּי חֲזַ"ל זאָגן (סוֹטָה ג׳) בִּתְחִילָּה הָיְתָה הַשְּׁכִינָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ סִילְּקוּ מֵעֲלֵיהֶם אֶת הַשְּׁכִינָה; אַז אַ איד שְׁפִּירְט אַז דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

אִיז אַרוּם אִים, אִין אִים, בַּיי אִים, לֶעבְּן אִים וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים, אָבֶּער וויפֶער עֶר זִינְדִיגְט, וֶוערְט פוּן אִים אַלֶעס אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן וְכוּ', אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה וְכוּ', אוּן אִים וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט וְכוּ', אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אִיז אַלֶעס אַ דִמְיוֹן, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְחַיֶה אוּן מְחַזֵק יֶעדְן מֶענְטְשׁ, יֶעדְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ, אוּן אָן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִיוּם אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תכד

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט"ו טֵבֵת ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז** עֶס מַאכְט זִיךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מַשָׂא וּמַתָּן וְכוּ', אָדֶער אַ אַרְבֶּעט וְכוּ', דַארְף עֶר עֶס שְׁנֶעל נֶעמֶען אוּן נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת, וָוארוּם דַארְפְסְט צוּ וִויסְן, אַז פַּרְנָסָה אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער

רַבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית הֲלָכָה ב׳) דָאס וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט דָאס זַיין פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס הֵייסְט אֲכִילַת מָן, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען הָאט דִיךְ אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גֶעשֶׁעפְט זָאלְסְטוּ דָאס אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי גְלַייךְ נֶעמֶען, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז מֶען הָאט דִיךְ מַצִיעַ גֶעוֶוען אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ מִתְפַּלֵל זַיין אַז דוּ זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת מָמוֹן סִימָן פ״ג) אֱמוּנָה הוּא טוֹב לְפַּרְנָסָה; עֶס אִיז אַ ווְאוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה צוּ הָאבְּן גְרִינְג פַּרְנָסָה, צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת! וָוארוּם מִשְׁנָ״ה בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ״ה. דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ דֶערְפְרֵייעֶן דַיין הַארְץ אַזוֹי וִוי דוּ דֶערְפְרֵייסְט אָן אַ שִׁיעוּר אִידְן מִיט זֵיי מְזַכֶּה זַיין מִיט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

**עֶס** גֵייט אִיבֶּער הַיינְט אוֹיף מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים מִיט בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן זֵייעֶר גַאנְצֶער חַיוּת אִיז נָאר פוּן דִי סְפָרִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין דְרִיקְן דִי סְפָרִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת מָמוֹן סִימָן מ״ג) מִי שֶׁמְיַיגֵעַ אֶת עַצְמוֹ יוֹמָם וְלַיְלָה אַחַר פַּרְנָסָה וְאֵינוֹ מוֹצֵא אֶת פַּרְנָסָתוֹ תַּקָנָתוֹ שֶׁיַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה; אִיבֶּערְדֶעם מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרִיקְסְט דִי סְפָרִים, בִּיסְטוּ מַחֲזִיר אִידְן בִּתְשׁוּבָה, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרִינְג פַּרְנָסָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

# תכה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט״ו טֵבֵת ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נ״י

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּריוו.

**זָאלְסְט** וויסְן אַ כְּלַל, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זוכְן און נָאכְקוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ וָואס מֶען רֶעדְט פַאר דַיין טָאכְטֶער וְכוּ׳, וָואסְפַארַא מִדּוֹת עֶר הָאט? וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז מִידוֹת, לֶערְנֶען קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג צוּלֶערְנֶען אָבֶּער מִדּוֹת זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי״ע בִּיז דִי אַכְצְן יָאר קֶען מֶען נָאךְ בֵּייטְן דִי מִדּוֹת, אָבֶּער נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיבֶּערְדֶעם דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז נָאכְקוּקְן דִי מִדּוֹת פוּן דֶעם בָּחוּר, און דִי צְוֵויטֶע זַאךְ אִיז זֶעהְן וֶוער זֶענֶען זַיינֶע חֲבֵרִים? וְעַל כּוּלָם צוּקוּקְן ווי עֶר דַאוֶונְט, וָוארוּם יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ בָּחוּר קֶען מֶען זֶען נָאר ווִי עֶר דַאוֶונְט.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דַיין טָאכְטֶער זָאל טְרֶעפְן אַ גוּטְן בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם, און זָאלְסְט הָאבְן פוּן דֶעם אַסַאךְ נַחַת.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תכו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט"ו טֵבֵת ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נ"י

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן גָאר אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, זַיי נִישְׁט בַּיי זִיךְ גֶעפַאלְן, וָואס דָאס אִיז דֶער אַרְגְסְטֶער זַאךְ, אַ בָּחוּר דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ כָאטְשֶׁע סְ'אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ב) הַשָּׁרוּי בְּלֹא אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה; פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') וֶוערְט אִיהְם נִתְרַחֵב זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה; ווִידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ג) דָאס דִי מַחֲשָׁבָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז סְ'וֶועט אַזוֹי זַיין, וֶועט טַאקֶע אַזוֹי זַיין; יֶעצְט וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר נֶעמְט אִין זִיךְ אַריין דִי מַחֲשָׁבָה אַז עֶר אִיז אַ גֶעלוּנְגֶענֶע בָּחוּר אוּן אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, וֶועט אַזוֹי זַיין! וָוארוּם דִי מַחֲשָׁבָה הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ. ווִידֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְטְן אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ; אִיבֶּערְדֶעם פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ טְרַאכְטְן גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', כְּאִילוּ דוּ בִּיסְט אַ לֹא

יוּצְלַח וְכוּ', כְּאִילוּ דִיר וֶועט גֵיין שְׁוֶוער אַ שִׁידוּךְ וְכוּ', דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אַ קְלוּגֶער בָּחוּר, דוּ וֶועסְט אַוודַאי טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל, נִישְׁט מִיט קַיין זוֹיעֶר פָּנִים, דִי וֶועלְט זָאגְט "אַ פָּנִים אִיז אַ מָסוּר", דָאס הֵייסְט אַז מֶען זֶעהְט אוֹיף אֵיינֶעם קֵיינְמָאל קַיין שְׁמֵייכְל, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ', וָוארוּם דֶער פְּנִימִיּוּת קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף זַיין חִיצוֹנִיּוּת, ווִידֶערְאוּם וֶוען אֵיינֶער גֵייט אַרוּם שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וַוייזְט עֶר אַז עֶר אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אֱמֶת עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז צַדִיקִים 'אֶבְלָם בְּלִבָּם וְצָהֳלָה בִּפְנֵיהֶם', וָוארוּם אַ אֱמֶתְ'ר צַדִיק אִיז דָאס הַארְץ בַּיי אִיהְם צוּרִיסְן אוֹיף טוֹיזֶענְט שְׁטִיקֶער, עֶס טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי אוֹיף גָלוּת הַשְּׁכִינָה אוּן צָרוֹת יִשְׂרָאֵל, אָבֶער אוֹיפְן פָּנִים קֶען מֶען גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענֶען, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

**עֶס** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער "יִשְׂמַח מֹשֶׁה" זי"ע אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּבְרָאכְן בַּיי זִיךְ (וַוייל עֶר הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט דָאס עֶר אִיז גֶעוֶוען בִּשְׁעַתְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אַנְדֶערֶע זָאגְן נָאךְ אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען יִרְמְיָהוּ הַנָבִיא, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר'עֶר רֶבִּי זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט גֶעזָאגְט, פוּן טַאטְן דֶער "קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב" הָאבּ אִיךְ נָאר גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז מְקוּבָּל אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים חוּרְבָּן, אָבֶער נִישְׁט יִרְמְיָהוּ.), אִיז אֵיידֶער עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ חֲסִידוּת אִיז אִיהְם שְׁוֶוער

גֶעוֶוען דִי קַשְׁיָא, וִוי קֶען מֶען אַרוּמְגֵיין מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים בִּשְׁעַת דָאס הַאִרְץ אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקֶער אוֹיף חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און אוֹיף צָרוֹת יִשְׂרָאֵל? און וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"ע וִוי עֶר הָאט נָאר גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם אֵיידֶער עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אֲפִילוּ צוּ רֶעדְן הָאט אִיהְם שׁוֹין דֶער חוֹזֶה מַקְדִים גֶעוֶוען מִיט דִי וֶוערְטֶער, צוּ וֵוייסְט אִיר נִישְׁט אַז בַּיי צַדִיקִים אִיז 'אֶבְלָם בְּלִבָּם וְצָהֳלָה בִּפְנֵיהֶם', אִיז אִיהְם שׁוֹין אַלֶעס פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, און עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ חֲסִידוּת, און פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט זַיין פָּנִים שְׁטֶענְדִיג גֶעלָאכְטְן פוּן רוֹב שִׂמְחָה, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין הַאִרְץ אִיז עֶר גֶעוֶוען גוּט צוּבְּרָאכְן, וָוארוּם עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף דִי גְאוּלָה יֶעדֶע מִינוּט.

**זֶעהט** מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אִיז הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים, דָאס הֵייסְט אַ שְׁמֵייכְל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ג) אַז אוֹיב אַ אִיד הָאט אַנְפִּין נְהוֹרִין, אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים, קֶען מֶען זֶעהְן אִין זַיין פָּנִים דֶעם פָּנִים פוּן צַדִיק, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, גֵיין שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט זִיךְ דִיר טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען פֶערְצִיג מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן, וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, נָאר זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן.

**זֶעה** צוּ דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַּיְקָא.

**בְּעֶזְרַת** הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶוען אִיךְ וֶועל דַארְפְן עֶפֶּעס אַ נְסִיעָה, וֶועל אִיךְ דִיר אַוַודַאי נֶעמֶען זָאלְסְט נִישְׁט דַאֲגָה'נֶען.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייְלִיכְן תָּמִיד**

## תכו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"א טֵבֵת ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בִּיטֶערְן בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס דוּ מַאכְסְט מִיט אִין לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ'.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ לִימוּד וָואס מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָאר נִישְׁט פַארְהַאנְדִין; אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אֱמֶת עֶס אִיז גְרִינְג צוּ זָאגְן פַאר יֶענֶעם זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע מֶעדֶעצִינֶען וָואס וֶוער ס'נֶעמְט אַרַיין זַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע מֶעדֶעצִינֶען הָאט עֶר זִיךְ מִיט וָואס זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט כֹּחַ זִיךְ נִישְׁט צוּ מְיַיאֵשׁ זַיין.

**דֶער** עֶרְשְׁטֶער מֶעדֶעצִין הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן "שִׂמְחָה", מֶען דַארְף זִיךְ נֵייטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אוּן דוּרְךְ שִׂמְחָה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ד) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל לִיגְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אִין מְדוֹר הַקְלִיפּוֹת וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער עֶר אִיז מְקַיֵים אֵיין מִצְוָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, וֶועט עֶס אִים דֶערְהֵייבְּן בִּיז עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין דֶער וֶועלְט, עֶר וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן גַשְׁמִיוּת עוֹלָם הָעֲשִׂיָה אוּן אַרוֹיפְגֵיין צוּ עוֹלָם הַיְצִירָה, אוּן פוּן עוֹלָם הַיְצִירָה צוּ עוֹלָם הַבְּרִיאָה, בִּיז עֶר וֶועט נִכְלָל וֶוערְן אִין עוֹלָם הָאֲצִילוּת מָטֵי וְלֹא מָטֵי וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה דֶערמָאלְט מַאכְט עֶר אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת.

דַארְפְסְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז דִי וֶועלְט אִיז פִיל מִיט קְלִיפּוֹת מִיט הַעֲלָמוֹת אוּן הַסְתָּרוֹת, סְ'גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פְרֵייט זִיךְ אַ אִיד וָואס עֶר הָאט דֶעם צֶלֶם אֱלֹקִים אוֹיף זִיךְ, אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל, מַלְאָכִים אוּן שְׂרָפִים קֶענֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, אַ אִיד לֵייגְט יֶעדְן טָאג תְּפִילִין דָאס בְּרֶענְגְט לֶעבְּט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט בָּזֶה הָעוֹלָם, וּבִפְרַט וֶוען עֶר טוּט

עֶס מִיט שִׂמְחָה, דָאס וַוייזְט אַז עֶר הָאט אַ קְלָארֶע הַארְץ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; עֶר טוּט עֶס מִיט אַ רֵיין הַארְץ, נִישְׁט גֶענֵייט, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, נָאכְדֶעם וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פִּיל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת פוּן טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָל, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַוַודַאי קוּמְט אָן שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע בִּיטֶערְנִישׁ אוּן עַצְבוּת וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין בְּשִׂמְחָה.

דִי צְוֵוייטֶע רְפוּאָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אִיז צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אַ אִיז דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאְרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַוַודַאי בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בְּאָדָם; מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רַחֲמָנָא לִיצְלָן הָאט גֶעזִינְדִיגְט קוּמְט אִים אַרַיין גֶעדַאנְקֶען פוּן כְּפִירוֹת אוּן

אֶפִּיקוֹרְסוּת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן דָאס עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין הִתְחַזְקוּת אַז מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם, וֶועלְן מִיר מְנַצֵחַ זַיין דִי מִלְחָמָה.

מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען מֶען אִים עֶס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם אַלֵיין וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט זַיין אֱמוּנָה, וָוארוּם וֶוען אִיךְ רֶעד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָאךְ אַ סִימָן אַז אִיךְ גְלֵייבּ אַז עֶר אִיז דָא אוּן עֶר הֶערְט מִיר אוֹיס, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָן, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן דַארְפְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין בִּיטֶער הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט דִי עֲווֹנוֹת בַּיי אִים אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן דִי עֲווֹנוֹת זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה, גֵייט אַרוֹיס דִי עֲווֹנוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ אֱמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד, אוּן דוּ זָאלְסְט אִים אַלֶעס אוֹיסְדֶערְצֵיילְן, אוּן זָאלְסְט אוֹיסְוֵוײנֶען

זִיךְ פַאר אִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן סוֹף כָּל סוֹף דוּ וֶועסְט הָאבְּן
א גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

**דֶער** דְרִיטֶער מֶעדֶעצִין וָואס אַ אִיד דַארְף טוּהְן אִיז עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וִוי לִימּוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אוּן דֶער קָאפּ אִיז אִים פַארְשְׁטָאפְּט אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַן עֵצָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נֶעמֶען אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן עֶר זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין זָאגְן כְּסִדְרָן מִשְׁנָיוֹת, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן מִיט שַׁ"ס פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף, בִּיז עֶר וֶועט מְסַיֵים זַיין מַסֶכֶת בְּרָכוֹת זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת, אַזוֹי זָאל עֶר דוּרְכְלֶערְנֶען גַאנְץ שַׁ"ס, אַוַודַאי בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט עֶר עֶס אָנְקוּקְן וִוי פְּרֶעמְד, וָואס זָאג אִיךְ וְכוּ', אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דָאךְ נִישְׁט וְכוּ', פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ חַזֶר'ט אוּן חַזֶר'ט אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק אַ דַף נָאךְ אַ דַף, סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דֶעם פַארְשְׁטָאפְּטְן קָאפּ מִיט דֶעם פַארְדְרֵייטְן הַארְץ וְכוּ', אוּן עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָוארוּם דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה רֵיינִיגְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מַאכְט רַייךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

**פָאלְג** מִיר, זַיי מְקַיֵים דִי דְרֵיי רֶעצֶעפְּטְן, דִי דְרֵיי מֶעדֶעצִינֶען, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, נָאר

זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט מַאכְט מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, שְׁוֶוערֶע צָרוֹת.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז אִיךְ דַארְף אוֹיסְהֶערְן יֶעדְן טָאג אָן אַ שִׁיעוּר צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן, אוּן רֶעדְן אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וֶועסְטוּ פְרֶעגְן פוּן וַואנֶעט הָאבּ אִיךְ דִי דִיבּוּרִים, מוּז אִיךְ דִיר אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אִיךְ פְלֶעג חַזֶרְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים וָואס עֶר קֶען מְחַיֶה מֵתִים זַיין, אִיז ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" יֶעדְן טָאג, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נִדָּה עג.) כָּל הַשּׁוֹנֶה הֲלָכוֹת בְּכָל יוֹם מוּבְטָח לוֹ שֶׁהוּא בֶּן הָעוֹלָם הַבָּא; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע הֲלָכוֹת'ער פוּן ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּתֶ'ער, עַד כְּדֵי כַּךְ מֶען קֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם פוּן עוֹלָם הַבָּא בְּעוֹלָם הַזֶה, אִיבֶּערְדֶעם וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן.

**אִיךְ** הֶער צַאם אַזוֹיפִיל צָרוֹת פוּן צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, וָוארוּם סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס זָאל נִישְׁט מִיטְמַאכְן אַ פֶּעקְל צָרוֹת, אוּן מֶען דַארְף אַלֶעמֶען שְׁטַארְקְן, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צְדָקָה,

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו) דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים מ"א) "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל" ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֶעט אַרַיין שֵׂכֶל פַאר דֶעם אָרֶעמַאן; דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מ"א) אֵין עָנִי אֶלָּא מִדַעַת; וָואס הֵייסְט אַ אָרֶעמַאן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר קֶען נִישְׁט כַאפְּן אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיבֶּערְדֶעם וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְּסְטוּ זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן.

גְלֵייבּ מִיר אִיךְ וֵויים פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, וֶוען אִיךְ זָאל דִיר נֶעמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן פָּשׁוּט אִין גֶעזוּנְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וָואלְסְטוּ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן אוֹיפְן גַאס אוּן דוּ וָואלְסְט גֶעשְׁרִיגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר אַז כָאטְשֶׁע דִי גֶעזוּנְט אִיז מִיר שְׁטַארְק, אִיךְ הָאבּ צְוֵויי פִּים אִיךְ קֶען גֵיין מִיט דֶעם, אִיךְ הָאבּ צְוֵויי הֶענְט אִיךְ קֶען זִיךְ בַּאוֶועגְן מִיט דֶעם, אִיךְ הָאבּ אַ מוֹיל אִיךְ קֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אִיךְ הָאבּ אוֹיגְן צוּ זֶעהְן, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, וְכוּ', וְכוּ', וויפִיל קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן אִיז נֶעבֶּעךְ דָא וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֵיין, זֵיי דַארְפְן גֵיין אוֹיף אַ ווִיל-טְשֶׁעִיר, אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן נָאר דוּרְךְ דִי אָדֶערְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן וויפִיל בְּלִינְדֶע מֶענְטְשְׁן אִיז דָא וְכוּ' וְכוּ', עֶס פֶעלְט נִישְׁט קַיין מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן אַלֶע קְרֶענְק וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶעהְן סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ אִיבֶּערְקוּמֶען אַלְסְדִינְג, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן וֶוערְן בַּיי זִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין הַארְץ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

## תכח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"א טֵבֵת ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

וַוייסְן זָאלְסְטוּ וַוייסְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגְן אַז אִיךְ גֵיי פָּאר אֵייךְ, דוֹפִּיט אוֹיף מַיינֶע פְּלֵייצֶעס, אִיךְ הָאבּ בְּרֵייטֶע פְּלֵייצֶעס; וָואס מֵיינְט דָאס צוּ זָאגְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז צוּגֶעגְרֵייט מִיט וָואס זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, מִיט וָואס זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ נַייעֶם וֶועג וָואס דָאס אִיז דֶער אַלְטֶער וֶועג פוּן דִי אָבוֹת אוּן דִי נְבִיאִים אוּן דִי תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וְכוּ' וְכוּ', אַז אַ אִיד דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן זָאל עֶר קוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ, אוּן אוֹיסְוֵויינֶען

זִיךְ דָאס הַארְץ נָאר פַאר אִים, וָוארוּם מֶען זֶעהְט מֶענְטְשְׁן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט יֶעדֶער אֵיינֶער זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין אַן אַנְדֶערְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען קוּמְט שׁוֹין זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אַן אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ, טְרַאכְט יֶענֶער מֶענְטְשׁ, טוּה מִיר אַ טוֹבָה אוּן לָאז מִיךְ אָפּ, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען מִיט מַיין פֶּעקְל צָרוֹת, סְ'אִיז מִיר נִישְׁט אִינְטְרֶעסִירְט מִיט דַיין פֶּעקְל צָרוֹת, וַוארְף מִיר נִישְׁט אַרוֹיף דַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, יֶעדֶער דִיבּוּר אוּן דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים מַאכְט אַ גְרוֹיסְן רוֹשֶׁם אִין הִימְל, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיפְצוּגֵיין זֵייעֶר זֵייעֶר הוֹיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ד) דָאס דֶער טַוּיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז תְּפִלָּה, אִיבֶּערְדֶעם וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ פַּיינִיגְן, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט דַיין גֶעוִויסְן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דֶערְצֵייל אִים יֶעדֶע זַאךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט דִיךְ גְרִינְגֶער זַיין, אוּן וְעַל כּוּלָם דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען זֶעהְן נִסִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) הַטֶבַע מְחַייֵב כַּךְ וּתְפִלָּה מְשַׁנֶה אֶת הַטֶבַע; דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ עַל פִּי טֶבַע זֶעהְט מֶען נִישְׁט

קַיין יְשׁוּעָה אָבֶּער אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ מִיט עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה קֶען מֶען זֶעהְן אָפֶּענֶע נִסִים.

דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאווִיזְן אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים הָאבְּן עֶס נָאר גֶעטוּהְן מִיטְן כֹּחַ הַתְּפִלָּה, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה כ"ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (מְלָכִים ב' ח') "סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל הַגְּדֹלוֹת אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע" וֶאֱלִישָׁע דְעָבִיד בְּרַחֲמֵי הוּא דְעָבִיד; דִי אַלֶע אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים שִׁידוּד הַטֶבַע וָואס אֱלִישָׁע הַנָבִיא הָאט גֶעטוּהְן אִיז נָאר גֶעוֶוען דִי כֹּחַ הַתְּפִלָּה, אִיבֶּערְדֶעם טָארְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אוּן טָארְסְט נִישְׁט זִיךְ אָפְּלָאזְן אוּן צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, וַוייל דֶער הָאט גֶעזָאגְט וְכוּ', אוּן יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט וְכוּ', וָואס הָאסְטוּ מִיט דֶעם אָדֶער מִיט יֶענֶעם וְכוּ', דוּ דַארְפְסְט זֶעהְן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, דוּ דַארְפְסְט זֶעהְן טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט דָאס קַיין שׁוּם בְּרִיָה זָאל דִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, אוּן דָאס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין נָאר וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִים אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגְן שְׁטַארְקַייט, אַ גֶעוַואלְדִיגְן בִּטָחוֹן עַצְמִי (סֶעלְף קַאנְפִידֶענְטְס בְּלַעַ"ז), רוֹב צָרוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז וַוייל עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַז עֶר אִיז אוֹיבֶּעט וֶוערְד, אוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת אוּן זַיינֶע מִצְוֹות וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זַיין לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה

אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, וָואס טוּט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם? עֶר צוּבְּרֶעכְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר לֵייגְט אִין אִים אַרַיין אַ יִאוּשׁ מִיט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אַז עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט וֶוערְד צוּ גָארְנִישְׁט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ נָאךְ אִים, אוּן פָאלְגְט אִים, אוּן וֶוערְט צוּבְּרָאכְן אוּן מְיוּאָשׁ אוּן פַארְצְוֵוייפְלְט וְכוּ', אוּן לָאזְט זִיךְ אָפּ, אוּן טוּט נִישְׁט אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען טוּהְן, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, וֶוען דִי תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע וָואלְט גֶעהַאט אוּנְזֶערֶע דִיבּוּרִים וָואלְט דָאס בַּיי זֵיי גֶעוֶוען בִּיטוּל הַבְּחִירָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וֶוער זָאל זֵיי מְחַזֵּק זַיין, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ח) וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֶחָד, אוּנְז הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן אַ צַדִּיק, וָואס הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אִין דִי יוּגְנְט אֵיינֶער וָואס זָאל מִיר זָאגְן, אָחִי חֲזַק! בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ! וָואלְט דָאס אִים אַ שְׁטוּפּ גֶעגֶעבְּן טוֹיזֶענְט פַּרְסָאוֹת נֶענְטֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וֶוער עֶס זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין מְחַזֵּק גֶעוֶוען, (אוּן דָאס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט פוּן ר' נָתָן'ן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיין, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אוֹיף זִיךְ) זֶעהְט מֶען פוּן

דֶעם אַז אֲפִילוּ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעדַארְפְט הָאבְּן הִתְחַזְקוּת, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלוּג הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט אַלֶעס דוּרְכְגֵיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיבֶּעט, וֶועסְטוּ אַלֶעס דוּרְכְגֵיין, אוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט זַיין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, וֶועסְט הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע הִתְחַזְקוּת וֶוען דוּ וֶועסְט וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ זַיין מִיט יֶענֶעם, מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיפְן תַּכְלִית וְכוּ', יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען גוּט בַּאטְרַאכְטְן וָואס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם? וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן דֶעם? אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי אַ פְּשׁוּטֶער אִיד בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג וְכוּ', אֵיינְס צְוֵויי דְרֵיי אַרַיינְגֶעטַאנְצְט אִין וַואסֶער אוּן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן פֶערְטִיג, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים, וֶוען דֶער גוּף טוֹבֶלְ'ט זִיךְ דָא אוּנְטְן דֶעמָאלְטְס טוֹבֶלְ'ט זִיךְ דִי נְשָׁמָה אוֹיבְן. אוּן מֶען גֵייט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן מֶען דַאוֶוענְט שַׁחֲרִית מִיט מִנְיָן, מִנְחָה מִיט מִנְיָן, מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אוּן מֶען אִיז מְקַשֵׁר דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר הַתְּפִלָּה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת, עֶר זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְקֶען, וָואס דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶער זַאךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל') אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת קוּמֶען אָן בַּיים דַאוֶוענֶען, אִיבֶּערְדֶעם

דַארְף מֶען זֶעהְן אַוֶועקְטְרַייבְּן פוּן זִיךְ דִי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, מְקַשֵׁר זַיין דֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, וָוארוּם דִי מַחֲשָׁבָה לוֹיפְט אִין טְרַאכְט אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אוּן דֶער מוֹיל רֶעדְט דִי אוֹתִיוֹת הַתְּפִלָּה, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אוּן עֶר זָאגְט וָואס עֶר טְרַאכְט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר וֶוערְט נִישְׁט נִתְקַבֵּל זַיין תְּפִלָּה, אָבֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְקַשֵׁר דֶעם מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוּן עֶר הָאט אִינְזִינֶען וָואס עֶר רֶעדְט, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ג) דוּרְכְדֶעם מַאכְט עֶר דִי כֵּלִי וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אֲנִי', אוּן עֶר אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דָאס דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דָאס אִיז דִי קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַאפְן פוּן זַיינֶע זִינְד, דֶערְפַאר וֶועסְטוּ זֶעהְן וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט פְלִיט דִיר אַרוּם דִי מַחֲשָׁבָה אִין אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר נִישְׁט אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס דוּ זָאגְסְט, אוּן מֶען קֶען דוּרְכְדַאוֶוענֶען דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעזָאגְט וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, זַיי אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף אִין דִי יוּגְנְט אַסַאךְ הָארֶעוֶוען כְּדֵי אוֹיף

דֶער עֶלְטֶער זַיין אַ פְּרָאסְטֶער עֶרְלִיכֶער איד דָאס הֵייסְט זִיךְ פִירְן זֵייעֶר פָּשׁוּט, גְלֵייבּ מִיר צוּ גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דְרֵיי מָאל אַ טָאג אוּן דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אוּן אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס מֶען דַאוֶונְט אוּן וָואס מֶען זָאגְט, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ה) דִי תְּפִילּוֹת הָאבְּן דִי אָבוֹת מְתַקֵּן גֶעוֶוען, אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (שְׁלַח קע"ד) בְּאַתַר דְאִית תַּמָן אָבוֹת אִית תַּמָן שְׁכִינְתָּא; דָאס הֵייסְט וואוּ מֶען דַאוֶונְט בְּכַוָּונָה דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת דָארְטְן אִיז דִי שְׁכִינָה.

אַ אִיד וָואס עֶר גֵייט מִיט צִיצִית אוּן מִיט תְּפִילִּין אוּן עֶר הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיף דִי טִיר זַיינֶע, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אַ אִיד וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הִיט שַׁבָּת עֶר אִיז נִישְׁט מְחַלֵּל שַׁבָּת דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אַ אִיד וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, וֶוערְט נִזְדַּכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, מִכָּל שֶׁכֵּן אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען צְוֵויי פְּרָקִים אָדֶער דְרֵיי פְּרָקִים אָדֶער מֶער, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

**וֶוער** זָאגְט נָאךְ אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְּמָרָא, דֶער דַארְף טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן קַיין גְּמָרָא, פוּן לִימוּד גְמָרָא הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא, דֶערְפַאר וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים אַז זַיין נָאמֶען אִיז ס'יוּם מְ'סֶכֶת אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת, ס'גֵייט אִים מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין סִיוּם מַסֶכְתָּא, דַארְפְסְט גוּט וויסְן דָאס מַסֶכֶת אִיז דִי אוֹתִיּוֹת כַּת-ס"מ, וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכֶת פַארְשְׁנַיידְט מֶען מִיט דֶעם כַּת-ס"מ, דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם מִיט זַיין אַלֶע זַיינֶע כִּיתּוֹת קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים אוּן מַלְאֲכֵי חַבָּלָה וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר כַאפְּט אַרוֹיס יֶעדְן טָאג אַ דַף גְּמָרָא, וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים פוּן דֶעם בְּרוּדֶער פוּן מַהֲרַ"ל מִפְּרַאג זי"ע אַז גְ'מָ'רָ'א' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פִיר מַלְאָכִים וָואס זֵיי הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל, דָאס אִיז וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא כְּסִדְרָן, עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג, אוּן יֶעדְן טָאג אִיז נָאךְ אַ דַף גְּמָרָא אוּן נָאךְ אַ דַף גְּמָרָא, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה מְסַיֵּים זַיין אַ מְסֶכְתָּא, וָואס מִיט דֶעם פַארְשְׁנַיידְט עֶר דִי אַלֶע כִּיתּוֹת פוּן סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

**וֶוער** זָאגְט נָאךְ וֶוען אַ אִיד אִיז נִזְהָר וָואס עֶר עֶסְט, עֶר וֶועט נִישְׁט עֶסְן קַיין שׁוּם מַאֲכָל וָואס סְ'הָאט נִישְׁט קַיין גוּטְן הֶכְשֵׁר וכו', בִּפְרַט פְלֵייש וְכוּ', אוּן וֶוען עֶר עֶסְט עֶסְט עֶר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ נִישְׁט ווי אַ זוֹלֵל וְסוֹבֵא, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר בֶּענְטְשְׁט אִין אַ סִידוּר מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר אִין הִימְל, אוּן סְ'אִיז אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת.

**אֵיידֶער** מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, לֵיינְט מֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה כְּפִי דִי נוּסַח פוּן אֲרִיזַ"ל אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְצְן טָאג וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט רִיכְטִיג, גְלֵייבּ מִיר דָאס הֵייסְט אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אוּן דָאס הֵייסְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

**וְעַל** כּוּלָם עֶר הָאט גוּטֶע מִדוֹת, עֶר וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין נֶערְוֶועז, עֶר וֶועט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר אִידְנ'ס וֶועגְן, סְ'וֶועט אִים גֵיין אִין לֶעבְּן אַ טוֹבָה צוּ טוּהְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זי"ע וָואס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר הָאט עֶס נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַז אַ אִיד קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶר לֶעבְּט אָפּ זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר נָאר טוּהְן אֵיינְמָאל אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד אִיז שׁוֹין כְּדַאי וְכוּ' וְכוּ', שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ אִיד, צָרוֹת מִיט יִסוּרִים מְרִירוּת אוּן

מַכְאוֹבִים וְכוּ' וְכוּ', עֶר הָאט שְׁוֶועריקַייט אִין פַּרְנָסָה, סְ'גֵייט אִים זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער דִי לֶעבְּן, חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן זִיךְ, פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', סְ'אִיז שְׁוֶוער שִׁידוּכִים טוּהְן וְכוּ', אוּן בִּיז עֶר מַאכְט חֲתוּנָה וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט חֲתוּנָה וְכוּ', פַארְפְּלָאנְטֶערְט אִין צָרוֹת אוּן חוֹבוֹת וְכוּ', דָאס אַלֶעס מֵיינְט גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיין טוֹבָה טוּהְן אַ אִיד בְּמֶשֶׁךְ דִי זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר וָואס מֶען אִיז אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז שׁוֹין כְּדַאי. זֶעה אוּן פַארְשְׁטֵיי וִוי גְרוֹיס דִי חֲשִׁיבוּת אִיז אַ טוֹבָה צוּ טוּהְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען וְכוּ' וְכוּ', הֵייבּ אָן פוּן נֵיי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַן עֵצָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) אַז מֶען דַארְף פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעְלָה, בַּיי מִיר אִיז דִי טֶבַע גְלַייךְ וִוי סְ'גֵייט עֶפֶּעס דוּרְךְ פַארְגֶעס אִיךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע גְרִינְגֶע עֵצָה תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן, וָוארוּם עַל פִּי רוֹב פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה, וַוייל עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט אִים, אוּן דָאס וַוארְפְט אִים אַרָאפּ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט זַיין עָבָר שְׁפִּירְט עֶר אַז עֶר אִיז יֶעצְט גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הֵייבְּט פוּן יֶעצְט אָן פוּן נֵיי, אוּן דֶעם דֶרֶךְ הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן מַאךְ אַ נַייעֶ הַתְחָלָה יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה יֶעדֶע רֶגַע, אוּן קוּם צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זָאג אִים רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל פוּן יֶעצְט אָן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען דַיין תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן מְקַיֵים זַיין דַייגֶע מִצְווֹת, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין פְרֵיילֶעךְ וְכוּ' וְכוּ' וֶוען דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דַיין לֶעבְּן וֶועט זַיין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תכט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"א טֵבֵת ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ אֶל הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז בְּרֶסְלֶבֶ'ר חַסִידוּת אִיז תָּלוּי ווִיפִיל מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָוארוּם עֶר הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) דָאס פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ אִיז דָא אִין סֵפֶר, דֶער צַדִיק הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין נְשָׁמָה אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בִּיז מֶען אִיז בָּקִי אִין דֶעם בַּעַל פֶּה, דָאס הֵייסְט אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב

צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" וָואס דָאס אִיז דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זַ"ל הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלְץ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז מִיט יֶעדְן שִׂיחָה קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מַיין אוּן אִיךְ וַוייס וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען קוֹדֶם זֵייעֶר אַסַאךְ דִי צְוֵויי סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַ שִׁינּוּי לְטוֹבָה.

**בְּרֶסְלְבֶ'ר** חַסִידוּת אִיז נִישְׁט תָּלוּי אִין קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, נָאר אִין וִויפִיל עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הֵן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט שִׂמְחָה, אוּן הֵן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן הֵן צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן הֵן צוּ טוּהְן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אַן אַנְדֶערֶע אִיד, דָאס אִיז דָאס גַאנְץ בְּרֶסְלְבֶ'ר חַסִידוּת וָואס דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט, אַ אִיד זָאל שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן זָאל עֶר בֶּעטְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר זָאל לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ אַ

שְׁוֶוערֶע הַבָנָה אַ שְׁוֶוערֶע פַארְשְׁטַאנְד וְכוּ' וְכוּ' קֶען עֶר אוֹיכֶעט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוּן לֶערְנֶען בִּיז עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין לִימוּד וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, אוּן אַזוֹי אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, עֶר זָאל אַזוֹי פִיל מָאל דוּרְכְזָאגְן אוּן לֶערְנֶען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז סְ'וֶועט אִים אַרַיינְגֵיין אִין קָאפּ, אוּן דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער, זָאגְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז עֶר זָאל נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא אָנְהֵייבְּן פוּן בְּרָכוֹת אוּן דוּרְכְזָאגְן דַף נָאךְ אַ דַף, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת, אוּן עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת עֵירוּבִין וְכוּ', אוּן אַזוֹי דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ שַׁ"ס אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר דוּרְכְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

**אַוַודַאי** מֶענְטְשְׁן שְׁפֶּעטְן בַּיים אָנְפַאנְג פוּן דֶעם, זֵיי זָאגְן דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אָבֶּער דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַב דְמַשְׁכַּח וְאַף עַל גַב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר; אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, וָוארוּם דִי אוֹתִיוֹת הַתּוֹרָה וֶועט אִים דֶערְהַאלְטְן אִין רֵיין מַאכְן זַיין נְשָׁמָה אוּן אוֹיפְהֵייבְּן זַיין גֶעמוּט, וֶועט עֶר זֶעהְן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אִיבֶּערְדֶעם וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן וֶועסְטוּ זֶעהְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**דַארְפְסְט** זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן וָואס דוּ וֵוייסְט פוּן אַזַא רֶבִּי'ן, אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, בְּרֶסְלְבֶ'ר חַסִידוּת אִיז נִישְׁט תָּלוּי אַז מֶען גֵייט צוּ בֶּערְל וְכוּ' אָדֶער אַז מֶען גֵייט צוּ שְׁמֶערְל וְכוּ', בְּרֶסְלְבֶ'ר חַסִידוּת אִיז תָּלוּי ווִי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְט זִיךְ אִין אַלֶע זַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, אוּן עֶר קֶען נָאךְ מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן, וָואס דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְווֹת, וָוארוּם דָאס גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס מֶען קֶען טוּהְן מִיט אַ צְוֵוייטֶע אִיד, אִיז אִים זָאגְן אַ גוּט וָוארְט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים מא) "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל" ווֹאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעט אַרַיין שֵׂכֶל פַאר אַ אָרֶעמַאן, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מא) אֵין עָנִי אֶלָא מִדַעַת; אַ מֶענְטְשׁ נֶעבֶּעךְ וָואס עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן צוּהַאקְט וְכוּ' וְכוּ' אוּן מְ'קוּמְט מֶען רֶעדְט מִיט אִים, מֶען אִיז אִים מְחַזֵק, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה וָואס מֶען קֶען טוּהְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אִים אוֹיפְהֵייבְּן, אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אִים אַ תַּעֲנוּג אִין לֶעבְּן, עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט, עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, אַז ווֹאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אִיבֶּערְדֶעם פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן.

**זֶעה** מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטְן מִיט דַיין מַאמֶען, וָוארוּם מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי שְׁטְרֶענְגְסְטֶע מִצְווֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (דְבָרִים רַבָּה פָּרָשָׁה ו' סִימָן ב') כִּיבּוּד אָב וָאֵם חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת; אוּן ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַזוֹי ווִי מֶען אִיז מְכַבֵּד

זַיין טאַטְן און מַאמֶען, אַזוֹי וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אִים מְכַבֵּד זַיין, וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז מְזַלְזֵל חָלִילָה וְחַס אִין זַיין טַאטְן מַאמֶען, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער וֶועלְן נָאכְדֶעם פוּן אִים שְׁפֶּעטְן און פוּן אִים חוֹזֵק מַאכְן און מְזַלְזֵל זַיין, אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְש וָואס עֶר הָאט שֵׂכֶל, און אִיז מְכַבֵּד זַיין טַאטְן מִיט זַיין מַאמֶען, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין נָאךְ זֶעהְן נַחַת פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער וָואס זֵיי וֶועלְן אִים מְכַבֵּד זַיין, מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ פַארְוָואס זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי מְזַלְזֵל אִין זֵיי וְכוּ' וְכוּ', און זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן מְזַלְזֵל גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן בַּאקוּמְט מֶען דָאס יֶעצְט צוּרִיק כֶּפֶל כִּפְלַיִים, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט פָּאלְגְן טַאטֶע מַאמֶען, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תל

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר יִתְרוֹ י"ז שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דוּ טוּהסְט אוֹיף מִיט דַיין דְרִיקְן דִי סְפָרִים, דוּ בִּיסְט פָּשׁוּט מְחַיֶה טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, מֶען לָאזְט מִיר ווִיסְן דָאס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אָפֶּען אַז דִי סְפָרִים זֶענֶען זֵיי מְחַיֶה מַמָּשׁ, און דָאס רַאטֶעוֶועט זֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן, מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין
דְרִיקְן וָואס מֶער, אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן, דִי
מְפִיצִים זָאגְן אַז עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלָאזְט דֶער קוּנְטְרֶס
"מְצִיאַת הַזִיווּג" וָואס דָאס וֶוערְט צוּכַאפְּט אִין דִי טוֹיזֶענְטֶער
פוּן בָּחוּרִים וָואס זֵיי זוּכְן שִׁידוּכִים, אוֹיךְ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט
דֶער קוּנְטְרֶס "כְּבוֹד הַבַּעַל כְּבוֹד הָאִשָּׁה" אוּן דִי אַלֶע
אִינְגֶעלַייט זוּכְן דֶעם קוּנְטְרֶס דַיְיקָא, וָואס דָאס רֶעדְט צוּ
זֵיי, וְעַל כּוּלָם זוּכְן אַלֶע אַרוּם דֶעם קוּנְטְרֶס "פַּרְנָסָה טוֹבָה",
אִיבֶּערְדֶעם זֶעה שׁוֹין אָנְצוּשְׁטֶעלְן דִי מַאשִׁינֶען אוּן דְרִיקְן
טוֹיזֶענְטֶער פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין אַ מְזַכֶּה אֶת
הָרַבִּים, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם,
ווי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא
חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בִּיְדָא דְחַיָּיבָא, [קוּם אוּן זֶעה, יֶעדֶער
וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵל בֵּיהּ
לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זֵיי זָאלְן
אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ
דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלָק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלָק הָכִי
בַּר נַשׁ אַחֲרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת
וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָרִים לְאַכְפְּיָיא
סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא]
וְגָרִים דְאִסְתַּלָק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיְקָרֵיהּ, [אוּן עֶר אִיז
גוֹרֵם דָאס כִּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל
זַיין טַייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיהּ
לְעֵילָא וְתַתָּא, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע

וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקַרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי אַיינֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב׳) "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן אוּן דֶער שָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דְיִמְחֵי בִּידֵיהּ [אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [אוּן אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי״ב) "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ הוֹן וָעֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ׳.

**זֶעה** זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דַיין גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, מְקַרֵב זַיין וַוייטֶע וְכוּ׳ צוּבְּרָאכֶענֶע וְכוּ׳ אוּנְטֶערְדְרִיקְטֶע וְכוּ׳ טַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, אַז ווּאוּיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגֶע שַׁבָּת**

# תלא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר יִתְרוֹ י"ז שְׁבָט ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז דֶער לִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אַ טִיפְן לִימוּד, אוּן דֶער עִיקָר טִיפְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז דָאס פַּשְׁטוּת, אַז אַ אִיד פִירְט זִיךְ אוֹיף בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְש רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ חָבֵר, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, יֶעצְט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט זַיין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן.

**הַיינְט** פְּרָאבִּירְט מֶען נָאכְצוּמַאכְן פְרִיעֶדִיגֶע סְפָרִים, שְׁרַייבְּן מִיט שְׁוֶוערֶע לְשׁוֹנוֹת אִין קַבָּלָה, כְּדֵי צוּ פַּארְטָאמְלֶען אוּן פַארְטָאשְׁן וְכוּ' וְכוּ', דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, וָואס אִיז אַ פָּשׁוּטְ'ן תְּמִימוּת, מַרְגִיש זַיין אוּן שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן רֶעדְן צוּ אִים וָואס דָאס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער מַדְרֵיגָה, וֶוען אַ אִיד ווַארְפְט אַוֶועק

דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל אִינְגַאנְצְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בֶּעט עֶר נָאר אִים, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַּארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, דַיין גַאנְצְן קָאפּ אוּן מוֹחַ זָאל נָאר זַיין אִין אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת וְהַשְׂכָּלוֹת וְכוּ' וְכוּ', אָן קַיין שׁוּם הִתְבּוֹנְנוּת וכו' אוּן אַנְדֶערֶע אַזֶעלְכֶע לְשׁוֹנוֹת וְכוּ' וָואס סְ'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הַיינְטִיגֶע סְפָרִים פוּן הַיינְטִיגֶע אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ וָואס זֵיי ווילְן נָאכְמַאכְן פְרִיעֶדִיגֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּן זֵיי כִּרְחוֹק מִזְרָח מִמַעֲרָב וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם לָאז זִיךְ נִישְׁט פַּארְפִירְן, נָאר זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וּבִפְרַט אַסַאךְ הָארֶועֶן אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט לִקוּטֵי הֲלָכוֹת הָאבְּן זִיךְ שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער דֶערְהַאלְטְן.

**זְייסְן** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז אוֹיף דִי וֶועלְט גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזֶעלְכֶע צָרוֹת מִיט אַזֶעלְכֶע יִסוּרִים, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם הִתְחַזְקוּת נָאר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן פוּן דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, זָאלְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחָנִיוּת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד.**

# תלב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר יִתְרוֹ י"ז שְׁבָט ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**זָאלְסְט** זֶעהְן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן דֶער עִיקָר זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִיז נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק מָרָה שְׁחוֹרָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר שְׁפִּירְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין יֶעדְן פְּרַט, אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, וָואס הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, 'עָרוֹם יָצָא מִבֶּטֶן אִמּוֹ', 'וְעָרוֹם יִכָּנֵס אֶל בֶּטֶן הָאֲדָמָה', אוּן דֶערְוַוייל כַּאפְּט מֶען אַרוֹיס מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וָואס יֶעדֶער אִיד אִיז פִיל מִיט מִצְווֹת, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד) "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ", אֲפִילוּ רֵיקָנִים שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; יֶעדֶער אִיד אִיז פִיל מִיט מִצְווֹת, זָאלְסְט ווִיסְן אֵיין מִצְוָה וָואס מֶען הָאט קֶען מֶען מִיט דֶעם טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן, אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס אִיז דָא הַעֲלָמוֹת וְהַסְתָּרוֹת, ס'אִיז מַעֲלִים וּמַסְתִּיר אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּפְרַט מִיר זֶענֶען אִין אַ בִּיטֶערְן גָלוּת צְווִישְׁן פִינְסְטֶערֶע אַנְטִיסֶעמִיטִישֶׁע גוֹיִים יִמַּח שְׁמָם, אוּן

אַז סְ'אִיז נִישְׁט גֶענוּג דָאס, אִיז נָאךְ גֶעקוּמֶען דֶער עֶרֶב רַב וָואס עֶר פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אִינְטֶער סְפָּאדִיקֶעס אוּן אִינְטֶער שְׁטְרַיימְלֶעךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען הָאט אַ חֵלֶק צוּ דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, מַלְכוּת דְסִטְרָא אַחֲרָא, אַ מַלְכוּת אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַקֶעגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֶעפוּנְט זִיךְ אִידְן וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זֵיי לָאזְן זִיךְ נִישְׁט נַארְן, זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אַ מִצְוָה, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶה זַיין, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ דוּ הָאסְט אַ מְזוּזָה אוֹיף דַיין טִיר, דוּ בִּיסְט אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט צִיצִית אַ גַאנְצְן טָאג, הָאסְט גֶעלֵייגְט תְּפִילִין, בְּשָׁעַת דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט תְּהִלִּים רֶמֶז תרל"ג) מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ תְּפִלִּין בְּרֹאשׁוֹ וּבִזְרוֹעוֹ וְצִיצִית בְּבִגְדוֹ וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ בְּחֶזְקַת שֶׁלֹּא יֶחֱטָא; מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַז עֶר גֵייט מִיט תְּפִלִּין אוּן עֶר הָאט צִיצִית אוּן עֶר הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיף דִי טִיר דִי שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת וֶועט אִים בְּרֶענְגְן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ד) אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אִין נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא אִין טִיפְן בְּלָאטֶע, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אַז עֶר טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, הֵייבְּט אִים דָאס אוֹיף פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּן בְּרֶענְגְט אִים אַרוֹיף צוּ עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן דָארְטְן אוֹיבֶּערְט אֱלֹקוּת, בִּיז עוֹלָם הַבְּרִיאָה, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה אָנְקוּמֶען צוּ עוֹלָם הָאֲצִילוּת בִּבְחִינַת מָטֵי וְלָא מָטֵי, עֶר שְׁפִּירְט נָאר אֱלֹקוּת, עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִין עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

**עֶס** אִיז אַזאַ רַחֲמָנוּת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פְרֵייט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מִצְווֹת, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מִצְוָה, וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס הֵייסְט אַ מִצְוָה, עֶר גֵייט מִיט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעקֶענְט מִיט דֶעם טַאנְצְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַ הֶעכֶערֶע סָארְט מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רַבִּי יִשְׂרָאֵל קוֹרְדוּנֶער זַ"ל, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין גַאנְצֶע טֶעג אִין מִירוֹן בַּיים צִיּוּן פוּן תַּנָא אֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, עֶר פְלֶעגְט זִיצְן חוּץ לְיִשּׁוּב אוּן אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, אוֹיף דֶער עֶלְטֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ בִּיטֶערֶע מַחֲלָה וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ מַגֵיפָה פוּן טִיפּוּס לֹא עָלֵינוּ, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט צוּ אִים קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין אַ עֶקְסְטֶערֶע צִימֶער אִין שְׁפִּיטָאל, וָוארוּם דִי מַחֲלָה לֹא עָלֵינוּ אִיז אַ אָנְקְלֶעבֶּעדִיגֶע מַחֲלָה, אָבֶּער זַיין וַוייבּ אִיז אַלְץ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶּענְסְטֶער אוּן גֶעפְרֶעגְט 'יִשְׂרָאֵל וָואס מַאכְסְטוּ'? הָאט עֶר גֶעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה 'דַאנְקֶען גָאט אַז אִיךְ גֵיי אַוֶועק מִזֶה הָעוֹלָם מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת' מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַ אִיד אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, הַיינְט לֵיידֶער אִיז דָאס אַ בִּיטֶערְן נִסָיוֹן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (גִילוּחַ הֲלָכָה ג׳) דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד וִויל אַוֶועק גֵיין פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַז עֶר שְׁנַיידְט זִיךְ

אִינְטֶער דִי פֵּיאוֹת, אוּן שְׁטִיצְט זִיךְ דֶעם בָּארְד, אוּן אַזוֹי צֶעבִּיסְלֶעךְ נֶעמְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ דֶעם בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פֶּתַח הַטוּמְאָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ גֵייסְט מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען הַיינְט אָנְצוּטוּהְן תְּפִילִין אוּן דוּ גֵייסְט מִיט צִיצִית אוּן דוּ הָאסְט אַ מְזוּזָה אוֹיף דַיין טִיר, מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') **כְּשֶׁאָדָם** עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**הַיינְטִיגֶע** צַייטְן דַארְף מֶען זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת, בְּשַׁעַת דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לִיגְט אִין מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים וָואלְט עֶר גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיז וָואס בִּיסְטוּ טְרוֹיעֶרִיג?! אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט בְּרֶענְגְט צוּ דְבֵיקוּת אִין אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **אַז** אֲפִילוּ חַכְמֵי הָרוֹפְאִים, דָאס הֵייסְט דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מֵעִיד אַז אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן חֳלָאִים רָעִים קוּמְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ נָאר מֵחֲמַת מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת, אִיבֶּערְדֶעם

נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן זָאלְסְט רֶעדְן מִיט יֶעדְן אִיד נָאר פוּן שִׂמְחָה, אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ מְגַלֶּה גֶעוֶוען דָאס וֶוער סְ'הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אַזוֹי וִוי דוּ פָארְסְט שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה זַיין, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין דַיין הַארְץ, וֶועסְטוּ זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ.

**וָואס** הָאסְטוּ צוּ קוּקֶען אוֹיף יֶענֶעם? וָואס קֶען דִיר יֶענֶער שְׁלֶעכְטְס טוּהְן? וָואס קֶען דִיר יֶענֶער גוּטְס טוּהְן? סְ'אִיז אַלֶעס אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, קַיין מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָארְגְט מִיט זַיין לֶעבְן, אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוֹיף דִיר, וָואס מֶענְטְשְׁן לַאכְן אוֹיף דִיר, וָואס מֶענְטְשְׁן שְׁפֶּעטְן אוֹיף דִיר, גֶעב זִיךְ אֵיין לַאךְ אוֹיס פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ בִּיסְט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשׁ.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא בַּבְלִי, אַ דַף גְמָרָא יְרוּשַׁלְמִי, אִיז דֶען דָא אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם? דָאס וֶועט דִיר דָאךְ בְּלַייבְּן לָנֶצַח, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שָׁכֵּן אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׂרִיבְּן

אַז דוּ עֶנְדִיגְסְט יֶעדֶע וָואךְ דִי מֶדְרָשׁ רַבָּא אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא דַארְפְסְטוּ נָאר טַאנְצְן, וֶוער אִיז הַיינְט זוֹכֶה צוּ דֶעם? זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי מַמְשִׁיךְ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה, אוּן זֶעה מַאכְן זִיךְ נָאךְ שִׁיעוּרִים, אוּן זָאלְסְט זֶעהְן טוּהְן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט יֶעדְן אִיד, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן, הָאסְט טַאקֶע נָאר אַ בֶּן יָחִיד, אָבֶּער בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ הָאסְט שׁוֹין אַן אֵיינִיקְל, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל דִיר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן, זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשׁ זִיס יָאר.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תלג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י"ט שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מְקַיֵּים זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבֶּעטְן, אוּן וַוייטֶער דְרִיקְן דִי בְּרִיוו פוּן "אֲשֶׁר בַּנַחַל" אוֹיף אִידִישׁ, וָוארוּם הַיינְט אִין אוּנְזֶער גֶעגְנְט קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין נָאר אִידִישׁ, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויפִיל טוֹיזֶענְטֶער סְפָרִים אוּן

קוּנְטְרֵסִים דוּ וֶועסְט דְרִיקְן אוֹיף אִידִישׁ וֶועט עֶס אַלֶעס צוּכַאפְּט וֶוערְן, וָוארוּם מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר דָארְשְׁטִיג צוּ הֶערְן דְבַר הַשֵּׁם, בִּפְרַט בַּיי וֶועמֶען עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֵיי לֶעבְּן צוּ הֶערְן אַ גוּט וָוארְט, אִיבֶּערְדֶעם אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דוּ זָאלְסְט דְרִיקְן קוֹדֶם דִי בְּרִיוו, פַּאר אַלֶעם.

**אִין** בְּנֵי בְּרַק אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער בַּאוואוּסְטֶער גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים קַנְיֶיבְסְקִי נֵרוֹ יָאִיר, דֶער זוּהְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער סְטֵייפְּלֶער זי״ע, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן לֶעצְטְנְס הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט אוּן עֶר שְׁרַייבְּט אַסַאךְ בְּרִיוו פַּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִיט אִים שׁוֹאֵל עֵצָה, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט פַּארְוָואס הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דְרִיקְן סְפָרִים אוּן עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט בְּרִיוו? הָאט עֶר גֶענְטְפֶערְט אַזוֹי ווִי דִי בְּרִיוו טוּעֶן זֵייעֶר אוֹיף פַּאר בָּחוּרִים אִין אִינְגֶעלַייט, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַרַיין אַ חֵשֶׁק אוֹיף צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן צוּ פַּארְבֶּעסֶערְן דִי מִידוֹת, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְסְדִינְג.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיכֶעט זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ דְרִיקְן מֶער דִי בְּרִיוו, וָוארוּם דָאס אִיז אַ חִיּוּת פַּאר בָּחוּרִים אִין פַּאר אִינְגֶעלַייט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי מְחַיֶּה זַיין אַ אִיד, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן

מִיט אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ רוּחַ חַיִּים, אַ גֵייסְט פוּן לֶעבְּן, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זְכוּת ווִי מְקָרֵב זַיין וַוייטֶע צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ זֵייעֶר אַסַאךְ בִּיטֶערְנִישְׁן וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְט ווִיסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ אָב הָרַחְמָן, אוּן בְּוַודַאי אִיז דָא אַ טִיפֶע כַּוָונָה מִיט דֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אָפּ וְכוּ', וָוארוּם יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן אִין הִימְל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טֶבַע אָדֶער מִקְרֶה אָדֶער מַזָל, אַלֶעס אִיז הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, אִיבֶּערְדֶעם אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן מֶער מְקָרֵב זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס וֶוערְט גֶעטוּהְן דוּרְךְ תְּפִלָּה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ד) דָאס דֶער טוֹיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז תְּפִלָּה; אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן סְ'וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תלד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י״ט שְׁבָט ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו, וָואס דָארְטְן גִיסְטוּ זִיךְ אוֹיס דַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ וְכוּ׳.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַז בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן אוּן אַרָאפְּפַאלְן אִין אַ יִאוּשׁ מִיט אַ דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ׳, וָואס דָאס אִיז גוֹבֵל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן גָארְנִישְׁט וֶוערְט גֶעטוּהְן אַלֵיין, נָאר אַלֶעס אִיז פוּן דֶעם רָצוֹן הָעֶלְיוֹן, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (חולין ז׳) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּפְן קוֹדֶם אִין הִימְל; עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה בְּאֵין עֶרֶךְ אוֹיף אַזֶעלְכֶע מְשׁוּנֶה׳דִיגֶע שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוּן אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַוַדַאי אִיז דָאס בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, אוּן מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן מֶער אוּן מֶער, וָוארוּם אוֹיבּ ס׳הָאט דִיר פַּאסִירְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן, דַארְפְסְטוּ נָאכְזוּכְן וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּהְן אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַזַא מִין עוֹנֶשׁ.

דִּי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ה:) רַב הוּנָא תְּקִיפוּ לֵיהּ אַרְבַּע
מְאָה דָּנֵי דְחַמְרָא עָל לְגַבֵּיהּ רַב יְהוּדָה אַחְוָה דְרַב סַלָּא
חֲסִידָא וְרַבָּנָן וְאָמְרֵי לָהּ רַב אַדָּא בַּר אַהֲבָה וְרַבָּנָן וְאָמְרוּ
לֵיהּ לְעַיֵּין מַר בְּמִילֵּיהּ אָמַר לְהוּ וּמִי חֲשִׁידְנָא בְּעֵינַייכוּ אָמְרוּ
לֵיהּ מִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִּינָא בְּלֹא דִינָא
וְכוּ'; רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט פִיר הוּנְדֶערְט פֶּעסְלֶעךְ וַויין,
אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן זוֹיעֶר ווִי עֶסִיג, הָאט עֶר גֶעהַאט גְרוֹיס
צַעַר פוּן דֶעם, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים רַב יְהוּדָה דִי
בְּרוּדֶער פוּן רַב סַלָּא חֲסִידָא וְכוּ' אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט
זַיי בּוֹדֵק אִין דַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן, הָאט
רַב הוּנָא גֶעֶנְטְפֶערְט בִּין אִיךְ דֶען חָשׁוּד אִין עֶנְקֶערֶע אוֹיגְן
אַז אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעטוּהְן נִישְׁט וָואס מֶען טַארְף? הָאבְּן
זַיי אִים גֶעֶנְטְפֶערְט אִיז דֶען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים חָשׁוּד
אַז עֶר וֶועט טוּהְן אַ זַאךְ אוּמְזוּנְסְט אָן אַ דִין וְכוּ'? אוּן
דֶער סוֹף הָאט עֶר טַאקֶע גֶעפוּנֶען וָואס עֶר הָאט עֶפֶּעס
גֶעטוּהְן וְכוּ', אוּן עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ עֶס צוּ
פַארְרֶעכְטְן, אוּן עֶס אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן פוּן עֶסִיג וַויין, זֶעהְט
מֶען אֲפִילוּ אַזַא גְרוֹיסֶער אֲמוֹרָא ווִי רַב הוּנָא הָאט אַיינְגֶעזֶעהְן
אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס פַּאסִירְט אִיז עֶס נִישְׁט אוּמְזוּנְסְט,
אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז אִים זוֹיעֶר גֶעוָוארְן אַזוֹיפִיל פֶּעסֶער פוּן
וַויין וְכוּ' הָאט עֶר גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ פַארֶעכְטְן וְכוּ', אוּן
עֶס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן צוּרִיק גֶעוָוארְן וַויין. עַל
אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה בְּאֵין עֶרֶךְ דַארְפְן מִיר פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן
נָאכְזוּכְן וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אוּנְז אִיבֶּער עֶפֶּעס אַ שְׁוֶוערֶע
אִיבֶּערְגֵייעֶכְטְץ, וָואס מִיר הָאבְּן שְׁלֶעכְטְץ גֶעטוּהְן, אוּן תְּשׁוּבָה

טוּהְן, וָוארוּם ווִיסְן דַארְפְסְטוּ, אוֹיבּ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַזוֹי פִיל צָרוֹת מִיט יִסוּרִים, אִיז זִיכֶער דָא אִין דֶעם אַ טִיפֶע כַּוָּונָה, אוּן מֶען דַארְף נָאכְזוּכְן וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּהְן?

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ ווִי דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, עֶר גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בֶּעט עֶר אוֹיס נָאר פוּן אִים, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען עֶס פַּאסִירְט אִים עֶפֶּעס אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער זַאךְ נֶעמְט עֶר גְלַייךְ נָאכְזוּכְן פַארְוָואס קוּמְט אִים דָאס, אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ אִיד דַארְף קוּמֶען, עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג לֶעבְּן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן צוּ דֶעם ווִיל אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגֶן.

**אָבֶּער** ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיינְגֶעווָארְפְן אִין אַ מֶענְטְשׁ סְפֵיקוֹת (שְׁמוֹת י"ז) "הֲיֵשׁ הֲוָיָ"ה בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן" וָוארוּם דֶער גַאנְצֶער קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק אִיז קַאלְט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים כ"ה, י"ח) "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ" וְגוֹ' עֶר קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אִידִישְׁקֵייט, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט בַּיי אִים קַאלְט, "וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ" דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט שְׁטֶענְדִיג אַ מִידְקֵייט וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן יֵאוּשׁ אוּן דִיפְּרֶעסְטְקֵייט, "וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים" אוּן אַלֶעס אִיז וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דָאס אִיז דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק, אָפְּצוּקִילְן אַ אִיד פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מִיד זַיין, וָואס נֶעמְט

זִיךְ פוּן פוֹילְקֵייט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי י"ט) "עַצְלָה תַּפִּיל תַּרְדֵּמָה וְנֶפֶשׁ רְמִיָּה תִרְעָב" פוֹילְקֵייט בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶועלְן שְׁטֶענְדִיג שְׁלָאפְן, אוּן וֶוען עֶר נַארְט זִיךְ אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג הוּנְגֶערִיג וְכוּ', אוּן דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן דִי קַאלְטְקֵייט וָואס עֲמָלֵק וַוארְפְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין יִרְאַת שָׁמַיִם בְּרֶענְט אִים דָאס הַארְץ שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ פְלַאקֶער צוּ טוּהְן יֶעדֶע מִצְוָה מִיט אַ וַוארִימְקֵייט, אוּן עֶר זִיכְט נִישְׁט קַיין קוּלוֹת וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט בֶּעטְן אַסַאךְ אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זָאלְסְט הָאבְּן אַ וַוארֶעם הַארְץ, בְּרֶענֶען שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווִי דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶועט נִשְׁתַּנֶּה וֶוערְן לְטוֹבָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תלה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י"ט שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** ווּאוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר ווִיאַזוֹי דוּ רֵייבֶערְסְט צוּגֶערֶעטְלֶעךְ? וֶוען מִיר וֵוייסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אִיבֶּערְדֶעם וֶוער עֶס ווִיל זַיין

אַ אֱמֶת'ר בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד דַארְף דֶער עֶרְשְׁטֶער זַאךְ פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּ'ן און אַוֶועקְוַוארְפְן דִי צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ גָארְנִישְׁט, נָאר ווִי דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן, אַז עֶס שָׁאדְט צוּ דִי גֶעזוּנְט, מֶען קֶען בַּאקוּמֶען לוּנְגֶען קֶענְסֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן, און אוֹיךְ וַוייזְט דָאס גְרוֹיסֶע הֶפְקֵירוֹת און פְּרִיקוֹת עוֹל וְכוּ', וֶוער ס'הָאט שֵׂכֶל און יִשּׁוּב הַדַּעַת זֶעהְט ווִי דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֵייכֶערְן צוּגֶערֶעטְלֶעךְ אִיז אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּת, און אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן וְכוּ', עֶר בְּלָאזְט פוּן זִיךְ אַרוֹיס וְכוּ', און אוֹיבֶּעט עֶס אִיז גֶעלְט אִין מִיסְט, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוֹיב דוּ ווִילְסְט זִיךְ אָנְרוּפְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען מִיזְטוּ אַוֶועקְוַוארְפְן דִי צִיגֶערֶעטְלֶעךְ און אוֹיפְהֶערְן צוּ רֵייכֶערְן, אַנְדֶערְשׁ בִּיסְטוּ אַ גְרוֹיסְן שַׁקְרָן, דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּ'ן, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ צוּ דִיר נִישְׁט מִיט טִינְט נָאר מִיט בְּלוּט פוּן מַיין הַארְץ, וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דַיין הַארְץ.

מֶען זֶעהְט הַיינְט יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס קוֹיפְן פֶּעקְלֶעךְ צִיגֶערֶעטְלֶעךְ און רֵייכֶערְן, וָואס דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער הֶפְקֵירוֹת און קַאלְטְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט.

אַז וואוֹיל אִיז אוּנְז וָואס מִיר קֶענֶען אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק וָואס הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן קַיין צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, און מִיר פָאלְגְן אִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תלו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י"ט שְׁבָט ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי צְדָקָה פַּארְן בֵּית הַתַּבְשִׁיל - אֹהֶל אַבְרָהָם, וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אִין יַבְנְאֵל, וָואס מֶען טֵיילְט יֶעדְן אָוֶוענְט אִיבֶּער זִיבְּן הוּנְדֶערְט פָּארְצְיֶעס וַוארֶעמֶע עֶסְן פַּאר מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה פוּן דֶעם, ווייל מִיט יֶעדְן צְדָקָה קֶען מֶען פָאפְּן מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער זָאגְט עֶר גֵייט פַאר קְרַאנְקֶע וְכוּ', אֵיינֶער זָאגְט עֶר גֵייט פַאר הַכְנָסַת כַּלָּה וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט מִיט אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, בִּשְׁעַת אַלֶעס אִיז שֶׁקֶר, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַז מֶען גֶעבְּט פַאר עֶסְן, קֶען מֶען גְלַייךְ זֶעהְן, אִיז עֶר הוּנְגֶערִיג עֶסְט עֶר, דַארְף עֶר נָאךְ אַ פָּארְצְיֶע גֶעבְּט מֶען אִים וְכוּ', אָבֶּער אוֹיב עֶר אִיז נִישְׁט הוּנְגֶערִיג וֶועט עֶר נִישְׁט עֶסְן, קוּמְט אוֹיס אַז צוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַאר עֶסְן פַאר הוּנְגֶערִיגֶע קִינְדֶער אוּן פַאר הוּנְגֶערִיגֶע מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן אַז הַיינְט אִיז דָא טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֵיי לֵייגְן זִיךְ אַרָאפּ שְׁלָאפְן אָן וַוארֶעמֶע עֶסְן, הַלְוַואי זָאלְן דִי עֲשִׁירִים רַייכֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען פְּלוּצְלִינְג אִין יַבְנְאֵל פַארְנַאכְטְס זֶעקְס אַזֵייגֶער וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דַאוֶונֶען מַעֲרִיב, וֶועלְן זֵיי זֶעהְן אַזַא זַאךְ וָואס זֵיי זֶעהְן אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, עֶס זִיצְן הוּנְדֶערְטֶער מֶענֶער אוּן קִינְדֶער אוּן

דֶערקְוויקְן זִיךְ דָאס הַארְץ מִיט אַ וַוארֶעמֶע מָאלְצַייט, אוּן דוּ הָאסְט אִין דֶעם אַ גְרוֹיסְן חֵלֶק, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִיט דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה פוּן דֶעם וִוי צוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַאר עֶסְן פַאר הוּנְגֶערִיגֶע.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר נֶעם אַרַיין אִין הַארְץ דִי וֶוערְטֶער,
וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם צְדָקָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, וּבִפְרַט אַז מֶען גֶעבְּט פַאר אָרֶעמֶעלַייט צוּ עֶסְן יֶעדֶע נַאכְט.

**דֶער** נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ח) "וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ" וֶוען דַיין
נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס פוּן גוּף אוּן דִי נְשָׁמָה הֵייבְּט אָן צוּ שְׁוֶועבְּן זִי טְרֶעפְט נִישְׁט אִיר פְּלַאץ, אָבֶער אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה גֵייט דָאס דֶעם מֶענְטְשׁ אַקֶעגְן, אוּן זִי פִירְט אִים צוּ זַיין אָרְט, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז צְדָקָה דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.

**רֹאשׁ** הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר זָאגְט מֶען מִיט גְרוֹיס וַוארֶעמְקֵייט
"וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רוֹעַ הַגְּזֵירָה" הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זי"ע מֶען וֵוייסְט אַז צְדָקָה עֶפְנְט אוֹיף אַלֶע טוֹיעֶרְן, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא דַף י.) רַבִּי אֶלְעָזָר יָהִיב פְּרוּטָה לֶעָנִי וְהָדַר מַצְלִי אָמַר דִכְתִיב (תְּהִלִּים י"ז ט"ו) "אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָנֶיךָ", קוֹדֶם גֶעבְּט מֶען צְדָקָה אוּן נָאכְדֶעם דַאוֶוענְט מֶען, אוּן דָא שְׁרֵייט מֶען "וּתְשׁוּבָה" מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּהְן, "וּתְפִלָּה" מֶען

דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן, אוּן נָאכְדֶעם שְׁטֵייט "וּצְדָקָה", עֶס וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין קוֹדֶם צְדָקָה, אוּן נָאכְדֶעם תְּשׁוּבָה אוּן תְּפִלָּה? נָאר עֶר הָאט גֶענְטְפֶערְט, אַז כְּדֵי צוּ טְרֶעפְן דִי אֱמֶת'ע צְדָקָה, דַארְף מֶען קוֹדֶם תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן נָאכְדֶעם אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן פָאפֶּערְס, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעבְן פַאר אַ אֱמֶתְ'ן צְוֶועק צְדָקָה, גְלֵייב מִיר גֶעבְן צוּ עֶסְן פַאר הוּנְגֶערִיגֶע אִידְן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, אַז ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אַ חֵלֶק אִין דֶעם.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תלז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"א שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**עֶס** אִיז אַזַא שָׁאד אָנְצוּבְּרֶענְגְן דִי צַייט, וָוארוּם אַלֶעס קֶען מֶען קוֹיפְן נָאר נִישְׁט צַייט, וִוי עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הַחֲכָם, "אֵין אֲבֵידָה כַּאֲבֵידַת הַזְּמַן" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם אֱמֶתְ'ן יִשּׁוּב הַדַעַת שְׁפִּירְט עֶר וִוי יֶעדֶע מִינוּט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק שְׁטַארְבְּט עֶר, אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין נִישְׁט מֶער נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען דִי מִינוּט וָואס עֶס אִיז פַארִיבֶּער, אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מִינוּט, בְּאֵין עֶרֶךְ

אויף אַ שָׁעָה, און עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אויף אַ טָאג, ווִיפֶער עֶס אִיז אַוֶועק דֶער טָאג, וֶועט דָאס אִים שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען, אִיבֶּערְדֶעם פְּלֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן (בְּרֵאשִׁית לא) "וַיוֹכַח אָמֶש" דֶער גְרֶעסְטֶער מוּסָר סֵפֶר אִיז דֶער נֶעכְטִיגֶער טָאג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּקְן שְׁטֶענְדִיג אויף דֶעם נֶעכְטְן, וָואס הָאט עֶר אויפְגֶעטוּהְן מִיט זַיין אַ גַאנְצְן טָאג בַּאזָארְגְט און טְרוֹיעֶרִיג? הָאט אִים דָאס גֶעהָאלְפְן פַארְגְרִינְגֶערְן זַיינֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת? מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט אַז מֶען זֶעהְט דֶעם נֶעכְטִיגְן טָאג הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין צְדָקָה פּוּשְׁקֶע אַפָּאר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ סִידוּר בְּכַוָּונַת פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת, אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָּה, וָואס הָאט עֶר אויפְגֶעטוּהְן מִיט דֶעם, דֶער טָאג אִיז שׁוֹין פַארִיבֶּער, און עֶס וֶועט אִים שׁוֹין קֵיינְמָאל מֶער נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען, און וֶוער זָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט נֶעכְטְן חוּמָשׁ רַשִׁ"י פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה, אָדֶער אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער אַ דַף גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ', אויף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (קֹהֶלֶת א') "מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן וְחֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת" אִיבֶּערְדֶעם אִיז (בְּרֵאשִׁית לא) "וַיוֹכַח אָמֶש" דֶער בֶּעסְטֶער מוּסָר סֵפֶר אִיז דֶעם נֶעכְטִיגְן טָאג, זֶעהְסְט אַז דוּ הָאסְט נֶעכְטְן גָארְנִישְׁט אויפְגֶעטוּהְן מִיט דַיין טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט, מִיט דַיין זָארְגְן, וְכוּ', און הָאסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט און הָאסְט נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט וְכוּ', זֶעה כָאטְשֶׁע הַיינְטִיגְן טָאג

אַרוֹיסְכַאפְּן עֶפֶּעס גוּטְס, וָואס נָאר דָאס וֶועט דִיךְ בַּאגְלֵייטְן, ווי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא הָאט גֶעזָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו') לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד. אוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא זָאגְט (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה פֶּרֶק ט"ו) לְפִי שֶׁכָּל הַמַרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִילוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַגִיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זַאךְ וָואס עֶס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ בִּיז צוּ דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט וָואס דִי נְשָׁמָה אִיז בַּיי אִים, ווי דָאס רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעהְט אַכְטוּנג גֶעבְּן דֶער עִיקָר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטַייטְשְׁט

דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִים צ"ה) "הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ" אוֹיב מֶען וויל הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב); אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן נֶעכְטְן אוּן פוּן מָארְגְן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נָאר טְרַאכְטְן פוּן הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין זִיךְ פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר דַארְף ווִיסְן אַז אַ יֶעדֶער טָאג אִיז אַ טָאג, אוּן עֶס וֶועט אִים שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אֵיין טָאג צוּם צְוֵוייטְן, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּשְׁטִיפְּן אוֹיף מָארְגְן, דָאס הֵייסְט, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד! מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ! מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ! מָארְגְן וֶועל

אִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען! אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וויסְן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מָארְגְן, נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיב עֶר וֶועט זִיךְ פִּירְן אַזוֹי, וֶועט עֶר קֶענֶען אַרוֹיסְבַּאפְּן זַייעֶר אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

מֶען זֶעהְט, אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר וָואס עֶר טְרַאכְט פוּן נֶעכְטְן אָדֶער וָואס עֶר טְרַאכְט פוּן מָארְגְן, עֶר פַארְגֶעסְט דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט וָואס דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק פוּן וָוארְקֶע זי"ע הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זִינְגֶען זַיינֶע חֲסִידִים "לָאמִיר נִישְׁט זָארְגְן וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, בֶּעסֶער לָאמִיר פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן" אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶעהְן זַייעֶר צוּ הִיטְן דִי צַייט, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא טַייעֶרֶע זַאךְ וִוי צַייט, אוּן מֶענְטְשְׁן פַארְשְׁפִּילְן דִי טַייעֶרֶע צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אוּן מֶען פִּיסְטֶעוֶועט, אוּן עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, "אָדָם דוֹאֵג עַל אִיבּוּד דָמָיו וְאֵינוֹ דוֹאֵג עַל אִיבּוּד יָמָיו, דָמָיו אֵינָם עוֹזְרִים יָמָיו אֵינָם חוֹזְרִים" אִיבֶּערְדֶעם נִיץ אוֹיס דִי צַייט מִיט גוּטֶע זַאכְן.

הַיינְט מִיט דִי פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע טֶעכְנֶעלָאגְיֶע קֶען מֶען אַזוֹיפִּיל אוֹיפְטוּהְן, צוּם בַּיישְׁפִּיל מֶען קֶען הֶערְן אִין אַ טֶעיפּ אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אָדֶער אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, אָדֶער אַ שִׁיעוּר אִין הֲלָכָה, וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי שֵׁיין מַסְבִּיר דֶעם לֶערְנֶען אַז עֶס אִיז אַ גֶעשְׁמַאק צִיצוּהֶערְן, אִיבֶּערְדֶעם, אַנְשְׁטָאט זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן לֵיידִיג, אָדֶער זִיצְן אוּן קְלָאצְן וִוי אַ קְלָאץ וְכוּ' אוּן גָארְנִישְׁט

טוּהְן, אִיז בֶּעסֶער צוּ הֶערְן אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָדֶער סִיפּוּרֵי צַדִיקִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ח) דָאס וֶוען מֶען הֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וָוארוּם דָאס הַארְץ וֶוערְט דֶערְוֶועקְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּשׁוּקָה וֶוען מֶען הֶערְט נָאכְדֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ גְרוֹיסְן צַדִיק, וָוארוּם דֶער רְשִׁימוּ פוּן דֶעם צַדִיק וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה לִיגְט אִין דִי מַעֲשֶׂה, אוּן וֶוען מֶען הֶערְט דָאס וֶוערְט זַיין הַארְץ דֶערְוֶועקְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וִויל נָאכְמַאכְן דֶעם צַדִיק, אִיז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר בְּרֶענְגְט נִישְׁט אָן דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייט, אוּן וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַ טָאג אַז עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען אָדֶער עֶר פָּארְט אוֹיפְן וֶועג וְכוּ', זָאל עֶר כָאטְשֶׁע הֶערְן אַ טֶעיפּ פוּן אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אָדֶער אִין מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער אִין גְמָרָא, אָדֶער אִין הֲלָכָה, מֶען דַארְף נִישְׁט, נָאר הֶערְן.

**אִיךְ** הָאבּ אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן, דֶעמָאלְט וֶועט דִיךְ נִישְׁט נִמְאָס וֶוערְן דֶער לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר, אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:) הַבַּטָלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם; דָאס גָארְנִישְׁט טוּהְן, בְּרֶענְגְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ מְשׁוּגָע וֶוערְן; אִיבֶּערְדֶעם פוּן הַיינְט אָן הִיט דַיינֶע טֶעג, אוּן פִיל עֶס אָן מִיט טוֹב אֲמִיתִּי וְנִצְחִי.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תלח

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ יום ג' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"א שְׁבָט ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶה אִין דִי מִשְׁפָּחָה וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַיין אַ וַותְּרָן, וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָה, מְוַותֵּר זַיין, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט אַ שִׂמְחָה פוּן אַ בְּרוּדֶער אָדֶער אַ שְׁוֶועסְטֶער וְכוּ' דַארְף מֶען גֵיין אוּן נִישְׁט פִירְן רוּגְזוֹת וְכוּ', אַ אִיד דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה ט' סִימָן ב') לִימְדָה אוֹתְךָ הַתּוֹרָה שֶׁתְּהֵא וַתְּרָן בְּתוֹךְ בֵּיתֶךָ, נִשְׁפַּךְ יַין הֱוֵי וַותְּרָן וְכוּ'; וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹי, פַארְשְׁפָּארְט עֶר אַסַאךְ אוּמְזוּנְסְטִיגֶע צָרוֹת, אוֹיךְ קוֹיפְט עֶר זִיךְ אַיין אַסַאךְ גוּטֶע פְרַיינְד.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ"ד) דָאס מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נְחוּנְיָא בֶּן הַקָנֶה (מְגִילָה כ"ח) בַּמֶה הֶאֱרַכְתָּ יָמִים? דָאס הֵייסְט מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וִויאַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַ יֶעדֶער טָאג זָאל דִיר זַיין אַ לַאנְגֶער טָאג? הָאט עֶר גֶעעְנְטְפֶערְט, וַתְּרָן הָיִיתִי בְּמָמוֹנִי, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג אַ וַותְּרָן, אִיךְ הָאבּ נָאכְגֶעגֶעבְּן, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען קְרִיגְן זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַזוֹי, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען בֵּייקוּמֶען.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תלט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"א שְׁבָט ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וְכוּ'.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אוֹיף דִיר אַז דַיין אִידִישְׁקֵייט אִיז אָפְּגֶעקִילְט גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן וְכוּ', קוֹדֶם גֵייסְטוּ אָן צִיצִית, וָואס עֶס אִיז נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער אַז דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן אָפְּגֶעקִילְט, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיס ווִינְטֶער אוֹיפְן גַאס נַאקֶעט וְכוּ' וָואלְסְטוּ דָאךְ גֶעפְרָארְן גֶעוָוארְן פוּן רוֹב קֶעלְט וְכוּ', וֶוען דוּ זָאלְסְט ווִיסְן דָאס מִצְוַות צִיצִית ווִיקְלְט אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ רוּחָנִיוּת'דִיגְן לֶעבְּט, אוּן עֶס דֶערְוַוארֶעמְט אִים דִי נְשָׁמָה, וָואלְסְטוּ גֶעגַאנְגֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט צִיצִית, וָוארוּם צִיצִית אִיז אַזַא מִצְוָה, ווִיפֶער מֶען גֵייט מִיט דֶעם אֲפִילוּ מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם הִיט עֶס אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') דָאס צִיצִית אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף

ניאוּף, אוּן עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אַ קְרַאנְקְן גֶעזוּנְט צוּ וֶוערְן, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה פוּן הַיינְט אָן נִזְהָר זַיין מִיט מִצְוַות צִיצִית, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דוּ וֶועסְט גֵייט מִיט צִיצִית וֶועסְטוּ שׁוֹין וֶועלְן לֵייגְן תְּפִילִין אוֹיכֶעט וְכוּ' וְכוּ'.

**אַ** אִידִישׁ בָּחוּר דַארְף זִיךְ נִשְׁט שֶׁעמֶען מִיט דִי צִיצִית, אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר גֵייט דִי צִיצִית אוֹיפְן הֶעמֶעד, נִשְׁט אִינְטֶערְן הֶעמֶעד, הֶעכְסְטְנְס טוּט עֶר אָן אוֹיף דִי צִיצִית אַ וֶועסְטְל, אָבֶער ווִיפֶער מֶען טוּט אָן דִי צִיצִית אִינְטֶער דִי הֶעמֶעד אִיז שׁוֹין אַ קַאלְטְקֵייט, אוּן בַּיים סוֹף וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן נִישְׁט גֵיין מִיט צִיצִית וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אָן נִזְהָר זַיין גֵיין מִיט צִיצִית, אוּן דָאס וֶועט דֶערְוַוארֶעמֶען דַיין נְשָׁמָה, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים כה.) שְׁקוּלָה מִצְוַות צִיצִית כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְוֹות שֶׁבַּתּוֹרָה; ווִידֶערְאוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרֵי שְׁלַח) וִהְיִיתֶם קְדוֹשִׁים, זוּ קְדוּשַּׁת צִיצִית, מַגִיד שֶׁהַצִּיצִית מוֹסֶפֶת קְדוּשָּׁה לְיִשְׂרָאֵל; אִיבֶּערְדֶעם הֵייבּ אָן נִזְהָר צוּ זַיין גֵיין מִיט צִיצִית אוֹיפְן הֶעמֶעד, אַזוֹי ווִי אַ חֲסִידִישֶׁער בָּחוּר, אוּן נִישְׁט שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט דִי צִיצִית, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תמ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ״ב שְׁבָט ה׳תשע״ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אוֹיבּ** דוּ בִּיסְט אוֹיף אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, זֶעה אַרוֹיסְצוּכַאפְּן אַ ״תִּיקּוּן חֲצוֹת״ דָאס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן צֶען פוּפְצְן מִינוּט, אָבֶּער אִין הִימְל אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב, עֶס אִיז דָא אוֹיבְן אַ סְפֶּעשִׁיל הֵיכָל פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קְלָאגְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן אוֹיף צָרוֹת וְגָלוּת יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זָאגְן דֶעם סֵדֶר פוּן ״תִּיקּוּן חֲצוֹת״ וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן צֶען מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים אוּן אַ פִּיוּט פוּן אֵיכָה ״זְכוֹר הַוַי״ה מֶה הָיָה לָנוּ״ וְגוֹ׳, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם וְכוּ׳ וְכוּ׳, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן וָואסֶערֶע חֲשִׁיבוּת דָאס הָאט אִין הִימְל, וּבִפְרַט וֶוען עֶר אִיז זוֹכֶה זִיךְ אוֹיסְצוּוֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ״ד) דָאס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פַאר דֶעם, וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ע״ז) ״אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי״, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי פִּידֶעלֶע פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, וָואס מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פַאְרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט שׁוֹין יָא אוֹיף אַזוֹי שְׁפֶּעט, כַאפּ אַרַיין זָאגְן דֶעם סֵדֶר ״תִּיקּוּן חֲצוֹת״ וָואס עֶס נֶעמְט צֶען פוּפְצְן מִינוּט, אוּן רֶעד

אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט נִמְשָׁךְ וֶוערְן אוֹיף דִיר אַ חוּט שֶׁל חֶסֶד.

**אִין** דִי שְׁטָאט נֶעמְרוֹב הָאט גֶעוואוֹינְט אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס זַיינֶע בְּרָכוֹת זֶענֶען מְקוּיָם גֶעוָוארְן, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לוֹיפְן פוּן אַלֶע פְלֶעצֶער בֶּעטְן בַּיי אִים בְּרָכוֹת, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער וואוּנֶדער וִוי קוּמְט אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ בֶּענְטְשְׁט אוּן עֶס וֶוערְט מְקוּיָם? הָאט ר' יִצְחָק זַ"ל גֶעשִׁיקְט פְרֶעגְן בַּיים פָאטֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע וִוי קוּמְט צוּ אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ אַזַא זַאךְ? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט קוּק נָאךְ זַיין הַנְהָגָה וִוי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף? הָאט עֶר אִים צוּרִיקְגֶעשְׁרִיבְּן פוּנְקְטְלִיךְ זַיין הַנְהָגָה, אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר נָאכְגִּישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, קוּק בֶּעסֶער נָאךְ, הָאט ר' יִצְחָק זַ"ל אִים נָאכְגֶעקוּקְט בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז יֶעדְן נַאכְט זָאגְט עֶר דֶעם סֵדֶר תִּיקּוּן חֲצוֹת מִיט גְרוֹיס בְּכִיּוֹת, הָאט עֶר עֶס גֶעשְׁרִיבְּן פַארְן פָאטֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט הַיְינוּ דְּאַהֲנֵי לֵיהּ, וֶועגְן דִי הַנְהָגָה פוּן זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט דֶעם סֵדֶר "תִּיקּוּן חֲצוֹת" דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט עֶר זָאל הָאבְּן אַ דֵעָה אִין הִימְל, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר כַאפְּט אַרוֹיס יֶעדֶע נַאכְט אַ חֲצוֹת.

**דֶער** גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, יֶעדֶער חֲצוֹת

וָואס אִיךְ כַאפּ אַרוֹיס פוּן דֶער וֶועלְט דָאס אִיז מַיין פַארְמֶעגְן, דָאס אִיז מַיין לֶעבְּן (וָוארוּם עֶס אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר חֲצוֹת, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט עֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים) אוּן רֶבִּי מִיכְלִי רֶבִּי נָתָן'ס אֵיינִיקְל פְלֶעגְט זָאגְן, אַזוֹי וִוי אַ שִׁיסְטֶער קֶען נִישְׁט טוּהְן זַיין אַרְבֶּעט אָן זַיין כְּלֵי מְלָאכָה וְכוּ', אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן זָאגְן דֶעם סֵדֶר "תִּיקוּן חֲצוֹת".

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין אוֹיף, כַאפּ אַרוֹיס זָאגְן דֶעם סֵדֶר "תִּיקוּן חֲצוֹת" וֶועט דִיךְ אַזוֹי לַייכְטְן, אַ גַאנְצְן טָאג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן נַאכְט**

## תמא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ב שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֶעהְן זַייעֶר צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ג) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, בַּיי מִיר אִיז דִי עִיקָר אֱמוּנָה, אוּן וָואס הֵייסְט אֱמוּנָה, פָּשׁוּט אָן חָכְמוֹת, אַזוֹי וִוי

פְּרוּיעֶן אוּן קִינְדֶער גְלֵייבְּן, אָן קַיין שׁוּם שֵׂכֶל וְכוּ' וְכוּ', אוּן דוּרְךְ אֱמוּנָה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן דֶער וֶועלְט.

**מֶען** זֶעהְט מֶענְטְשְׁן זוּכְן מַדְרֵיגוֹת הַשָּׂגוֹת עֲבוֹדוֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּן פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה זֶענֶען זֵיי וַוייט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל וָואס אִיז פִּיל מִיט דִמְיוֹנוֹת, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אֱמוּנָה.

**גֶעווֹאוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוּיס דָאס הַארְץ פַאר אַ אֱמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד, אוּן דִי הַנְהָגָה הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק') אַז אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, גֶעווֹאוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ אַזֶעלְכֶע בֶּענְקֶענִישְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט.

**נָאר** זַיי פְרֵיילִיךְ, אוּן זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַרָאפְּוַוארְפְן, שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי גְאוּלָה, דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אוּיפְן פָּסוּק (תְּהִילִים ס"ט) "קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְאָלָהּ" אַזוֹי ווִי מִיר וַוארְטְן אַרוּם אוּיף דִי גְאוּלָה בִּכְלָלִיוּת דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז אוּיסְלֵייזְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן אוּן

בִּיטֶערְן גָלוּת, אַזוֹי אִיז דָא אַ גְאוּלָה פְּרָטִיוּת וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט אוֹיסְלֵייזְן פוּן זַיין גָלוּת הַפְּרָטִי, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס עֶר אִיז אוּנְזֶער וֶועג וֵוייזֶער וְויאַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן בְּלָאטֶע, אוּן וְויאַזוֹי אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי שְׁמוּצִיגֶע בְּגָדִים, בְּגָדִים צוֹאִים וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע עֲווֹנוֹת וְכוּ' (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ד) אוּן מִיט דֶעם וָואס מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועלְן מִיר קֶענֶען קוּמֶען צוּ אוּנְזֶער זַאךְ, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסְצוּפִירְן אַן אַנְדֶערֶע שְׁלִיחוּת, ווארִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֵוייסְט וָואס אִיז זַיין שְׁלִיחוּת אוֹיף דִי וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייְלִיכְן תָּמִיד**

## תמב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ב שְׁבָט ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן, אַלֶע סְפָרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מְחַדֵּשׁ צוּ זַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, הֵן דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפַת הַנַּחַל" אוֹיפְן גַאנְצְן "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אוּן הֵן דֶער פֵּירוּשׁ "נַהֲרֵי אַפַּרְסְמוֹן"

אויפְן גַאנְצְן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן הֶן דֶער פֵּירוּשׁ "בִּיאוּרֵי הַמִּדּוֹת" אויפְן גַאנְצְן סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוּן הֶן אַלֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, גֶעבּ אִיךְ רְשׁוּת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וֶוער סְ'וִויל דָאס דְרִיקְן זָאל דָאס דְרִיקְן, עֶס זָאל זַיין "יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה" אוֹיף מַיינֶע סְפָרִים אִיז נִישְׁטָא קַיין "כָּל הַזְכוּיוֹת שְׁמוּרוֹת", קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין רֶעכְט צוּ אַסֶר'ן אַ צְוֵוייטְן דְרִיקְן מַיינֶע סְפָרִים, אֲפִילוּ נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, וּמַה הוּא בְּחִינָם אַף אַתֶּם בְּחִינָם, אָבֶער אִיךְ בֶּעט יֶעדְן אֵיינֶעם זָאל גָארְנִישְׁט מְשַׁנֶּה זַיין פוּן דִי סְפָרִים, מֶען זָאל עֶס דְרִיקְן אַזוֹי וִוי סְ'אִיז, אוּן אֲפִילוּ מֶען וִויל עֶס אִיבֶּערְטַייטְשְׁן אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ זָאל מֶען נִישְׁט מְשַׁנֶּה זַיין מַיין כַּוָּונָה אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט צוּלֵייגְן קַיין אֵייגֶענֶע זַאכְן, וָוארוּם אַלֶע סְפָרִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְן אִיז דָאס גֶעשְׁרִיבְן גֶעוָוארְן מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן, אוּן יֶעדֶעס סֵפֶר וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען אִיז אוֹיסְגֶעוַואשְׁן מִיט זַייעֶר אַסַאךְ טְרֶערְן. אִיבֶּערְדֶעם וִויל אִיךְ נִישְׁט אַז אַ פְּרֶעמְדֶער זָאל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן וְכוּ', אוּן צוּלֵייגְן זַיינֶע בּוֹיךְ סְבָרוֹת וְכוּ' אִין מַיינֶע וֶוערְטֶער. אִיךְ בִּין אוֹיף דֶעם זַייעֶר מַקְפִּיד. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן אוֹיף יֶעדְן סֵפֶר, וִויל אִיךְ נִישְׁט אַז אַ פְּרֶעמְדֶער זָאל זִיךְ אִין דֶעם מִישְׁן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ב)

אַז וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה רִיקְן זִיךְ אָן דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא זִיךְ צוּטְשֶׁעפֶּען צוּ דִי חִידּוּשֵׁי

תּוֹרָה, אָבֶּער אַז מֶען גִיסְט אַסַאךְ טְרֶערְן וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵשׁ טְשֶׁעפֶּען זֵיי זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם, אִיבֶּערְדֶעם בִּין אִיךְ זַייעֶר מַקְפִּיד קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּלֵייגְן קַיין אֵייגֶענֶע זַאכְן אִין דִי סְפָרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מְחַדֵשׁ זַיין.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט עֶס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי אַלֶע וָואס זַיי זֶעצְן אִיבֶּער מַיינֶע סְפָרִים אוֹיף דִי אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, אַוודַאי אוּן אַוודַאי טוּעֶן זַיי אַ גוּטֶע זַאךְ, וָוארוּם דָא פַארְשְׁטֵייט מֶען בֶּעסֶער דִי סְפָרִים וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בִּין אִיךְ זַייעֶר מַקְפִּיד אַז מֶען לֵייגְט צוּ, וָוארוּם אַלֶעס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן.

**דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט שְׁטֶענְדִיג**

## תמג

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ב שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ זוֹכֶה וּמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֶעג דִיר נָאךְ אַזַא חֲתוּנָה וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען נֶעבְּטְן בַּיינַאכְט וִוי דֶער חָתָן קוּמְט צוּ אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז צוּ דִי יוֹם הַחוּפָּה הָאט עֶר מְסַיֵים גֶעוֶוען זִיבֶּעצִיג מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן פוּפְצִיג מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית וְכוּ' דַארְפְסְטוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת? זֶעהְסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָבָר וָואס עֶר וִויל דִיר צוּבְּרֶעכְן?

**אויסֶערְדֶעם** וָואס דֶער חָתָן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט שׁוין מְסַיֵּים גֶעוֶוען צְווֵיי מָאל שַׁ"ס, און צְווֵיי מָאל ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, און נָאךְ לִימוּדִים, וואו הֶערְט מֶען אַזַאנְס? און וואו זֶעהְט מֶען אַזַאנְס? אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן, און קַיין שׁוּם זַאךְ אויף דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

**גֶעבּ** זַייעֶר אַכְטוּנְג עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיי דִיר מְשׁוּנֶה'דִיגֶע פַּארְשׁוינֶען, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא קַמָא יד.) מְשׁוּנֶה קֶרֶן בְּחָצֵר הַנִיזָּק חֲצִי נֶזֶק הוּא; און אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין בַּיי אוּנְז אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז נָאר מְשׁוּנֶה פוּן אַן אַנְדֶערְן, אֲפִילוּ עֶר טוּט גָארְנִישְׁט, אִיז שׁוין אַ הַאלְבֶּער נֶזֶק, וְכוּ', און וָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס? עֶס אִיז נָאר גוֹרֵם אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אויף אוּנְז.

**אֵיינְמָאל** הָאט מִיר גֶעזָאגְט הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל צְווִישְׁן פִיר אויגְן מִיט דֶעם לָשׁוֹן "ווי אִיךְ זֶעה זוּכְן זֵיי אויף דִיר חֶסְרוֹנוֹת אויף דִי גְרֶאדֶע וֶוענְט, גֶעבּ זֵיי נִישְׁט קַיין גֶעלֶעגְנְהַייט זֵיי זָאלְן קֶענֶען רֶעדְן אויף דִיר" דָאס הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אויף מִיר דִי מַחְלוֹקֶת פוּן אַפָּאר גֶעמֵיינֶע פַּארְשׁוינֶען (וָואס הַיינְט הֵייסְן זֵיי מַנְהִיגִים אִין בְּרֶסְלֶב), אִיבֶּערְדֶעם זָאג אִיךְ דִיר אוֹיכֶעט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ "גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז בַּיי דִיר זָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן קַיין מְשׁוּנֶה'דִיגֶע בָּחוּרִים", וֶוער ס'הַאלְט נִישְׁט מִיט מִיטְן סֵדֶר אָדֶער עֶר שְׁלָאגְט זִיךְ אַרוּם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ', אָדֶער סְתָּם אַ לֵיידִיגְגֵייעֶר וְכוּ', דִי אַלֶע דַארְפְסְטוּ נִישְׁט

הָאבְּן, וָואס פֶּעלְט דִיר אוֹיס עֶס זָאל זַיין אוֹיף אוּנְז אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען? הָאסְט גֶעזֶעהְן בַּיי דִי חֲתוּנָה וָואסֶערֶע טַייעֶרֶער חָתָן עֶס אִיז גֶעוֶוען, וואוּ זֶעהְט מֶען אַזֶאנְס? אוּן וואוּ הֶערְט מֶען אַזֶאנְס? אַז אַ בָּחוּר צוּ דִי חֲתוּנָה זָאל הָאבְּן אַזוֹיפִיל מְסַיֵּים גֶעוֶוען, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַזוֹי מַמְשִׁיךְ זַיין וֶועט קַיין הוּנְט נִישְׁט קֶענֶען אוֹיף דִיר בִּילְן, מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע אַרוּמִיגֶע זַאכְן וְכוּ', ווִי אַ גִיטַאר וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶער** בֶּעסְטֶער תֵּירוּץ אִיז נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י"ג) מִיט אֵיין שְׁוַוייג פַארְעֶנְטְפֶערְט מֶען אַלֶע קַשְׁיוֹת, ווִידֶער מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים ווִי צוּם בַּיישְׁפִּיל בָּחוּרִים בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ, בָּחוּרִים וָואס זַיי זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן זֶענֶען מְסַיֵּים אַזוֹיפִיל מָאל מִשְׁנָיוֹת אוּן מַסֶכֶת תַּעֲנִית וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע שְׁמַאטֶעס צוּ פַארְשְׁטָאפְּן דִי פִּיסְקֶעס וָואס בִּילְן וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זֶעה אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, וֶועסְטוּ זֶעהְן דָאס אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אַרוּם וֶועלְן אָנְהֵייבְּן צוּ קוּמֶען גָאר גוּטֶע בָּחוּרִים, עֶרְנְסְטֶע בָּחוּרִים וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם זַיי וֶועלְן זֶעהְן אַז דָא הָאט מֶען חֲתוּנָה אֵיינְס נָאכְן אַנְדֶערְן, אָבֶּער גֶעבּ אַכְטוּנְג זַייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף אוּנְזֶער נָאמֶען וֶועסְטוּ זֶעהְן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטְן נָאמֶען, ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ז) "טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב וְיוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ" אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה מ"ח סִימָן א') כַּמָּה הוֹלֵךְ שֶׁמֶן טוֹב מִקִּיטוֹן לִטְרַקְלִין וְשֵׁם טוֹב הוֹלֵךְ מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ וְכוּ', יוֹם מִיתָתוֹ שֶׁל אָדָם גָּדוֹל מִיּוֹם לֵידָתוֹ, לָמָּה, שֶׁבְּיוֹם

שֶׁנוֹלַד בּוֹ אֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה מַעֲשָׂיו, אֲבָל כְּשֶׁמֵּת מוֹדִיעַ מַעֲשָׂיו לַבְּרִיּוֹת, הֲוֵי "יוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ".

**מֶען** זָאגְט נָאךְ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן הָרַב שַׁךְ זַצַ"ל אוֹיף דֶער עֶלְטֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַ שְׁמוּעֶס פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זֵיי זָאגְן אָט בַּאלְד וֶועל אִיךְ לִיגְן דָא אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַרוּמְגֶעוִויקְלְט מִיט אַ טַלִּית אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן אַרוּם מִיר וֶועט בְּרֶענֶען לֶעכְטֶעלֶעךְ, אוּן מֶען וֶועט מִיר מַסְפִּיד זַיין וְכוּ', (עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין דִי תַּלְמִידִים דֶעם אֱמֶת אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מִיר לֶעבְן דָא נָאר צַייטְוַויילִיג, אוּן וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים דָאס וֶועט בְּלַייבְּן).

**שְׁטַארְק** זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן שְׁטַארְק דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ צִיעֶן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט וַוארֶעמְקֵייט אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס זֵיי עֶסְן אוּן וָואס זֵיי טְרִינְקֶען עֶס זָאל הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגְן הֶכְשֶׁר, אוּן וְעַל כּוּלָם מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ רֵייכֶערְן, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן בִּכְלַל בְּרֶענְגְט דָאס צוּ קַאלְטְקֵייט אִין אִידִישְׁקֵייט, עֶס אִיז אַ אַיינְרֶעדֶענִישׁ אַז דָאס קִילְט דִי נֶערְוְון וְכוּ', אַדְרַבָּה אַלֶע נֶערְוֶועזֶע מֶענְטְשְׁן רֵייכֶערְן אוּן בְּלָאזְן פוּן זִיךְ וְכוּ'.

**הָרַב** הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס עֶר

אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים פַּאר יְצִיאַת נְשָׁמָה, אוּן יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם אִים "דַאנְקֶען גָאט מַיין נָאז הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט קַיין טַאבַּאק, אוּן מַיין מוֹיל הָאט נִישְׁט גֶערֵייכֶערְט קַיין צִיגֶערֶעטְלֶעךְ", אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז אַרוֹיס זַיין נְשָׁמָה, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער דַארְף שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תמד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ג שְׁבָט ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וֶוערְט גֶעמָאסְטְן ווִיאַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן פוּן זַיין אִיבֶּערְגֵייעֶכְטְץ וְכוּ' וְכוּ'.

**גֶעבּ** אַ קוּק אוֹיף אִידְן וָואס זַיי דְרֵייעֶן זִיךְ נָאךְ צְווִישְׁן אוּנְז אַרוּם אוּן זַיי הָאבְּן אַ נוּמֶער אוֹיף דִי הַאנְט וְכוּ', זַיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע שִׁבְעָה מְדוֹרֵי גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְלָארְן אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, פַאר זֵייעֶרֶע אוֹיגְן הָאבְּן זַיי גֶעזֶעהְן ווִי מֶען מֶערְדֶערְט זֵיי אוֹיס, פַארְלָארְן טַאטֶע מַאמֶע בְּרוּדֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער וְכוּ' וְכוּ', גֶעבְּלִיבְּן

אַלײן עֶלְנְד וְכוּ׳ וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זַיי זִיךְ דֶערְהַאלְטְן און נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט און הָאבְּן אַ וַוייבּ און קִינְדֶער, וָואס דָאס אִיז אֵיינְס פוּן דִי גְרֶעסְטֶע וואוּנְדֶער אִין דִי וֶועלְט, אִידְן וָואס זַיי הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט אַזוֹיפִיל צָרוֹת און יִסוּרִים, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זֶענֶען זַיי גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק און פֶעסְט אִין דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, דָאס זֶענֶען דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פוּן הַיינְטִיגְן דוֹר, דָאס זֶענֶען דִי צַדִיקֵי אֱמֶת.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זי״ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" אִיז נָאךְ דִי בַּאפְרֵייאוּנְג גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְטְן קַיין אַמֶערִיקֶע אִיז אַרַיין צוּ אִים הָרַב הֶחָסִיד הַמְקוּבָּל רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג מַרְגָלִיוֹת זַ״ל און עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט, רֶבִּי, אַז אִיר פָארְט אַוֶועק צוּ וֶועמֶען זָאלְן מִיר אַרַיינְגֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה און גֶעבְּן אַ קְוִויטְל? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז אִיר וֶועט גֵיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ און אִיר וֶועט זֶעהְן אַ אִיד שַׁארְט אַרוֹיף דִי אַרְבֶּעל און מֶען זֶעהְט עֶר הָאט אַ נוּמְבֶער וָואס דִי עַמָלֵקִים הָאבְּן אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיין הַאנְט, און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טוּט עֶר אָן תְּפִילִין, פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ מֶעג מֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה.

**פְרֶעג** אִיךְ דִיר, אִידְן וָואס זַיי הָאבְּן נֶעבֶעךְ אַזוֹיפִיל מִיטְגֶעמַאכְט, אַלֶעס פַארְלוֹירְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען און גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער? אִיז דָאס נִישְׁט קַיין גְרוֹיסְקֵייט? אִיבֶּערְדֶעם, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, הֵייבּ אָן פוּן

ניי, און דו זָאלְסְט זיך זייעֶר פְרֵייעֶן אַז דו בִּיסְט מְקוֹרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס שַׁיינְט אִין דִיר אַרַיין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, און לֶערְנְט דיךְ אַ וֶועג וויאַזוֹי זיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זיךְ זייעֶר פְרֵייעֶן.

**זַיסְן** דארפסטו וויסן אַז מֶען טָאר זיך נִישְׁט פַארְלִירְן אִין די שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה דָאס אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז לְטוֹבָה, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאוֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא; און די חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז (בְּרָכוֹת ס:) דָאס רַבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר כָּל דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט אִיז בְּוַודַאי פַאר זַיין גוּטְס, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. אוֹיךְ זָאגְן די חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כא.) וְאַמַאי קָרוּ לֵיהּ "נָחוּם אִישׁ גַּם זוּ"? דְכָל מִילְתָא דְהָוָה סַלְקָא לֵיהּ אָמַר "גַּם זוּ לְטוֹבָה"; דָאס נָחוּם וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּנָא הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ גֶעזָאגְט גַּם זוּ לְטוֹבָה, און דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אָפֶענֶע נִסִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** טָארְסְטוּ זיךְ נִישְׁט אַזוֹי פַארְלִירְן, אֱמֶת עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע און בִּיטֶערֶע מַצָבִים וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אַ אִיד טָאר זיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, כָּל זְמַן עֶר לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, און אוֹיךְ קֶען זיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ און פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וָואס הֵייסְט "הִתְבּוֹדְדוּת" אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ בַּאזוּנְדֶער אָרְט וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זַיין גַאנְץ הַארְץ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, אוּן דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס אַ אִיד דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם, עֶר זָאל אַזוֹי שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז בַּיי אִים, אִין אִים, לֶעבְּן אִים, אוּן עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר אִים, אִיבֶּערְדֶעם רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס זַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ נָאר פַאר אִים, אַז ווארוּם אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

## תמה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ג שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**דוּ** זָאלְסְט וִויסְן דָאס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז דֶער עִיקָר תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אַוֶועקְוָוארְפְן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, אוּן זִיךְ פִירְן וִוי אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל דָאס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַסַאךְ מָאל פוּן ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן

טוֹלְטְשִׁינֶער זַ"ל דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּשְׁטְן עֶר פְּלֶעגְט זִיצְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען בַּיים עֶסְן, אוּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זֵיי זָאלְן זִיךְ וַואשְׁן אוּן זֵיי זָאלְן עֶסְן, אוּן הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זֵיי זָאלְן בֶּענְטְשְׁן, אוּן עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן דָאס דִי עֲבוֹדָה וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער אִיז בַּיי אִים אַזוֹי חָשׁוּב וִוי עֲבוֹדַת תִּיקּוּן חֲצוֹת, (וָואס דָאס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדוֹת, עֶר פְּלֶעגְט זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד בְּעֵת חֲצוֹת, אוּן גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן אוֹיף חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן צָרוֹת יִשְׂרָאֵל אוּן הַעְלָמַת הַצַדִיק) פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִיז בַּיי אִים אַזַא חָשׁוּבֶע עֲבוֹדָה וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן תִּיקּוּן חֲצוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעב זִיךְ אָפּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, לָאז זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵיי וְכוּ', הָאבּ גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ד) צָרִיךְ לִלְמוֹד אֶת הַתִּינוֹק דֶרֶךְ אֶרֶץ מִנְעוּרָיו; קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין, זֵיי וַואקְסְן נִישְׁט אוֹיפְן בּוֹים וְכוּ', שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ב) "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה" יֶעדֶער קִינְד אִיז אַ מַסֶכֶת פַאר זִיךְ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער מִיט גְרוֹיס גֶעדוּלְדִיגְקֵייט, אוּן נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן אוֹיף זֵיי, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ק"ז) הַבָּנִים שׁוֹטִים כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן; אַ קִינְד אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער עֶר

פְרֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז דָאס? עֶר אִיז זֵייעֶר נֵייגֶערִיג אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם טַאטְן עֶר זָאל אִים מַסְבִּיר זַיין וָואס דָאס אִיז, אוּן וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער, אַ נֶערְוֶועזֶער וְכוּ', אוּן עֶר טְרַייבְּט אַוֶועק דֶעם קִינְד, אוּן עֶר שְׁרֵייט אִים אָן גֵיי פוּן דָא אַוֶועק וְכוּ', פַארְדְרֵיי מִיר נִישְׁט דֶעם קָאפּ וְכוּ', לָאמִיךְ יֶעצְט אָפּ וְכוּ', בְּלַייבְּט דָאס קִינְד אַ שׁוֹטֶה. אוֹיסֶערְדֶעם וָואס דֶער קִינְד וֶוערְט זֵייעֶר צוּמִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער טַאטֶע כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר מַאכְט יֶעצְט זַיין זוּהְן אַ בַּעַל מוּם אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן, מִיט אַרָאפְּקְלַאפְּן אוּן דֶערְנִידֶערְן אַ קִינְד הַארְגֶעט מֶען אִים אָפּ אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן לֵיידֶער רוֹב מֶענְטְשְׁן כַאפְּן דָאס נִישְׁט, אוּן וֶוען דֶער קִינְד וַואקְסְט אִינְטֶער וֶוערְט עֶר אַ פְּרָאבְּלֶעם אִינְגְל, אוּן נָאכְדֶעם וַוארְפְּט מֶען דֶעם שׁוּלְד אוֹיפְ'ן מְלַמֵד אָדֶער אוֹיף דִי חֲבֵרִים וְכוּ', אַלֶע זֶענֶען שׁוּלְדִיג וְכוּ', אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג אוּן דֶעם דוּרְכְפַאל פוּן זַיין קִינְד, אַ טַאטֶע דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קִינְד פוּן קְלֵיינְוַוייז אוֹיס, שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט אִים מִיט אַ זִיכֶערְקֵייט וְכוּ', אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן וְכוּ', אֲפִילוּ וֶוען עֶר מַאכְט אַ טָעוּת טָאר מֶען דָאס נִישְׁט אוֹיפְשְׁפִּילְן וְכוּ', אַדְרַבָּה מֶען דַארְף דָאס אַוֶועקְמַאכְן וְכוּ', אוּן אִים אוֹיפְוַוייזְן אַז עֶר קֶען יָא וְכוּ', אוּן נָאר אַזוֹי וַואקְסְט אוֹיף דֶער קִינְד אַ גֶערָאטְן קִינְד מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת, אַז וואוּיל אִיז דֶעם טַאטְן וָואס עֶר פִירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף, וֶועט עֶר הָאבְּן גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער, סֵיי דִי זוּהְן אוּן סֵיי דִי טֶעכְטֶער, אַ טַאטֶע דַארְף שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְבּוֹיעֶן

זַיינֶע קִינְדֶער, מַאכְן פוּן זֵיי אַ גַאנְצְן עֵסֶק, אַזוֵי וֶועט אוֵיפְגֶעבוֵיעֶט זֵייעֶר זֶעלְבְּסְט ווירְדֶע און זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט.

**זָאלְסְט** גֶעדֶענְקְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל אַ קִינְד נִישְׁט שְׁלָאגְן, שְׁלָאגְן קִינְדֶער קוּמְט נָאר פוּן נֶערְוֶועזְקֵייט, אַ מֶענְטְשׁ אִיז נֶערְוֶועז לָאזְט עֶר דָאס אוּיס אוֵיף זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ׳, און וָואס וֶוערְט נָאכְדֶעם רַחֲמָנָא לִיצְלָן דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֵיף ווילְדֶע פְּרָאִים וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף יֶעדֶער טַאטֶע הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ זַיינֶע קִינְדֶער און זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי, אַזוֵי וֶועט עֶר הָאבְּן פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַריין נֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ, און דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֵי פִירְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

## תמו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ״ג שְׁבָט ה׳תשע״ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**גֶעבּ** זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֵיף דִי כָּבוֹד פוּן דַיין וַוייבּ, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ

יוֹתֵר מִגּוּפוֹ, וְהַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִירְקָן, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (איוב ה) "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; אַז אַ אִיד הָאט לִיבּ זַיין ווייבּ אַזוֹי ווי עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ, אוּן עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד מֶער ווי עֶר אִיז זִיךְ מְכַבֵּד, אוּן עֶר פִּירְט זַיין זוּהְן אוּן טֶעכְטֶער אוֹיפְן גְלַייכְן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג אִין אִידִישְׁקַייט, אוּן מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה יוּנְג, דֶעמָאלְט מֶעג עֶר זִיכֶער זַיין אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ. אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית י"ב) "וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ" וְהַיְינוּ דְאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַייעֶר נִזְהָר זַיין אִין דִי כָּבוֹד פוּן זַיין ווייבּ, וָוארוּם דָאס גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת פוּן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר פוּן זַיין ווייבּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דָאס רַייכְקֵייט קוּמְט נָאר פוּן דָאס ווייבּ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דָאס כָּבוֹד פוּן זַיין ווייבּ, אוּן אִיר נִישְׁט סֶעקִירְן, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה.

**פָאלְג** מִיר אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועסְטוּ הָאבְּן דֶעם אֱמֶתְ'ן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דוּ וֶועסְט פַארְשְׁפָּארְן צוּ גֵיין צוּם בֶעלֶעמְ'ער שָׁלוֹם בַּיִת קָאמִיטֶע וְכוּ', וָואס זֵיי וֶועלְן דִיר דֶערְנִידֶערְן וְכוּ', אוּן גֶעבְּן קְרוּמֶע עֵצוֹת וְכוּ', ווי אַ גְלַייכְן לֵייטֶער וְכוּ', בֶּעסֶער זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס

עֶר הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג רס"ד) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּבְּרֶעכְן דָאס שָׁלוֹם בַּיִת פוּן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק כְּדֵי אִים מַכְשִׁיל זַיין מִיט שְׁוֶוערֶע עֲווֹנוֹת, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען אָפְּהִיטְן אוֹיפְן כָּבוֹד פוּן וַוייבּ, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט וִויפִיל צָרוֹת דָאס וַוייבּ לַיידְט, צַעַר הָעִיבּוּר, צַעַר הַלֵידָה, און צַעַר גִידוּל וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי וַוייבּ, דָאס אִיז דֶער אֱמֶת'ער דַעַת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ר חַסִידוּת, און וֶוער ס'זָאגְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶעם הֵייבְּט נִישְׁט אָן צוּ וִויסְן וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ אַ פַּרְנָסָה אַוֶועקְצוּפָארְן פוּן שְׁטוּבּ אוֹיף אַ לַאנְגֶע צַייט וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַ מִיאוּסֶ'ע און שַׁארְפֶע אוֹיסְדְרִיק וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם פָּאלְגְ מִיר און הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, און בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, און הֵייבְּט אָן צוּ לֶעבְּן צוּזַאמֶען אַ נָארְמַאלְן לֶעבְּן מִיט לִיבְשַׁאפְט און מִיט כָּבוֹד.

**צוּקוּמֶען** צוּ דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, וָוארוּם דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אֵיידְל'ט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, דָאס בִּיז פְרַייטָאג וֶועסְטוּ שׁוֹין עֶנְדִיגְן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י, ווי עֶס וֶוערְט

גֶעפַּסְקֶ'נְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג') "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילֵךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר"; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, וָואס דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פַארְגֶערעבְּטְקֵייט, וָוארוּם לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת רֵיינִיגְט זַיין נְשָׁמָה, מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת יֶעדְן טָאג וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה אוֹיסְגֶעאֵיידֶלְ'ט. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "וָוֵי הָעַמּוּדִים" (אַ זוּהְן פוּן שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ), אַז עֶס אִיז אַ חִיּוּב אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ חִיּוּב צוּ לֵייגְן תְּפִילִּין. וְעַל כּוּלָּם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן, וָוארוּם מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין אִיד אָן לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ט) דָאס יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ הֲלָכָה אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ; אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר כְּסִדְרָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, אָנְפַאנְגֶען אוֹרַח חַיִּים, אוּן וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן יוֹרֶה דֵעָה, אוּן וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן אֶבֶן הָעֶזֶר, אוּן וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, אַזוֹי זָאל עֶר דוּרְכְגֵיין ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, כְּדֵי עֶר זָאל וויסְן יֶעדֶער הֲלָכָה וִוי עֶס גֶעפִינְט זִיךְ, עֶר זָאל קֶענֶען פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה אַ חָשׁוּבְ'ן רַב אוּן דַיָּין וֶוען סְ'מַאכְט זִיךְ אִים אַ שְׁאֵלָה.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין "קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ", אַזוֹי וֶועט עֶר וִויסְן וִוי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן, אוֹיךְ דַארְף מֶען זֵייעֶר נִזְהָר זַיין דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוֹיב וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ הָאבְן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן, וָוארוּם דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע מַנְהִיגִים, אִינְטֶעלִיגֶעלֶנְטְ וָואס קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פִירְן וְכוּ', זֵיי הָאבְן אַלֵיין נִישְׁט קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ', זֵיי עֶפֶענֶען נִישְׁט אוֹיף קֵיין מִשְׁנָיוֹת אָדֶער גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ', אִיז וִויאַזוֹי קֶענֶען זֵיי דִיר פִירְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז עֶס אִיז דָא מַנְהִיגִים וָואס זֶענֶען פַארְפִירֶערְס, זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פִירְן אוּן וִוי קֶענֶען זֵיי פִירְן אַנְדֶערֶע?

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

## תמז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ג שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וִויסְן דָאס נָארְמַאלֶע עֶלְטֶערְן הָאבְן אִינְזִינֶען שְׁטֶענְדִיג נָאר דָאס גוּטְס פוּן דִי קִינְדֶער, זֵיי קוּקְן נִישְׁט אוֹיפְן אֵייגֶענֶעם כָּבוֹד, הַיינְטִיגֶע צַייטְן דַארְף מֶען חֲתוּנָה מַאכְן קִינְדֶער וָואס פְרִיעֶר, אוּן נִישְׁט קוּקְן אַ שֵׁיינֶעם נָאמֶען וְכוּ', מֶען דַארְף נָאר זוּכְן אַ פֵיין אִידִישׁ מֵיידְל פַארְן זוּהְן, אַ

מֵיידְל וָואס עֶס פִּירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ בַּאשֵׁיידְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען זוּכְן אַ פֵּיין אִידִישׁ בָּחוּר, אַ בַּעַל מִדוֹת, אַ בַּעַל דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַ גֶעלַאסֶענֶער, פַּאר זַיין טָאכְטֶער, נִישְׁט קוּקְן אָדֶער זוּכְן פוּן אַ מְכוּבָּד'יגְן מִשְׁפָּחָה (בְּרֶענְד נֶעים בְּלַעַ"ז) דָאס הֵייסְט אַ קְלִינְגֶעדִיגְן נָאמֶען וְכוּ', דִי אַלֶע זַאכְן אִיז נַארִישְׁקֵייט, מִיר זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶעהְן אַז דֶער קֶרֶן זָאל גוּט זַיין, מֶען זֶעהְט לֵיידֶער הַיינְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זוּכְן נָאר אַ שִׁידוּךְ פוּן אַ קְלִינְגֶעדִיגְן נָאמֶען אָדֶער זֵיי זוּכְן יִחוּס וְכוּ' וְכוּ', אוּן צוּם סוֹף פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין אַ פַארְדָארְבְּן גְרוּב, אַ פַארְדָארְבְּן בָּחוּר, אָדֶער אַ פַארְדָארְבְּן מֵיידְל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶער עִיקָר בַּיי אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען זֶעהְן אַז דֶער קֶרֶן זָאל זַיין גוּט, אוּן חֲתוּנָה מַאכְן וָואס שְׁנֶעלֶער, נִישְׁט קוּקְן וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער זָאל זֶעהְן אוֹיסְצוּקְלוֹיבְּן נָאר אַ פֵּיין בַּאשֵׁיידְן מֵיידְל פַאר זַיין זוּהְן, אָדֶער אַ גֶערָאטֶענֶעם בַּעַל דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיגְן בָּחוּר, לֶערְנֶען קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג צוּלֶערְנֶען, אָבֶּער מִדוֹת זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי"ע בִּיז דִי אַכְצְן יָאר קֶען מֶען נָאךְ טוּישְׁן דִי מִידוֹת, אוּן נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער.

**אַז** וואוֹיל אִיז דִי עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְג, וָוארוּם הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דִי גַאס זֵייעֶר מְסוּכָּן וְכוּ'.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

# תמח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ג שְׁבָט ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** בַּאוואוּנְדֶער דִיר ווִי דוּ קֶענְסְט אוֹיפְזַיין יֶעדֶע נַאכְט אַזוֹי שְׁפֶּעט, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, נוּטְץ אוֹיס דִי לַאנְגֶע נֶעכְט, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק ג' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה הֲלָכָה י"ג) אַף עַל פִּי שֶׁמִּצְוָה לִלְמוֹד בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה אֵין אָדָם לוֹמֵד רוֹב חָכְמָתוֹ אֶלָּא בַּלַּיְלָה, לְפִיכָךְ מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת בְּכֶתֶר הַתּוֹרָה יִזָּהֵר בְּכָל לֵילוֹתָיו וְלֹא יְאַבֵּד אֲפִילוּ אֶחָד מֵהֶן בְּשֵׁינָה וַאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְשִׂיחָה וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן, אֶלָּא בְּתַלְמוּד תּוֹרָה וְדִבְרֵי חָכְמָה, אָמְרוּ חֲכָמִים אֵין רִינָּה שֶׁל תּוֹרָה אֶלָּא בַּלַּיְלָה, שֶׁנֶּאֱמַר (אֵיכָה ב) "קוּמִי רֹנִּי בַלַּיְלָה" וְכָל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בַּלַּיְלָה חוּט שֶׁל חֶסֶד נִמְשָׁךְ עָלָיו בַּיּוֹם שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים מ"ב) "יוֹמָם יְצַוֶּה ה' חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי" אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ"ו סעיף כ"ג) מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת בְּכִתְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה יִזָּהֵר בְּכָל לֵילוֹתָיו וְלֹא יְאַבֵּד אֲפִילוּ אַחַת מֵהֶן בְּשֵׁינָה בַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְשִׂיחָה וְכַיּוֹצֵא בָּהֶם, אֶלָּא בְּדִבְרֵי חָכְמָה וְתַלְמוּד תּוֹרָה: הַגָּה, כִּי אֵין אָדָם לוֹמֵד רוֹב חָכְמָתוֹ כִּי אִם בַּלַּיְלָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** נוּץ אוֹיס דַיינֶע נֶעכְט מִיט גוּטֶע זַאכְן, תּוֹרָה, תְּפִלָּה, אוּן צוּגְרֵייטְן סְפָרִים צוּם דְרִיקְן, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אוּן זְכוּת הָרַבִּים, אוּן וְעַל כּוּלָם כַּאפּ אַרוֹיס זָאגְן דֶעם סֵדֶר "תִּיקּוּן חֲצוֹת", וָואס עֶס נֶעמְט

אִינְגַאנְצְן צְווִישְׁן צֶען און פּוּפְצְן מִינוּט, אָבֶער אִין הִימְל אִיז דָאס זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, וָוארוּם עֶס אִיז דָא אַ הֵיכָל וָואס דָארְטְן גֵייעֶן אַרַיין דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקְלָאגְט אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, און אוֹיף צָרוֹת יִשְׂרָאֵל, און אוֹיפְן לַאנְגֶען בִּיטֶערְ'ן גָלוּת וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען צוּזֵייט און צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צְווִישְׁן בִּילִיגֶע פַארְשָׁאלְטֶענֶע אַנְטִיסֶעמִיטִישֶׁע גוֹיִים וְכוּ', און דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ל:) כָּל הַמִתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ וְשֶׁאֵינוֹ מִתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם אֵינוֹ רוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן נַאכְט**

## תמט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ"ז שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר**

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, און הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, פַּרְנָסָה אִיז פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר פִּירְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַ אַנְדֶערְן וֶועג, און בְּוַודַאי פִּירְט עֶר מִיט דִיר אוֹיבֶעט דַיין וֶועג, נָאר וָואס דֶען, דוּ דַארְפְסְט אַיינֶערְקֶענֶען דִי חֲסָדִים און דִי רַחֲמִים גְמוּרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט דִיר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית הֲלָכָה ב') וֶוען אַ אִיד אַיינֶערְקֶענְט דָאס זַיין פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דָאס הֵייסְט אֲכִילַת מָן.

דַיין חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דָאס מֶען הָאט
אִים גֶעדִינְגֶען קוּמֶען שְׁפִּילְן אוּיף אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אוּן
עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעשְׁפִּילְט, אוּן וֶוען מֶען אִיז
גֶעקוּמֶען צוּם בֶּענְטְשְׁן הָאט מֶען זִיךְ הֶערְשְׁט גֶעכַאפְּט אַז
עֶס אִיז שׁוֹין נָאךְ דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אִיז עֶס גֶעוֶוען נָאר אַ
סְעוּדָה אָן שֶׁבַע בְּרָכוֹת, וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דִי נַאכְט
נָאכְן זִיבֶּעטְן טָאג, אוּן נַאטִירְלִיךְ הָאט מֶען אִים בַּאצָאלְט,
הָאבּ אִיךְ אִים דֶערְצֵיילְט וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ
זי"ע אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ תַּלְמִיד אִין וַואלְד זִיךְ
מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן אִינְמִיטְן וֶועג הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעזָאגְט
פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר דָארְשְׁטֶערִיג אוּן עֶר שְׁפִּירְט
אַז עֶר קֶען דָאס שׁוֹין נִישְׁט אִיבֶּערְטְרָאגְן, הָאט אִים דֶער
בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע גֶעזָאגְט וַוארְט אוּיס אַבִּיסְל, נָאךְ
אַ שְׁטִיקְ צַייט אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט
רֶבִּי עֶס דָארְשְׁט מִיר זֵייעֶר אוּן אִיךְ קֶען שׁוֹין דָאס נִישְׁט
אִיבֶּערְטְרָאגְן, מַמָּשׁ אִיךְ שְׁפִּיר אִיךְ גֵיי אוּיס פוּן דָארְשְׁט,
הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע גֶעפְרֶעגְט זָאג
מִיר נָאר, גְלֵייבְּסְטוּ מִיט אַן אֱמֶת אַז וֶוען הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ
הוּא הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה הָאט עֶר שׁוֹין אִינְזִין
גֶעהַאט דִיר אוּיךְ, אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אִין וַואלְד אוּן דוּ וֶועסְט
זַיין דָארְשְׁטֶערִיג, אוּן דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ וְכוּ', אוּן
עֶר הָאט דִיךְ אַוַודַאי נִישְׁט פַארְגֶעסְן אוּן הָאט דִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט
וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען? הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט, יָא
רֶבִּי, אִיךְ גְלֵייב בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז עֶס אִיז אַזוֹי, הָאט אִים

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע גֶעזָאגְט אוֹיבּ אַזוֹי וַוארְט אוֹיס אַבִּיסְל, אוּן פְלוּצְלִינְג זֶעהְן זֵיי פוּנְדֶערְוַוייט אַז אַ גוֹי דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט צְוֵויי אַנְפֶּערְס וַואסֶער, אוּן עֶר קוּמְט אַקֶעגְן זֵיי, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע גֶעזָאגְט דֶעם תַּלְמִיד בַּאצָאל אִים אַ מַטְבֵּעַ אוּן נֶעם פוּן אִים טְרִינְקֶען, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, דֶערְנָאךְ פְּרֶעגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע דֶעם גוֹי וָואס הָאט דִיךְ גֶעמַאכְט צוּ קוּמֶען דָא טִיף אִין וַואלְד מִיט צְוֵויי אַנְפֶּערְס וַואסֶער? הָאט דֶער גוֹי גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ וֵויס נִישְׁט, מַיין בַּעַל הַבַּיִת אִיז מְשׁוּגֶע גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט מִיךְ גֶעהֵייסְן אָנְפִילְן צְוֵויי אַנְפֶּערְס וַואסֶער אוּן עֶר הָאט מִיךְ אַרַיינְגֶעטְרִיבְּן אִין וַואלְד אַרַיין, אוּן אִיךְ דְרֵיי זִיךְ שׁוֹין דָא אַרוּם אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע גֶעזָאגְט צוּם תַּלְמִיד זֶעהְסְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט זַיין בַּעַל הַבַּיִת זָאל מְשׁוּגֶע וֶוערְן, אוּן עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶעטְרִיבְּן אִין וַואלְד מִיט צְוֵויי אַנְפֶּערְס וַואסֶער אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן צוּטְרִינְקֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר אַז עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט גֶעוֶוען דוּ זָאלְסְט הָאבְּן הַיינְט בַּיינַאכְט אַ אַרְבֶּעט הָאט מֶען אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַז הַיינְט אִיז נִישְׁטָא קַיין שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּן מֶען הָאט אַיינְגֶעלַאדֶענְט מֶענְטְשְׁן אוּן דוּ זָאלְסְט זִינְגֶען, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה, אִיבֶּערְדֶעם זָאג אִיךְ דִיר אוֹיבֶּעט אַזוֹי, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע

פַּאךְ אִין דֶער הַאנְט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ צוּשִׁיקְן קָאסְטֶעמֶערְס וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְּן אַרְבֶּעט, אוּן דוּ וֶועסְט טוּהְן פַּאר זֵיי דִי אַרְבֶּעט, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיר גוּט זַיין שְׁטֶענְדִיג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תנ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ"ז שְׁבָט ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ זָאלְסְט וויסְן אַ כְּלַל, אַז מֶען וויל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען מְקַיֵים זַיין דִי דְרֵיי זַאכְן.

**א.** מֶען טָאר נִישְׁט קְרִיטִיקִירְן אַ וַוייבּ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן, אֲפִילוּ זִי טוּט זַאכְן וָואס אִיז אַקֶעגְן דַיין וִוילְן, קְרִיטִיק אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ, בִּפְרַט פַאר אַ וַוייבּ.

**ב.** מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן פַאר דִי וַוייבּ אַ קָאמְפְּלִימֶענְט, אוּן זָאגְן אַ גוּט וָוארְט.

**ג.** זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ שְׁוַוייגְן, אוּן נִישְׁט צוּפִיל רֶעדְן, וָוארוּם פוּן צוּפִיל רֶעדְן קוּמְט אַרוֹיס נָאכְדֶעם מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן.

**אוֹיבּ** דוּ קֶענְסְט דָאס בַּאוַוייזְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ אֱמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶער זָאלְסְט וויסְן ס'אִיז נִישְׁט גְרִינְג,

מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ צוּבְּרֶעכְן זַיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָה צוּ שַׁאפְן זִיךְ מִיט דִי וַוייבּ וְכוּ', דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן דָאס דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט קַיין דִינְסְט, זִי הָאט גֶענוּג אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּבּ, זִי דַארְף אוֹיפְבְּרֶענְגֶן זֶעקְס פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער וָואס יֶעדֶער קִינְד אִיז אַ עֶקְסְטֶערֶע וֶועלְט וְכוּ', אוּן עֶס אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָפְּצוּגֶעבְּן זִיךְ מִיט יֶעדְן קִינְד, אוּן אַנְשְׁטָאט זָאלְסְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן וְכוּ', קְרִיטִיקִירְסְטוּ אִיר אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן דוּ שַׁאפְסְט זִיךְ מִיט אִיר אַזוֹי ווִי מִיט אַ דִינְסְט, אוּן דוּ שְׁרֵייסְט אִיר אָן וְכוּ', פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן וֶוען סְ'וָואלְט גֶעוֶוען מִיט דִיר, וָואלְסְטוּ אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, אוּן ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, אַזוֹי ווִי דוּ בִּיסְט סֶענְסֶעטִיוו, אַזוֹי אִיז דַיין וַוייבּ אַסַאךְ מֶער סֶענְסֶעטִיוו, אִיבֶּערְדֶעם מֶעגְסְטוּ אִיר גֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אוּן זָאגְן אַ גוּט וָוארְט. אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תנא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ"ז שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** אַרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען זַיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֵיין לֵיידִיג, חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:) הַבַּטָלָה מְבִיאָה לִידֵי

שְׁעֲמוּם וְלִידֵי זִימָּה וְכוּ׳, אַ לֵיידִיגְגֵייעֶר אִיז זַיין לֶעבְּן קַיין לֶעבְּן נִישְׁט, עֶר וֶוערְט מְשׁוּגֶע פַאר לֵיידִיגְגֵיין, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן גְלַייךְ טְרֶעפְן זִיךְ עֶפֶּעס אַן אַרְבֶּעט, וְוִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב׳) יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶרֶךְ אֶרֶץ, שֶׁיְגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן; הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב גֶעטַייטְשְׁט ׳מְשַׁכַּחַת׳ אִיז לָשׁוֹן שִׁכְחָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן עֶר הָאט אַ אַרְבֶּעט עֶר דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט לֵיידִיג אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פַּארְנוּמֶען, דֶעמָאלְט פַארְגֶעסְט עֶר צוּ זִינְדִיגְן.

זְוִיסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן, דָאס אַרוּמְדְרֵייעֶן זִיךְ לֵיידִיג דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע קְלָלָה, אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְשׁוּגֶע פַאר לֵיידִיגְגֵיין, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת דְרֶבִּי נָתָן פֶּרֶק י״א) אֵין אָדָם מֵת אֶלָא מִתּוֹךְ הַבַּטָּלָה; אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ צוּפִיל לֵיידִיג דָאס הַארְגֶעט אִים אַוֶועק, אוּן אַלֶע מְשׁוּגָעִים וָואס זֵיי וֶוערְן מְשׁוּגֶע אִיז דָאס נָאר פוּן לֵיידִיגְגֵיין, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פַּארְנוּמֶען, זַיין קָאפּ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פִּיסְט אוּן לֵיידִיג, דֶער וֶוערְט מְשׁוּגֶע פַאר לֵיידִיגְגֵיין, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, נֶעם דִיךְ וָואסֶערֶע אַרְבֶּעט סְ׳לָאזְט זִיךְ, אֲפִילוּ אוֹיסְקֶערְן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ וְכוּ׳, אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט וּמִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תנב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ"ח שְׁבָט ה'תשע"ב

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִיר דָאס קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַואַרְפְּן וְכוּ', אוּן דֶער עִיקָר וָואס דוּ דַארְפְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִיז נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען אֵיינֶער אִיז דִיךְ מְבַזֶה, אִיךְ ווייס אַז דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מְבַזֶה דַארְף מֶען אִים אָפְּשְׁוַוייגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') דָאס דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז 'יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק' אֵיינֶער אִיז דִיר מְבַזֶה דַארְף מֶען אָפְּשְׁוַוייגְן, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט בַּאשַׁאפְט עֶר טוֹיזֶענְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער קְלִיפּוֹת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן אַ נֵס וָואס עֶר זֶעהְט עֶס נִישְׁט, אוּן קֵיינֶער זֶעהְט עֶס נִישְׁט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו.) תַּנְיָא אַבָּא בִּנְיָמִין אוֹמֵר אִלְמָלֵי נִתְּנָה רְשׁוּת לְעַיִן לִרְאוֹת אֵין כָּל בְּרִיָּה יְכוֹלָה לַעֲמוֹד מִפְּנֵי הַמַּזִּיקִין אָמַר אַבַּיֵי אִינְהוּ נְפִישֵׁי מִינָן וְקַיְימֵי עֲלָן כִּי כַּסְלָא לְאוּגְיָא אָמַר רַב הוּנָא כָּל חַד וְחַד מִינָן אַלְפָּא מִשְׂמָאלֵיהּ וְרִבְבָתָא מִימִינֵיהּ; אַז אָךְ אוּן ווִיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט בִּפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית שְׁטִיפְּט זִיךְ וְכוּ', אוּן זוּכְט כָּבוֹד וְכוּ', בִּשְׁעַת עֶס נֶעמֶען אִים אַרוּם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן

פון זיין חַטְאוֹת נְעוּרִים וְכוּ', וְכוּ', און דָא זוּכְט עֶר נָאךְ כָּבוֹד וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע זָאגְט אִין "צֶעטִיל קָטָן" אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַסַאךְ וֵויינֶען אוֹיף זַיינֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים, עֶס זָאל אִים גֶעפֶּענְט וֶוערְן דִי אוֹיגְן.

**ווידעראום** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ז) דָאס דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת עֶפְּנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, "וְהָעִיקָר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ" אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ גוּט אַרוּמְקוּקְן וואוּ הַאלְט עֶר אִין זַיינֶע מִדּוֹת? און זִיךְ דֶערְמַאנֶען וָואס הָאט עֶר גֶעטוּהְן? און דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און זִיךְ דֶערְמַאנֶען שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, און בֶּעטְן רַחֲמִים אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין זַיינֶע זִינְד, אָבֶער נָאךְ טְרַאכְטְן פוּן כָּבוֹד און יֵשׁוּת וְכוּ' וְכוּ' דָאס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁטִיפְּן און זוּכְט כָּבוֹד און יֵשׁוּת און פִּירְסוּם וְכוּ' וְכוּ', וֶוען אִינְטֶער אִים אִיז דָא אַ קוּפָּה שֶׁל שְׁרָצִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מַחְמַת זַיינֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים וְכוּ', אָבֶער מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, און עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, און בֶּעט רַחֲמֵי שָׁמַיִם, מֶען זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, גֵייט עֶר נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְטְן בִּיז מֶען אִיז אִים מוֹחֵל, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) **אָמַר הַקָּדוֹשׁ** בָּרוּךְ הוּא שֶׁמִּיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי

חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם, שֶׁנֶּאֱמַר (וַיִּקְרָא כ״ו) ״וְהִתְוַדּוּ אֶת עֲוֹנָם וְאֶת עֲוֹן אֲבֹתָם בְּמַעֲלָם אֲשֶׁר מָעֲלוּ״; וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב הֵייסֶע טְרֶערְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גִיסְט פַאר אִים, וֶוען אַ אִיד וָואלְט גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן עֶר וָואלְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען אוּן וֵויינֶען פַאר אִים, וָואלְט מֶען אִים גְלַייךְ מוֹחֵל גֶעוֶוען אַלֶע עֲווֹנוֹת, וָוארוּם טְרֶערְן צוּבְּרֶעכְן אַלֶע שְׁלֶעסֶער פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטֶע טוֹיעֶרְן, ווי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:) אַף עַל פִּי שֶׁשַּׁעֲרֵי תְּפִלָּה נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת לֹא נִנְעֲלוּ; קֶען אַמָאל זַיין אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַזוֹי פִּיל גֶעזִינְדִיגְט וָואס דִי קְלִיפּוֹת נֶעמֶען אִים אַרוּם אַז עֶר הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִתְפַּלֵל זַיין, וָואס דָאס מֵיינְט ׳שַׁעֲרֵי תְפִלָּה נִנְעֲלוּ׳ פוּן רוֹב זִינְד וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אִיז עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַזוֹי פִּיל קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וְכוּ׳, דָאס עֶר הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דִי טְרֶערְן וַואשְׁן אַוֶועק אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוּן גִיס הֵייסֶע טְרֶערְן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן ס׳וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן ׳יִתְפָּרְדוּ כָּל פּוֹעֲלֵי אָוֶן׳, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלְסְדִינְג, אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף

פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָוארוּם יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען פַארְגִיסְט נָאךְ טְרֶערְן אוֹיבֶּעט דָאס בְּרֶעכְן אוֹיף אַלֶע פַארְמַאכְטֶע טוֹיעֶרְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אָפְּשְׁוַויינְן אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס דוּ לַיידְסְט פוּן נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶע מֶענְטְשְׁן, וָוארוּם דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת וֶועלְן דִי צוּנִיץ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. צַדִיקִים זָאגְן דָאס אֵיין גְרוֹיסֶע בִּזָיוֹן אִיז אַזוֹי ווִי טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים, פְּרֶעג אִיךְ דִיר, לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּכַאפְּן בִּזְיוֹנוֹת כְּדֵי פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים וָואס מֶען דַארְף פַאסְטְן פַאר אַזוֹיפִיל חַטְאוֹת נְעוּרִים?

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא לְנֵצַח נְצָחִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תנג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ״ח שְׁבָט ה׳תשע״ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זֶעה זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן מַאךְ שָׁלוֹם מִיט אִיר, וָוארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (עוּקְצִין פֶּרֶק ג׳) לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם; מִכָּל

שֶׁבֵּן מַאכְן שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה יז.) אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן, וְאָמְרוּ (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט' הֲלָכָה ח) אִי אֶפְשָׁר לְאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה וְאִי אֶפְשָׁר לְאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵיהֶן בְּלֹא שְׁכִינָה, אִין וִויסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ ס'הֶערְשְׁט דִי שְׁכִינָה דָארְטְן אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת י') שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שָׁלוֹם; אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען לֵייגְט אַרֵיין שָׁלוֹם אִין אַ אִידִישׁ הוֹיז דָאס הֵייסְט "שָׁלוֹם בַּיִת" שָׁלוֹם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען אִיז אִין שְׁטוּבּ.

**פָּאלְג** מִיר, זַיי נִישְׁט קַיין עַקְשָׁן, בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, וָוארוּם דוּ הָאסְט אִיר בַּאלֵיידִיגְט פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס עֶנְדִיגְן לְטוֹבָה, זַיי נִישְׁט קַיין בַּעַל גַאֲוָה אוּן בֵּייג אַרָאפּ דֶעם קָאפּ אוּן בֶּעט זִי אִיבֶּער.

**קֵיינֶער** אִין דֶער וֶועלְט הָאט נִישְׁט לִיבּ קַיין קְרִיטִיג מִכָּל שֶׁבֵּן אַ וַוייבּ, זִי מִיטְשֶׁעט זִיךְ גֶענוּג מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, בַּייטָאג בִּיזְטוּ נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אוּן בַּיינַאכְט שְׁלָאפְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיס, וֶוען זִי דַארְף אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדֶע צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה זֵייגְן דֶעם קִינְד וְכוּ' וְכוּ', פְּרֶעג אִיךְ דִיר פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אִיר קְרִיטִיקִירְן? זִי מִיטְשֶׁעט זִיךְ גוּט מִיט דִי קִינְדֶער, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אַיינֶערְקֶענֶען? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט אַלֶע זַיינֶע מֶענְטְשְׁן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין

דָאס וַוייבּ, און איר שׁוֹינֶען ווי זי מִיטְשֶׁעט זיךְ וְכוּ׳, צַעַר עִיבּוּר וְכוּ׳, צַעַר לֵידָה וְכוּ׳, צַעַר גִידוּל וְכוּ׳, דָאס אִיז בְּרֶסְלְבֶ׳ר חַסִידוּת, און אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען, און קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט זָאגְן אַנְדֶערְשׁ, מִיר הָאבְּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִין "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" און אִין "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן", דָאס אִיז דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט זיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן זֶעלְבְּסְט גֶעקְרוֹינְטֶע מַנְהִיגִים׳לֶעךְ וָואס זֶענֶען לֶעצְטְנְס אוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין בְּרֶסְלֶב ווי שְׁוֶועמְלֶעךְ נָאךְ אַ רֶעגְן, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף זֵיי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"א) זֵיי קֶענֶען זיךְ נִישְׁט פִירְן, וְויאַזוֹי קֶענֶען זֵיי פִירְן אַנְדֶערֶע? און בִּפְרַט אִין הַנְהָגוֹת פוּן בֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַז אָךְ און וֵויי אִיז דֶעם וָואס עֶר מִישְׁט זיךְ אַרַיין אִין דֶעם צוּזַאמְלֶעבְּן וְכוּ׳ און אִיז גוֹרֵם מַאכְן אַ פִּירוּד צְוִוישְׁן מַאן און וַוייבּ וְכוּ׳, דִי זֶענֶען רְשָׁעִים אֲרוּרִים וָואס דֶער גֵיהִנוֹם אִיז נִישְׁט גֶענוּג פַאר זֵיי, ווי וַואגְט זיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם שְׁלוֹם בַּיִת פוּן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק? און מִכָּל שֶׁכֵּן עֶר זָאגְט דָאס נָאךְ בְּשֵׁם בְּרֶסְלְבֶ׳ר חַסִידוּת וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַזֶעלְכֶע פַארְפִירֶערְס וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִיר הָאבְּן נִישְׁט, נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, אַז ווּאוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דֶעמָאלְטְס זֶעהְט עֶר גְלַייךְ וואוּ דֶער אֱמֶת אִיז.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**